STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07630

DI VIKHTIKSTE FIGURN UN MOMENTN IN DER IDISHER GESHIKHTE

Samuel H. Setzer

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווייכטיקסטע פיגורן און מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע

פון גלות בבל ביז צו דער חשמונאים תקופה

(עסייען, שטודיען און אַנאַליזן)

פון

ש. צ. וועצער

ערשטער טייל

פאַרלאַג „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק

1941

פון זעלבן מחבר:

א) רבי ישראל בעל שם טוב — 2 בענדער.
ב) צו דער אַנטשטייאונג פון קריסטענטום.
ג) די נסיעה פון רבי נחמן בראסלאַווער קיין ארץ ישראל.
ד) מדת הרחמים.
ה) פיגורן.
ו) וואונדער מעשיות פון רבי נחמן בראסלאַוער.
ז) „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק — 1934.
ח) „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק — 1935.
ט) „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק — 1936-7.

Copyright by Samuel H. Setzer, New York, 1942

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 West 21st Street
New York, N. Y.
255

איניקע באַמערקונגען

די תקופה פון גלות בבל אָן ביז צו דער צייט פון די חשמונאים, וועלכע ווערט באַהאַנדלט אין דעם דאָזיקן ווערק, איז אפשר, וואָס אַמבאַלאַנגט דעם געשיכטלעכן מאַטעריאַל אירן, די אינטערעסאנטסטע צווישן די אַלע פאַרשיידענע תקופות אין אונזער געשיכטע.

און ווי דער לעזער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען פון דעם נאָמען, וואָס דאָס דאָזיקע ווערק טראָגט אויף זיך, איז די דאָזיקע געשיכטע פון א גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווי א געוויינלעכע געשיכטע. זי איז אויף א גאַנץ אַנדער וועג געשריבן, ווי עס ווערן געוויינלעך געשיכטלעכע ווערק געשריבן. די טעמען, אויף וועלכע דער מחבר שטעלט זיך אָפּ אין דעם דאָזיקן ווערק זיינעם, ווערן פון אים אויף אַ ברייטן אויספירלעכן וועג באַהאַנדלט. דאָרטן, וואו עס איז נויטיק, האָט ער פיל פלאַץ אוועקגעגעבן סיי פאַר ריין וויסנשאפטלעכן שטודיום, סיי פאַר אויספירלעכע אַנאַליזן און קריטיק פון פאַרשיידענע היפּאָטעזן און באַהויפּטונגען. באַזונדערס זיינען אין דעם דאָזיקן ווערק פאַרטראָטן שטאַרק די דאָזיקע פון אַנאַליטישן און פאָרשענדן כאַראַקטער אָפּהאַנדלונגען אין אָט יענע פעלע ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַזוינע ענינים, וועגן אַזוינע פּראָבלעמען, בנוגע וועלכע עס איז ניטאָ קיין איניקייט צווישן די געלערטע, וואָס די געשיכטע פון אָט יענער לאַנג־ציענדער זיך תקופה איז דער אָביעקט פון זייער שטודיום.

די הויפּט אויפמערקזאַמקייט אָבער פון דעם דאָזיקן ווערק ווערט געהאַלטן דערויף — אין פולער ליטעראַרישער פאָרם און אין פולער באַאַרבעטונג א פאָלשטענדיק קולטור־היסטאָריש בילד צו געבן וועגן די פאַרשיידענע תקופות, וואָס ווערן אין דעם באַהאַנדלט; אין דער געהעריקער מאָס מיט דעם מעטאָד פון פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז, פון פּסיכאָלאָגישער באַלייכטונג זיך באַנוצן בנוגע די אָדער יענע וויכטיגע געשעענישן, וואָס זיינען אין די אָדער יענע צייט פראַגמענטן אין משך פון אָט יענע תקופות פאָרגעקומען; אין געבן אַן אויסשעפּנד כאַראַקטער־בילד פון דער אָדער יענער גרויסער אידישער פּערזענלעכקייט, וואָס האָבן אויף זייערע פּלייצעס אַ גאַנצן תקופה המשך אויסגעטראָגן, וואָס זיינען אין צענטער פון די גרויסע געשעענישן אין אידישן לעבן דאַן געשטאַנען.

אַ גאַנצע גאַלעריע פון גרויסע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט אין משך פון אָט יענעם לאַנגן פּעריאָד יאָרן, וואָס האָבן זייער שטעמפּל ארויפגעלייגט אויף דעם אידישן לעבן פון זייער צייט, וואָס דער איינפלוס פון זייער טעטיקייט איז לדורות געבליבן און האָט אויך די פאָרמען פון דעם ווייטערדיקן ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער אידישער געשיכטע געשטאַלטעט, ווערן אין דעם פאַר דעם לעזער ארויסגעבראַכט. און לויט זיינע פעאיקייטן און מעגלעכקייטן האָט זיך דער מחבר די גרעסטע אָנשטרענגונג געגעבן, אַז זיי זאָלן אין די אָפּהאַנדלונגען, וואָס ווערן זיי געווידמעט אין דעם דאָזיקן ווערק, זייער פאָלשטענדיקן תקון קריגן; אז דער לעזער זאָל זען פאַר זיך די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן אין דעם גאַנצן „שיעור קומה" זייערן; אין פולער פּסיכאָלאָגישער כאַראַקטער־שילדערונג פון זייער גייסטיקן און פּסיכישן איך. עס ווערן דאָרטן

פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר זיינע אויגן די אַלע פאַרשיידנסטע מאָמענטן פון זייער טעטיקייט און פון דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבן אויף דעם אידישן לעבן אויסגעאיבט.

אַ גאַנצע רייע פון בילדער און שילדערונגען וועגן די אַלע פאַרשיידענע ענטוויקלונגס־פאַזן, וואָס דאָס גייסטיקע און מאַטעריעלע אידישע לעבן האָט פאַר אָט יענער צייט דורכגעמאכט, וועגן די פאַרשיידענע באַוועגונגען און געשעענישן, וואָס זיינען דאָן אין אידישן לעבן פאָרגעקומען, ווערט דאָרטן אין ברייטע, פול־געצייכנטע ליניען פאַר די אויגן פון די לעזער דורכגעפירט.

דאָס דאָזיקע ווערק שטעלט אַזוי אַרום פאַר מיט זיך אַ קאָמבינאַציע פון אויספירלעכע שטודיומס, פאָרשונגען און אַנאַליזן און אָפּגערונדעטע און פאַרענדיקטע עסייען, מאָנאָגראַפיעס און אָפּהאַנדלונגען.

ביי אַלעם דעם אָבער — וויל איך האָפן — וועט דער לעזער אויסגעפינען, אַז דאָס ווערק ליידט ניט פון פראַגמאַטישקייט, אַז עס טראָגט ניט קיין כאַראַקטער פון א זאַמלונג פון באַזונדער שטייענדע און צופעליק צוזאַמענגעשטעלטע היסטאָרישע ארבעטן. ער וועט אויסגעפינען — וויל איך גלויבן — אַז דאָס גאַנצע ווערק איז פון א געוויסער אינטימער איינהייטלעכקייט דורכגעדרונגען, אַז די אַלע פאַרשיידענע ארבעטן זיינען צווישן זיך דורך איינגער האַרמאָנישער געקייטעלטקייט פאַראייניקט.

איינלייטונג

צער און פיין — ספעציעל, ווען זיי זיינען פון א קליינלעכן און באומרואיגענדן כאראקטער, ווי יסורים פון דחקות און פי־זישער קראנקהייט — דערנידעריקן אמאל דעם מענטשן און פארפירן אים ביז צו די לעצטע מדרגות פון די מ"ט שערי טומאה. די אומ־ענדלעכע יסורים, וואס שיטן זיך אויף איינעם, ברייננען אים אמאל צו מאראלישער געפאלנקייט. ער קומט דורך זיי צו א מדרגה פון „והתקצף וקלל במלכו ואלהיו". ער זוכט א זין און א צוועק פאר זיינע ליידן און ער געפינט זיי ניט —

טראכט ער זיך, אז „אין יתרון לצדיק מן הרשע", אז „לית דין ולית דיין", אז אלעם איז הפקר, אז נאר רשעות און ווילקיר הערשט איבער דער וועלט. די אומענדלעכע צרות, וואס ער טראגט איבער, מאכן אים פארביטערט און בייז און אטראפירן אין אים יעדן פארלאנג ניט נאר אנדערע פון זייערע צרות צו באפרייען, נאר אויך זיך אליין צו העלפן. ער ווערט דאן אפאטיש און פון פאטאליסטישע שטימונגען איבערוועלטיקט. ער לעבט זיך איין מיט זיינע ליידן און נעמט נאר אלס „עמק עכור" אויף די גאנצע וועלט, אלס עמק עכור, וואס וועט אויף שטענדיק שוין אלס אזעלכער פאר יעדן בלייבן, אלס עמק עכור, פון וועלכן מען באדארף ניט און מען וועט ניט זיך באפרייען קיינמאל.

דאגעגן דערהויבן אמאל די ליידן א מענטשן ביז צו די העכסטע הויכקייטן. אלס גרויסע און מעכטיקע כוואליעס דינען זיי אמאל פאר דעם מענטשן, אלס גרויסע און מעכטיקע כוואליעס, וואס שטורמען און ברויזן אויף אין אים די נשמה זיינע און ברענגען פון דארטן די פארבארגנסטע און פארהוילנסטע כחות לידי התגלות ארויס; די פארבארגנסטע און פארהוילנסטע כחות, וואס זיינען יארן און יארן אין די וויטסטע און פינצטערסטע ווינקעלעך פון זיין נשמה פארחלשט און אומטעטיק געלעגן. ער

ווערט דורך זיין גרויסן צער און פילע לײדן געלײטערט און גע־רייניקט, און זיי פילן אָן די אינערלעכע וועלט זיינע מיט אַ נייעם שיין און אַנייעם גלאַנץ, פון וועלכע ער האָט ביז יעצט ניט גע־וואוסט קיינמאָל. ער ווערט דורך זיי פאַרהאַרטעוועט און דערפילט אין זיך אַ שמשון־הגבור־גבורה צו טעטיק זיין און קעמפן אין לעבן. עס ווערט די ליניע פון פאַרצווייפלונג, איבער וועלכער זיינע לײדן האָבן אים געפירט, איבערגעבראַכן פּלוצלונג, און פון די לעצטע יאוש־פּונקטן גייט ער צו אַ טעטיקן און שאַפענדן אָפּטימיזם איבער. אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס אַ פאָלק אָדער אַן איינצלנער מענטש לעבט איבער קען אַמאָל די פּרוכטבאַרסטע ווירקונג אויף זייער לעבן האָבן. זיי קענען אַמאָל דורך דעם צו דער העכסטער מדרגה פון „עלית נשמה" דערגרייכן.

עס הענגט אָפּ דערפון פון וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די יסורים זיינען. די חכמי התלמוד האָבן פון דער דאָזיקער פאַרנאַנדערטיילונג געוואוסט. זיי האָבן איינגעטיילט די יסורים וואָס קומען אויף אַ מענטשן אין צוויי פאַרשידענע קאַטעגאָריען.*)

און אָט אַזאַ פּרוכטבאַרע ווירקונג האָט אויך געהאַט די שרעק־לעכע קאַטאַסטראָפע פון חורבן בית ראשון אויף דעם אידישן פאָלק. זי האָט איר גינסטיקן איינפלוס אויסגעאיבט אויף דעם אידישן פאָלק אין אַזאַ מאָס, צו וועלכער עס איז קיין צווייטער פאַל אין דער מענטשלעכער געשיכטע פאַראַן. עס איז נאָך קיינמאָל ניט קיין פאָלק אַזוי געהייליקט און גערייניקט געוואָרן דורך אַ קאַטאַסטראָפע אין זיין לעבן, ווי דאָס אידישע פאָלק איז דורך אָט יענער קאַטאַ־סטראָפע געהייליקט און גערייניקט געוואָרן. די יסורים, וואָס האָבן זיך וועגן אויף דעם קאָפּ פון אַ פאָלק געשאָטן, האָבן נאָך קיינמאָל ניט אַזוי ראַדיקאַל זיין פּסיכיק געענדערט. צער־און־פּיין־מאָמענטן האָבן נאָך קיינמאָל ניט ביי קיין אַנדער פאָלק אַזוי פיל נייעם און טיפן אינהאַלט געשאַפן, ווי עס האָט עס געטאָן אָט יענער גרויסער צער־מאָמענט, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט דורך דעם חורבן בית ראשון איבערגעלעבט.

---

*) אין „יסורים של אהבה" און אין יסורים, וואָס קומען אויף דעם מענטשן אלס עונש פאַר די זינד זיינע. און זע ברכות ה׳.

איינלייטונג

נאטירלעך, באדארף מען אבער דאס אלעם ניט אין אן איבערטריבענעם זין פארשטיין. מען באדארף עס ניט פארשטיין אין דעם זין, אז דאס אידישע פאלק איז ערשט אין גלות בבל פארמירט געווארן אלס נאציע, אז ביז דאן איז דאס אידישע פאלק גאר אינגאנצן קיין נאציאנאלער קאלעקטיוו ניט געווען און האט גאר אינגאנצן קיין אייגענעם אינהאלט ניט פארמאגט, ווי עס טוען עס פילע פון די ניט־אידישע פארשער, און צוזאמען מיט זיי גייען, ליידער, איבער דעם זעלבן וועג אויך איניקע אידישע געלערטע. אויף דעם סמך פון א ביבעל־קריטיק, וואס שטייט אונטער יעדער קריטיק אין גרעסטן פראצענט אירן, קומט לויט זיי אויס, אז דאס אידישע פאלק איז די גאנצע צייט ביז גלות בבל פון פרימיטיווע און ווילדע מאסן פון עובדי עבודה זרה באשטאנען, וואס האבן קיינמאל ניט קיין קאלעקטיוון נאציאנאלן באוואוסטזיין פארמאגט און האבן געלעבט די גאנצע צייט אן היסטארישע טראדיציעס, אן א היסטארישן זכרון און אן א רעליגיעזער קולטור, ניט אונטערשיידנדיק זיך מיט גאר ניט, כמעט, פון די אלע ארומיקע פעלקער און שבטים, צווישן וועלכע זיי האבן געלעבט. לויט זיי נאך קומט אויס, אז ביז גלות בבל איז גאר אינגאנצן קיין אידיש פאלק און קיין אידישע ליטעראטור ניט געווען. דאס אלעם איז ערשט אין גלות בבל געווארן.

דאס אלעם איז אבער שוא ושקר.

דער נר תמיד פון דער אידישער נשמה האט שוין גאר פון די פריסטע צייטן אין דער אידישער געשיכטע אנגעהויבן צו ברענען און איז קיינמאל ניט גאר אינגאנצן אויך פאר דער צייט אויסגעלאשן געווארן. דער אונטערשיד איז געווען נאר אין דעם, וואס אמאל האט דאס פייער זיינס העלער און שענער געפלאקערט און אמאל איז דאס שטילער און שוואכער געווארן.

ניט שטענדיק האבן די אידן אויך פאר דער גאנצער צייט פון בית ראשון און נאך פריער אין טומאה געזונקען, ניט שטענדיק זיינען זיי אויך דאן הויל און נאקעט פון תורה און מצוות געווען.

די אויסגראבונגען פון די לעצטע יארן האבן באשטעטיקט ביז צו די קלענסטע דעטאלן דעם גרעסטן טייל פון דעם געשיכטלעכן מאטעריאל, וואס געפינט זיך אין תנ"ך וועגן אידישן פאלק און

אויך וועגן אנדערע פעלקער פאַר פילע הונדערטע יאָרן פאַר דעם חורבן בית ראשון. זיי האָבן דאָס אַלעס באַשטעטיקט און האָבן אונז מיט דער גרעסטער ענטציקונג פאַר דעם תנ״ך אוועקגעשטעלט. ווארום מיר ווייסן ווירקלעך ניט וואָס מער צו באַוואונדערן: די מערקווירדיקע פיינע בעאַרבייטונג, וואָס אָט יענער ניי־אַנטדעקטער געשיכטלעכער מאַטעריאַל געפינט פאַר זיך אין תנ״ך, דער מערק־ווירדיקער אייגנאַרטיקער היסטאָרישער טאָן, אין וועלכן עס ווערט דאָרטן וועגן אָט יענע אַלע ניי־ענטדעקטע געשיכטלעכע פּאַסירונגען געשריבן; אָדער די גענויקייט, די פּינקטלעכקייט און אויספירלעכ־קייט, מיט וועלכע עס ווערן אונז דאָרטן אָנגעגעבן די נעמען פון די אַלע העלדן, וואָס האָבן זיך אין יענע פּאַסירונגען באַטייליקט, די נעמען פון די אַלע געאָגראַפישע פונקטן, וואו די דאָזיקע פּאַסירונ־גען האָבן פאַר זיך פּלאַץ געפונען, און די אַלע פאַרשידענע דעטאַלי־זירטע איינצעלהייטן וואָס זיינען מיט זיי מיטגעגאַנגען.

און ניט ווייניקער אמת איז אויך פאַראַן אין אָט יענעם בילד, וואָס מיר געפינען אין תנ״ך וועגן דעם גייסטיקן און קולטורעלן לעבן פון אידישן פאָלק אין די ערשטע מאָמענטן פון זיין ארויסטרעטן אויף דער ארענא פון דער געשיכטע אַלס באַזונדער און אייגנאַרטיק פאָלק און אין די אַלע ווייטערדיקע מאָמענטן פון זיין געשיכטע ביז צו גלות־בבל.

און פון דעם בילד, וואָס דער תנ״ך גיט אונז וועגן דעם אַלעם, זעען מיר, אַז דאָס אידישע לעבן איז כלל ניט געווען אין משך פון דער דאָזיקער גאַנצער צייט א גייסטיקער מדבר, אז די אידן האָבן כלל ניט די גאַנצע צייט ביז גלות בבל א לעבן פון ללא תורה ומצוות געלעבט.

אמת, עס זיינען פאַראַיבער אין משך פון אָט יענער תקופה לאַנג־דויערנדע פעריאָדן־יאָרן, אין וועלכע פילע פון די מצוות התורה זיינען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, אין וועלכע די אידן פלעגן דאַן אויך אויף פילע עבירות עובר זיין. עס זיינען דאַן פילע פעריאָדן יאָרן פאַראיבער פון גייסטיקן פאַלן, פון מאָראַלישן זינקען. זיי האָבן זיך אין געוויסע פעריאָדן יאָרן אין משך פון יענער תקופה צום עבודה זרה קולט איבערגעגעבן.

די אידן זיינען אין די ערשטע מאָמענטן פון זייער געשיכטע אַלס

א נאָמאדן־פאָלק ארויסגעטראָטן. זייער גאנצע פסיחיק, זייער גאנ־צער נאַציאָנאַלער איך האָט זיך אין דער מדבר פאָרמירט. זיי זיינען ניט אין קיין שטעט געזעסן. זיי פלעגן ארומוואנדערן פון אָרט צו אָרט. און פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן אויף א ווײַלע — האָבן זיי אויסער שטאָט געוואוינט אין געצעלטן. זיי האָבן זיך ניט באשעפ־טיקט מיט קיין ערד־ארבעט, נאָר מיט האָדעווען פי.

האָט דאָס אלעס זייער אינדיווידועלן איך געשטאַלטעט, האָט דאָס אלעס דעם אופן פון זייער באנעמען די וועלט פאָרמירט. האָט דאָס אלעס זיין שארפן שטעמפּל אויף זייער אַרט לעבן און אויף זייערע פירונגען ארויפגעלייגט.

די מדבר איז מאָנאָטאָן. זי ווייסט ניט פון קיין פארשיידענ־קייטן. און ווייט און ברייט אָפן זיינען די האָריזאָנטן פון דער מדבר. ווערט אלעס אונטער זיי אין איין איינהייט פאראייניקט. געפינט דאָרטן דער מענטש דעם וועג, וואָס קען אים צום רשות היחיד פון יחידו של עולם פירן. דערזעט ער דעם איינעם קוואל, פון וועלכן עס שטראָמט פאר דעם גאנצן גרויסן און אומענדלעכן יש לעבן ארויס.

און ניט נאָר דעם געדאנק פון מענטשן הייליקט און רייניקט די מדבר, נאָר אויך דעם טאָט זיינעם. באגרענעצט איז די פרייד, וואָס די מדבר קען דעם מענטשן געבן. זי האָט ניט קיין מותרות אָנגעגרייט פאר אים. איז דער מענטש דאָרטן איינגעהאַלטן און פון תאוות פריי.

די מדבר קען נאָר פרייד געבן, אָבער ניט קיין פריילעכקייט. פרייד פון דענקען און טראכטן און אינערלעכער קאָנצענטרירונג, אָבער ניט קיין פריילעכקייט פון צופיל געניסן און איבערזעטיקן זיך.

אָט אזא מדבר־דערציאונג האָט דאָס אידישע פאָלק געהאַט.

און דעריבער האָט געמוזט קומען אן איבערברוך אין דער פסיחיק פון אידישן פאָלק אין דעם מאָמענט, ווען זיי זיינען פון א „יושבי אהלים” פאָלק פארוואנדלט געוואָרן אין א פאָלק, וואָס באשעפטיקט זיך מיט אגריקולטור און מסחר, אין א פאָלק פון שטאָטישע איינוואוינער.

דאָס געטער גלויבן און גאָטעס דינסט פון די אוראַלטע פעלקער אין ארץ ישראל און ארום איר איז ביז צום גרעסטן גראד איינג פאר־

בונדן געווען מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך מיט אגריקולטור און מסחור באַשעפטיקט. אָט די באַשעפטיקונגען זייערע זיינען געווען דער באָדן, אויף וועלכן עס האָבן זיך זייערע אַלע מיסטעריעזע ריטואַלן און זייער געטער־גלויבן צעבלים. זיי זיינען געווען די סיבה ראשונה פון אַלע זייערע אומווירדיקע מעשים, פון זייער סעקסועלער אויסגעלאַסנקייט.

און דעריבער, ווען אויך דאָס אידישע פאָלק איז אַן „עם היושב על שמריו", ווי אַלע אַנדערע פעלקער, געוואָרן, איז דאָס אויך אונטער דער ווירקונג פון געצנדינערישן קולט אונטערגעוואָרפן געוואָרן, ווי עס זיינען אונטער זיין ווירקונג די אַלע אַנדערע פעלקער אונטערגעוואָרפן געוואָרן, און דעריבער האָט דאַן אויך דאָס אידישע פאָלק אין טומאה און זוהמא אַנגעהויבן צו זינקען.

נאָך די „ויעזבו את אלהי אבותיהם" תקופות, אָבער, פלעגן די תקופות פון „ויצעקו אל אלהי אבותיהם" קומען. נאָך די מאָמענטן פון פאַלן זיינען געקומען די מאָמענטן פון דערהויבונג.

און אויך אפילו אין יענע יאָרן פון גייסטיקער נפילה פלעגן זיך ביים אידישן פאָלק גייסטיקע ריזן געפינען, וואָס אין זייער הארץ האָט דאָס הייליקע פייער ניט אויפגעהערט צו ברענען. אויך דאַן האָבן זיך פילע פערזענלעכקייטן ביי אידן געפונען, וואָס האָבן פאַרטגעזעצט צו שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון דער אידישער טראַדיציע, וואָס האָבן גאַנץ געהאַלטן די גאָלדענע קיים פון אידישן ריינעם רעליגיעזן באַגריף און אידישער ריינער לעבנס־אויפפירונג.

די נביאים, וואָס האָבן אין די אַלע תקופות פון בית ראשון, ווי אַ שטענדיקער עמוד האש געלויכטן אין אידישן לעבן, זיינען אויף דער וואַך שטענדיק געשטאַנען צו קעמפן פאַר די אַלטע אידישע טראַדיציעס און צו ריניקן און הייליקן דאָס אידישע לעבן.

און אויך נאָך גאָר פריער זיינען די נזירים געווען, אין די הערצער פון וועלכע עס האָט אַ בענקשאַפט אַ שטאַרקע געלעבט נאָך די צייטן, ווען די אידן זיינען נאָך אַ פאָלק פון יושבי אהלים געווע, און זיי זיינען נאָך דאַן פריי געווען פון דער דעמאָראַליזירנדער ווירקונג פון דער שטאַטישער קולטור און ערד־באַשעפטיקונג. עס האָט אין זייערע הערצער אַ שטאַרקע בענקשאַפט נאָך יענע צייטן

געלעבט און זיי האָבן גענומען אויף זיך ,אַכצותאָן זייערע עלטערן און פירן דעם אייגענעם אַרט לעבן וואָס יענע האָבן געפירט, דורך דעם, וואָס זיי האָבן קיין וויין ניט געטרונקען און געלאָזט די האָר פון זייער קאָפּ וואַקסן און פלעגן זיך פון רווישיקן און טומעלדיקן שטאָטישן לעבן דערווייטערן.

און דאָ און דאָרטן זיינען אויך גאַנצע פאַמיליען־שטאַמען געווען, וואָס „לא טומאה נפשם בהם" קיינמאָל, וואָס זיי האָבן פון די גאָר פריסטע צייטן ביז צו די גאָר שפּעטסטע א ריין און כשר לעבן געפירט. עס האָט זיך קיינמאָל ניט קיין אָפּצווייגונג פון זיי פון דרך הישר אַראָפּגעגליטשט. אַט אַזאַ איז דער פאַמיליען־שטאַם פון די בני רכב געווען, און צווישן די משפחות פון די כהנים איז אַזאַ געווען די גאַנצע פאַמיליען־קייט וואָס האָט זיך פון פּנחס און צדוק געצויגן. אין די ערגסטע צייטן אפילו איז דער דאָזיקער פאַ־מיליען־שטאַם ריין פון טומאה געבליבן.

און ניט אַליין זיינען די נביאים געווען. זיי זיינען ניט געווען קיין איינצלנע דערשיינונגען. דער נביאים־אינסטיטוט איז ניט נאָר אין איכות א באַדייטנדע און אָנגעזעענע קראַפט אין אידישן לעבן געווען, נאָר אויך אין כמות. זיי זיינען ניט אַליין אויף דעם שלאַכט־פעלד געשטאַנען צו קעמפן געגן די נביאי השקר און געגן די אַלע פאַרשידענע פאָרמען פון עבודה־זרה קולט. עס האָבן זיי באַדייטנדע מחנות פון תלמידים און אָנהייגער אין זייער הייליקן קאַמף גע־האָלפן. אַלע גרויסע נביאים פון די פאַרשידנסטע תקופות זיינען שטענדיק אַרומגערינגלט געווען פון פאַרשידענע גרופן פון „להקת נביאים", „הבל נביאים", „יוצקי מים", „נביאים־קינדער" און „ענוי ארץ", וועלכע האָבן מיט דער גרעסטער מסירות נפש די לערן פון זייערע רביים צווישן דעם פאָלק פאַרשפּרייט.

אפילו אין יענע צייטן האָט זיך שטאַרק און מעכטיק דאָס קול פון די נביאים געהערט און איז ניט אינגאַנצן אָן איינפלוס געבליבן. נאָך דעם גאַנצן אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט צווישן דעם פּרינציפּ פון מלוכה און פּרינציפּ פון נבואה עקזיסטירט, האָט דאָך קיינמאָל די מלוכה ניט געקענט זיך גאָר אינגאַנצן פון דעם קאָנטראָל פון דער נבואה זיך באַפרייען, האָט זי זיך דאָך שטענדיק אין א געוויסער

פאָרם אונטערגעוואָרפן אונטער איר געפילט. עס זיינען געווען פעלע, ווען אייניקע מלכים זיינען גאָר אינגאַנצן געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון די נביאים, וואָס האָבן אין זייער צייט געלעבט, ווי דוד, שאול און חזקיהו און אייניקע אַנדערע. די דאָזיקע מלכים זיינען די טרייעסטע תלמידים פון די נביאים געווען און האָבן זיך אין אַלעם לויט די רייד פון די נביאים געפירט. אין געוויסע צייטן אָבער און אין געוויסע פעריאָדן אין זייער לעבן האָבן פילע, גאָר פילע אידישע מלכים אונטער דעם איינפלוס פון די נביאים פון זייער צייט זיך אונטערגעוואָרפן. און אפילו ווען די קאָפּ פון דער רעגירונג און די הויפּט יועצים זיינע זיינען געווען קעגן דעם נביא און קעגן זיין פּאָליטיק און קעגן דער אַגיטאַציע, וואָס זיי — די נביאים האָבן צווישן אידישן פאָלק געפירט, אפילו דאַן פלעגן זיך געפינען צווישן דער קעניגליכער משפחה און צווישן די פאַרשיידענע וויכטיקע הויף־מענטשן פילע טרייע אָנהייננגער און איבערגעבענע פריינט פון נביא, ווי עס איז דער פאַל מיט ירמיהו הנביא געווען. וואָרים אַנדערש וואָלטן דאָך די נביאי האמת גאָר קיין תקומה ניט געווען געקענט האָבן; אַנדערש וואָלטן זיי דאָך אויך דעם מינדעסטן באַדן ניט געווען געקענט האָבן אָנצופירן אירגנד וועלכע טעטיקייט אפילו.

און ניט נאָר פון די העכערע קלאַסן אליין פון אידישן פאָלק האָט זיך ניט קיינמאָל די געבענשטע השפעה פון די נביאים אָפּגעטאָן. אין די ערגסטע צייטן אפילו פון מאָראַלישער געפאַלנקייט און רעלי־גיעזער פאַרשטויסנקייט האָבן די נביאים נאָך אויך צווישן פּראָסטן פאָלק פילע גרויסע מחנות פון אָנהייננגער געהאַט. מען מוז געדענ־קען שטענדיק, אז דער כח פון דער נבואה איז אין די ערגסטע צייטן אפילו ניט גאָר אינגאַנצן צעשמעטערט געוואָרן, אז די נביאים זיינען אין די ערגסטע צייטן אפילו א גלייכער כח מיט די נביאי השקר געווען. אז ווי גרוים עס איז ניט געווען אין א געוויסער תקופה דער איינפלוס פון די נביאי השקר אויף דעם אידישן פאָלק, איז אויך דאַן ניט קלענער געווען דער איינפלוס, וואָס די נביאי־האמת האָבן אויף די אידישע מאַסן געהאַט. אז ווי גרוים עס איז ניט די אָנהענ־גערשאַפט פון די נביאי השקר געווען, איז דאָך אויך די אָנהענגער־שאַפט פון די נביאי האמת געננוג באַדייטנד געווען. ווי גרוים עס

זיינען ניט אמאָל געווען ביי אידן די צאָל פון די וואָס „כרעו ועבדו לבעל", זיינען נאָך אויך דאָן די וואָס „לא כרעו ולא עבדו לבעל" גאָר אין א גרויסער צאָל געווען.

און אויך די נזירים פון די גאָר פריערדיקע צייטן, האָבן טראָץ אַט דעם נאָמען, וואָס זיי האָבן אויף זיך געטראָגן, און טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן אין זייער געדאַנק און אין זייער פירונג אין די אלטע פארגאנגענע וועלטן געלעבט, א גרויסן איינפלוס אויף דעם אידישן פאָלק אויסגעאיבט און האָבן אָפטמאָל אויך די פירערשאַפט פון פאָלק איבערגענומען. ווען עס איז דער נויטיקער מאָמענט געקומען, האָבן זיי זייער אָפּגעזונדערטקייט אויפגעגעבן און פון זייער התבודדות זיך אָפּגעזאָגט און געשטעלט זיך אָן דער שפּיץ פון אידישן פאָלק, וואָס האָט שטענדיק זייער הויכן אויטאָריטעט אָנערקענט, וואָס האָט שטענדיק מיט גרוים כבוד און ערפורכט זיך באצויגן צו זיי, און זייערע מלחמות געפירט.*)

אין אַן אבסאָלוטער מדבר קען גאָר נישט ניט וואַקסן. אויף זאמד קען מען גאָר ניט פארזייען. ווי הויך די אינטעליגענץ פון א פאָלק זאָל ניט אויסוואַקסן, קען זי דאָך ניט דאָס פאָלק, פון וועלכן זי שטאַמט, איבערוואַקסן. די אינטעליגענץ פון א פאָלק לעבט קיינמאָל ניט דאָס לעבן פון א פאראזיט, ווי אַן אויסערליכער צוגע־זעצטער גליד, נאָר ווי אייגן פלייש און בלוט פון פאָלק. דער מקור פון די „צנורות השפעה", וואָס ברענגען אריין די געבענשטע שפע זייערע אין דער טעטיקייט פון די יחידי סגולה, פון די איינצלנע, געפינט זיך שטענדיק אין פאָלק גופא. א פאָלק וואָס קען ניט אין געוויסע מאָמענטן פון זיין לעבן אין הייליקן פאַטאָס לעבן; א פאָלק, וואָס ווייסט גאָר אינגאנצן ניט, וואָס קדושה און טהרה איז, ביי אזא פאָלק קענען קיין נביאים ניט זיין. „ומי יתן כל עם ה' נביאים". דערויף, אַז עס זאָלן קענען ביי א פאָלק נביאים זיין, באַדאַרף דאָס גאַנצע פאָלק אַן עם ה' זיין. דערויף

---

*) דער „בפרוע פרעות בישראל" אין שירת דבורה ווערט אויסגעטייטשט פון באַרימטן ענגלישן געלערנטן וו. ר. סמיט — ווי עס ווערט געבראַכט אין זיין נאָמען אין ספר הנזירים פון בר טוביה — ווען די מיט האָר באַוואַקסענע — די נזירים — האָבן באַוויליקט אַן דער שפּיץ פון פאָלק זיך שטעלן, זיינע פירער ווערן. איך געדענק אָבער ניט וואו עס געפינט זיך ביי אים.

אז א פאָלק זאָל קענען פון זיך גרויסע נביאים ארויסברייגגען, מוז דאָס אליין אין זיך א געוויסע „הכנה לנבואה" פאַרמאָגן.

און אָט אזא הכנה לנבואה האָט שטענדיק אויך דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט.

אין די ערגסטע צייטן אפילו האָט זיך ניט גאָר אינגאַנצן פון אידישן פאָלק די שכינה אָפגעטאָן. אז עס זיינען דאָ מוכיחים פיל איז א סימן אז עס זיינען דאָ חוטאים פיל. עס איז אָבער אויך א סימן אויף „עוד לא פסו אמונים מקרב הארץ", אז עס געפינען זיך נאָך מענטשן, וואָס זייערע אויערן זיינען ניט פארשטאָפּט גאָטס וואָרט צו הערן.

אמת, די נביאים האָבן געהאַלטן אין איין קלאָגן זיך, אז דאָס אידישע פאָלק איז אן „עם כבד עון" געוועזן, א פאָלק פון „זרע מרעים", פון „נאצו תורת אב" און „בזו ליקהת אם".

עס איז אָבער זיכער, אז די שטראָף־רייד פון די נביאים זיינען שטענדיק שטאַרקער פון די זינד פון די אידן געוועזן. עס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער אידישער געשיכטע געוועזן, אז דער רוף פון „יצר טוב" צו תשובה האָט זיך ביי אונז שטענדיק שטאַרקער און הילכיקער געהערט ווי דער רוף פון „יצר הרע" צו זינדיקן.

און פון די שפּעטערדיקע דורות, וואָס אין באַצוג צו זיי קען מען מיט דער זיכערסטער געוויסהייט די אויבענדערמאָנטע באַהויפּטונג מיינע מאַכן, קען מען אויך אויף אָט יענע גאָר ערשטע צייטן לערנען.

מיר זעען אין די תשובות און ספרים פון די גרויסע גאונים, וואָס האָבן געלעבט אין אזוינע דורות און אין אזוינע לענדער, ווען און וואו עס האָבן איבעראַל גרויסע ישיבות געבליט, ווען און וואו די תורה איז צווישן די אַלע שיכטן פון פאָלק פאַרשפּרייט געוועזן און זיי זיינען גרויסע מדקדקים במצוות געוועזן, ווי זיי האַלטן אין איין אָפּעריִרן מיט די אויסדריקע פון „בעונותינו הרבים", וואָס מיר לעבן אין א צייט פון שהדור פרוץ מאד" און איז „נוהג קלות ראש במצוות", „בעוונותינו הרבים", וואָס מיר לעבן אין א צייט, וואָס „נשתכחה תורה מישראל".

איינלייטונג

אונזערע גרויסע גייסטיקע פירער האָבן עפּעס שטענדיק א מאָדנע פאַרגניגן געהאַט צו האַלטן אין איין קלאָגן זיך, אז מען האָט אויפגעהערט די תורה צו לערנען און די מצוות צו מקיים זיין.

און צו דעם אַלעם אויבנגעזאָגטן באַדאַרף נאָך אויך צוגעגעבן ווערן, אַז וואָס אַמבאַלאַנגט דעם ענין פון עבודה זרה, אין וועלכן די אידן זיינען ביז צו תקופת בבל נכשל געוואָרן, איז די זאַך גאָר ניט אַזוי פּשוט בתכלית הפּשטות.

אין פילע פעלע איז דאָס דינען פון דער עבודה זרה פאַר יענער צייט געווען ניט מער ווי אַן „עבודה שנתרוקנה מתוכנה", אָדער נאָך ריכטיקער: זי האָט דאַן גאָר אינגאַנצן קיינמאָל קיין אינהאַלט ניט פאַרמאָגט. זי איז ניט געווען קיין זאַך פון אינערלעכן גלויבן. זי איז נאָר פון טעכנישער אַקטיוויטעט באַשטאַנען. זי איז ניט מער ווי אַן אַקט פון אויסערלעכער אַסימילאַציע געווען. עס איז אָבער אין איר קיין געדאַנק, האַרץ און נשמה ניט אַריינגעלייגט געוואָרן. אויך קניענדיק צום בעל, האָבן די אידן אין פילע פעלע צו גאָט געדינט. און דאָס איז דער מיין, גלויב איך, פון מאמר פון אונזערע קדמונים אויף דעם פּסוק: „ויעלו בית יוסף גם הם בית אל וה' עמם".*) אַז „אַפילו בשעת די אידן זיינען געגאַנגען דינען די עבודה זרה — אַפילו דאַן איז גאָט מיט זיי מיטגעגאַנגען".

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז פּונקט ווי עס איז פאַראַן אַ „מצות אנשים מלומדה", אַזוי איז אויך פאַראַן אַן „עבירת אנשים מלומדה". פּונקט ווי מען קען מקיים זיין אַ מצוה נאָר „מן השפה ולחוץ" און דאָס האַרץ זאָל ניט זיין דערביי, אַזוי קען מען אויך טאָן אַמאָל אַן עבירה נאָר „מן השפה ולחוץ", אָן דעם אַנטייל פון האַרץ. פּונקט ווי עס איז פאַראַן דער ענין פון מאַשינמעסיקייט ביי מצוות, אַזוי איז אויך פאַראַן דער ענין פון מאַשינמעסיקייט ביי עבירות.

---

*) פּסיקתא עשר תעשר. איך קען זיך ניט אָפּהאַלטן פון ציען די אויפמערקזאַמקייט פון לעזער אויף דער מערקווירדיקער טיפער היסטאָרישער אויפפאַסונג פון דערשיינונגען, וואָס געפינט זיך אין דעם דאָזיקן מאמר חז"ל.

אין פילע פעלע, באדארף מען דיינקען, איז ווירקלעך דאס דינען פון דער עבודה זרה ביי די אידן אין דער צייט פון בית ראשון געווען ניט מער, ווי נאר אן אקט פון אויסערלעכער אסימילאציע, אן אקט פון איינגעגען זיך די אויסערלעכע פארמען פון לעבן פון די פעלקער, וואס האבן געלעבט צווישן זיי און ארום זיי, אבער ניט קיין אקט פון אינערלעכן איבערברעכן זיך, אן אקט פון אפזאגן זיך פון אל אלהי ישראל און אנהויבן מיט אן אמת גלויבן אין פרעמדע געטער.

עס איז דא א געוויסער רייץ ביי די ברייטע מאסן פאר די מיסטעריעזע ריטואלן, פאר די פייערלעכקייטן פון יעדן רעליגיעזן קולט. עס ווילן שטענדיק אפעלירן צו זיי די פארמען און דער צערעמאניאלער נמוס פון א רעליגיע, ווען זיי זאלן אפילו פרעמד און ווייט בלייבן פון תוך אירן, פון איר אינהאלט און פון אירע עיקרים. ספעציעל נאך, ווען דאס אלעס איז ניט בלויז פון ריינעם רעליגיעזן כאראקטער, נאר עס איז אויך פאראן אין דעם אן עלעמענט פון געזעלשאפטלעכקייט, פון אלגעמיינער פאלקס פרייד, א סימבאל פון צופרידנקייט און דאנקבארקייט פאר ערדישן גליק און מאטעריעלן וואוילזיין.

און דעריבער, מעגלעך, זיינען אפילו אט יענע עלטער־באבעס אונזערע, וואס האבן דעם תמוז באוויינט אויך כלל ניט אזוינע איינפאכע עבודה זרהניקעס געווען. דער תמוז־קולט איז ניט פון אן אויסשליסלעך רעליגיעזן כאראקטער געווען. עס איז מיט אים פארבונדן געווען די פרימיטיווע פרייד פון דעם פארצייטיקן מענטשן מיט דער באנייאונג פון דער נאטור, דער אויסדרוק פון זיינע האפ־נונגען און דערווארטונגען אויף די רייכע אוצרות, וואס די ערד טראגט פאר זיי ביי זיך אין שוים אנגעגרייט. און פון ענלעכן כא־ראקטער זיינען אויך נאך אנדערע „עבודה-זרה" קולטן געווען.

עס קען זיין, אז אין פילע פעלע, האבן די נביאים א רעכט געהאט צושליידערן אין אידישן פאלק די באשולדיקונגען פון עבודה זרה דינען, פון אין דעם אידישן גאט לייקענען, אויף דעם סמך פון דעם אשרה קולט און תמוז קולט און אנדערע ענלעכע קולטן, וואס זיי האבן פראקטיצירט, פונקט ווי מיר וואלטן היינטיקע צייטן א רעכט געהאט אלס אויס אידן צו באטראכטן, אלס צום קריסטלעכן גלויבן איבערגעגאנגענע, אט יענע אידישע פאמיליעס, וואס פייערן יעזוס

נעבורט אלע יאר מיט אן אילומינירטן בוים און מיט די אלע איבעריקע פייערלעכע קלאפערנעצייגן.

פונקט, ווי מען קען ניט זען, חלילה, דעם קריסטוס־קולט אין די קריסטמוס פייערונגען, וואס קומען פאר דא און אין אייראפא אין די אידישע הייזער, אין די אילומינירטע קריסטמוס בוימער, וואס ווערן דארטן געשטעלט, פונקט, ווי דאס באווייזט נאך ניט, אז פילע אידן האבן, חלילה דאס קריסטענטום אנגענומען און פון אידישן גלויבן זיך אפגעזאגט, פונקט, ווי דאס אלעס איז ניט מער, ווי נאר אן אקט פון אויסערלעכער אסימילאציע, אזוי זיינען אויך פילע עבודה־זרה־אקטן, וואס האבן פאר זיך פלאץ געפונען אין אידישן לעבן דאמאלס ניט מער, ווי נאר דאס געווען, און זיי קענען אונז כלל ניט אלס עדות דינען, אז די אידן זיינען דאן שטענדיקווירקלעכע עובדי עבודה זרה געווען.

איך האב אביסל מאריך געווען וועגן דעם ענין, ווייל איך האלט דאס אלעס פאר זייער וויכטיק צו קענען דורך דעם פארשטיין די וויטערדיקע געשיכטע אונזערע. דורך דער דאזיקער באלייכטונג און אויסטייטשונג, וואס איך האב דא אין אלגעמיינע שטריכן געגעבן וועגן דעם אידישן לעבן פאר דער צייט פון בית ראשון, וועט דער לעזער האבן די מעגלעכקייט צו זען וויטער, אז פילע פאסירונגען, וואס זיינען פון גוואלדיק גרויסער באדייטונג געווען איז דער אור־שפרונג זייערער אין אידישן לעבן פון דער צייט פון בית ראשון געווען, אז זיי זיינען נאר א מער פאלקאמענע ענטוויקלונג פון דעם אלעם, וואס איז שוין דאמאלס פארזייט געווארן. דורך דעם אלעם וועט דער לעזער האבן די מעגלעכקייט צו זען די איינהייטלעכקייט פון דער אידישער געשיכטע, דעם „נעוץ סופה בתחילתה אירן.

דאס אלעס וועט אים געבן די מעגלעכקייט צו אט יענעם אמת דערגיין, אז די אידישע געשיכטע איז קיינמאל ניט איבערגעהאקט געווארן אין מיטן, עס זאל זיך נאך דעם אפרים גאר א גאנץ נייע געשיכטע אנהויבן, אז די אידישע געשיכטע איז אין די אלע אירע פעריאדן פארשיידענע איין גאנצעס: יעדע פעריאדע איז פון דעם פריערדיקן פעריאד א פארטזעצונג און פון דעם קומענדן אן אנהויב.

ווארום עס האָט אַן ענגע פאַרבינדונג עקזיסטירט צווישן די אַלע פאַרשיידענע גרופּן, צו וועלכע די אידישע געשיכטע האָט אַ נעגאַטיווע באַציאונג פעסטגעשטעלט, ווי די נביאי השקר, מתיונים און צדוקים פון איין זייט, און צווישן די אַלע פאַרשיידענע אָנער־קענטן אידישע גרופּע, ווי די נזירים, נביאי האמת, חסידים און פרושים פון דער אַנדערער זייט.

אַ גרויסער טייל פון דעם גאַנצן אינערלעכן קאַמף ביים אידישן פאָלק מיט פילע דורות שפּעטער נאָך דעם חורבן בית ראשון, האָט פאַר זיך שוין אין די גאָר גאָר אַלטע צייטן פון דער אידישער געשיכטע אַ באַדן געפונען.

דער קאַמף פון די צדוקים און פרושים איז ביז צו גאָר אַ גרויסער מאָס דער זעלבער קאַמף געווען, וואָס די נביאי האמת און נביאי השקר האָבן צווישן זיך אָנגעפירט. און פון די שפּעטערדיקע איסיים האָט אַ גראַדער און פרייער היסטאָרישער וועג געפירט צו די אַלטע נזירים פון די שופטים צייטן.

סיי ווי אָבער לאָמיר זיך אומקערן איצט צו דעם, וואָס איך האָב אָנהויב פון דער דאָזיקער איינלייטונג געזאָגט, אַז דער צער־מאָמענט, וואָס די אידן האָבן דורך דעם חורבן בית ראשון איבער־געלעבט ,האָט אַ וואונדערבאַרע ווירקונג געהאַט אויף דעם אידישן פאָלק, צו הייליקן און רייניקן זיין לעבן.

עס איז דאָ ווירקלעך אַ גרויסער וואונדער געשען. אַ גאַנץ פאָלק האָט אין אַ משך פון אַ גאַנצער תקופה אויף אַ מדרגה פון העכסטן רעליגיעזן עקסטאַז, פון טיפער אינערלעכער דערהויבונג און קאָנצענטרירונג זיך געפונען. עס איז מיט איינמאָל דער גאַנצער עבודה זרה קולט פון אידישן פאָלק פאַרשוואונדן, ער זאָל זיך שוין מער צו אים קיינמאָל ניט צוריקקערן. דער לאַנגיאָריקער קאַמף פון די נביאים האָט מיט אַמאָל אַזאַ זיגרייכן סוף דערגרייכט, אַז עס זיינען שוין אויף אייביק פאַראַליזירט געוואָרן די אַלע קעגן־ווירקנדע כחות, זיי זאָלן שוין וועז קענען אַ דאָמינירענדע ראָלע אין אידישן לעבן שפּילן.

ווען ביז יעצט איז שטענדיק אין אידישן לעבן דער חטא מיט דער תשובה צוזאמענגעגאנגען, און אָפטמאָל איז אויך דער חטא־מאָמענט פיל לאנג־דויערנדער געווען, ווי דער תשובה־מאָמענט, איז די תקופה פון גלות בבל א תקופה פון כלה שבת, פון כלה תשובה געווען.

דאָן, ווען ביז יעצט זיינען פילע פעריאָדן יאָרן פון „פרצה מרובה" געווען און עס זיינען אויך אזויגע תקופות געווען, וואָס דער פרוץ איז אין זיי „מרובה על העומד" געווען, איז געווען די גאנצע תקופה בבל כמעט ניט נאָר א תקופה, וואָס „העומד מרובה בה על הפרוץ", נאָר עס האָט אין איר גאָר אינגאנצן דער פרוץ געפעלט.

עס איז דאָן א גרויסער און שיינער וואונדער געשען, אז א גאנץ פאָלק האָט איבער זיך דעם אויטאָריטעט פון געשריבענעם וואָרט אנערקענט.

און אין דעם זין איז דאָס געווען א נייע ווענדונג אויך אין דער געשיכטע פון דער גאנצער מענטשהייט.

אין דעם מאָמענט האָט דער כח פון וואָרט זיין העכסטע דער־הויבונג דערגרייכט, זיין העכסטע גבורה דערוואָרבן. פון דעם מאָ־מענט אָן האָט דאָס וואָרט אָנגעהויבן צו פארשפרייטן זיין ממשלה איבער דעם מענטשלעכן לעבן. פון דעם מאָמענט אָן האָט דאָס גע־שריבענע וואָרט אָנגעהויבן צו דיקטירן די טאטן פון מענטשן און שטעלן זיינע האנדלונגען אונטער זיין קאָנטראָל. אין דעם מאָמענט האָט דער ספר זיין גרעסטע סאנקציע געקראָגן און האָט אָנגעהויבן א ווירקענדער פאקטאָר צו ווערן אין לעבן. אין יענעם מאָמענט האָט דער ספר דעם שווערד מלחמה דערקלערט. אָפקלאַנגען פון אָט דער אנערקענונג, וואָס דאָס געשריבענע וואָרט האָט דאָן ביים אידישן פאָלק געקראָגן האָבן פאר זיך פלאץ געפונען אויך אין לעבן פון אנדערע פעלקער און שוין פון יענעם מאָמענט אָן האָט זיך דער אידישער איינפלוס אויף דער וועלט אָנגעהויבן.

עס איז דאָן א גרויסער און שיינער וואונדער געשען. א גאנץ פאָלק האָט דאָס געשריבענע וואָרט פאר דער נאָרמא פון זיין לעבן געמאכט און האָט די אלע פארשיידנסטע ווינקעלעך פון זיין לעבן, לויט די פאָרשריפטן פון זיינע הייליקע ספרים רעגולירט.

א.

די נביאים אלס פאָליטיקער

רעאַל־פּאָליטיקער און טרוימער. — פריידיקער און דענקער. — די ראָלע פון די נביאי השקר אין אידישן לעבן. — די פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן זיי. — דער קאַמף פון די נביאי האמת געגן זיי. — דער ריכטשנור אין דער פּאָליטישער טעטיקייט פון די ערשטע. — די געאָגראַפישע לאַגע פון ארץ ישראל. — דער אוניווערזאַליזם פון די נביאים און דער אוניווערזאַליזם פון עוואַנגעלעאום. — דער „נהיה ככל הגויים" אידעאַל פון די נביאי השקר און דער „ממלכת כהנים וגוי קודש" — אידעאַל פון די נביאי האמת.

ביז צו די הויכע הימלען האָט די פאַנטאַזיע פון די אידישע נביאים דערגרייכט, און דער גאַנצער צער פון דער וועלט האָט אין זייער האַרץ אַן אָפּקלאַנג געפונען. זיי זיינען מיט וואונדערבאַרע נשמות און מיט וואונדערבאַרע הערצער פון גאָט געבענשט געוואָרן. ניט ווייניק וואונדערבאַר איז אָבער אויך די קראַפט פון זייער טיפן דענקען און באַנעמען די וועלט געווען.

זיי זיינען ניט נאָר מאָראַל פּריידיקער געווען, נאָר זיי זיינען אויך געווען גרויסע פּאָליטישע דענקער, וואָס האָבן א געניאַלע אָריענטאַציע פאַרמאָגט בנוגע די אַלע גרויסע פּאַסירונגען פון זייער צייט, גרויסע פּאָליטישע פירער, וואָס האָבן א געטלעכע אינטואיציע פאַרמאָגט צו קענען זען דעם צוזאַמענהאַנג צווישן דעם ווייטן נעכטן און דעם ווייטן מאָרגן און פאַראויסזען דאָס וואָס די קעגנוואַרט האָט פאַר דער צוקונפט אָנגעגרייט.

ווען מיר לייענען דעם תנ"ך ווייסן מיר ניט וואָס פריער צו באַוואונדערן: די גוואַלדיקע קראַפט, די מערקווירדיקע זיכערקייט און דעם וואונדערבאַרן גלויבן, מיט וועלכע זיי די נביאים האָבן פאַר זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען און אידייען געקעמפט, אָדער אָט יענע גענויקייט און פּינקטלעכקייט, מיט וועלכע עס איז שטענדיק מקוים

געוואָרן דאָס, וואָס זיי האָבן פּאָראויסגעזען און פאָראויסגעזאָגט, דאָס, וואָס די צייט האָט פריער אָדער שפּעטער אזוי שטארק מיט דעם שטעמפּל פון אמת אָט יענע פּאָליטישע אָנשויאונגען זייערע באצייכנט.

און דארויף, מען זאָל קענען די נביאים אונזערע אין דעם גאנצן גרויסן „שיעור קומה" זייערן זען, דארויף, מיר זאָלן קענען האָבן א פולשטענדיקן באגריף—אויף ווי ווייט ס'איז בכלל מעגלעך פאר אונז א פולשטענדיקן באגריף וועגן דעם צו האָבן — וועגן זייער גרויסקייט, באדארפן מיר ווירקלעך ניט פארזען דעם עלעמענט פון זייער פּאָליטישער טעטיקייט, באדארפן מיר ווירקלעך אויך אויף זייער פּאָליטישער פירערשאפט זיך אָפּשטעלן.

און מיר באדארפן נעמען אָט די פּאָליטישע טעטיקייט זייערע און איר פולן כאראקטער, ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט געווען.

וואָרים די פּאָליטישע טעטיקייט פון די נביאים איז ווירקלעך ניט קיין ביי-מאָמענט אין זייער אלגעמיינער טעטיקייט געווען, נאָר א גרויסער וויכטיקער טייל פון איר. די דאָזיקע טעטיקייט איז ביי זיי א דורכגעטראכטע און דורכגעלעבטע געווען. די פּאָליטישע טע־מעס איבער וועלכע זיי האָבן נביאות געזאָגט, זיינען ניט געווען קיין צופעליקע טעמעס, וואָס האָט זיי נאָר אין א מאָמענט פון „כנוח עליו הרוח" פאראינטערעסירט. זיי האָבן זיי שטענדיק באזאָרגט און באאומרואיקט געהאלטן. זיי האָבן זיך באשעפטיקט מיט די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון זייער צייט ניט ווי זייטיקע מענטשן, ווי מענטשן פון א פרעמדער וועלט, נאָר ווי אייגענע, ווי מענטשן, וואָס דאָס אַלעס איז זיי נאָענט צום הארצן געווען, און איז דער אָביעקט פון זייער שטענדיקן שטודירן און פאָרשן געווען.

ווי שטארק געבונדן זיי האָבן זיך ניט געפילט צו די פליכטן און אויפגאבן, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען, מוסר און מצות זייער פאָלק צו לערנען, שטייען אויף דער וואך שטענדיק און היטן, אז די אידן זאָלן איבער די וועגן, וואָס פירן צו גאָט, ניין, האָבן די נביאים זייער לעבנס־אויפגאבע געזען אויך אין דעם, זיי זאָלן זיי היטן שטענדיק פון א פאלשן פּאָליטישן שריט צו מאכן, וואָס קען זיי צום אומגליק פירן.

ווי גרוים עס איז ניט געווען דער פאַנטאַסטישער עלעמענט, וואָס האָט געלעבט אין זיי, ווי הויך זייער שוואונג האָט זיך ניט צו די הימלען געריסן, זיינען זיי דאָך מיט א געניאַלן חוש פאַר רעאַל־פּאָליטיק געבענשט געווען, און ווי פאַרפּלאָנטערט א פּאָליטישע סיטואַציע איז אמאָל ניט געווען, האָבן זיי זיך געקענט אָריענטירן און איר פולן אמתן אינהאַלט תופס זיין.

ווי פאַרפּירנד און פאַרבלענדנד עס איז ניט געווען אמאָל די אויבנאויפיקייט פון א פּאָליטישער פּאַסירונג, האָבן זיי געקענט פריי פון איר היפּנאָז בלייבן און האָבן זיך ביז דעם תוך פון איר אינער־לעכן אינהאַלט געקענט דערגרונטעווען און ריכטיק אַלע אירע קאָנ־סעקווענצן פאָראויסזען.

זיי זיינען געניאַלע רעאַל־פּאָליטיקער געווען, וואָס האָבן ריכטיקע באַציאונגען געקענט פעסטשטעלן צו די פּאָליטישע פּאַסירונגען פון זייער צייט און געקענט געגוי אָפּשאַצן די ווערט זייערע און פאָר־אויסזען די פאַרשידענע פּאָליטישע קאָמבינאַציעס, וואָס קענען פון זיי אין דער צוקונפט געבוירן ווערן.

און א גרויסער טייל פון דעם קאַמף, וואָס זיי האָבן מיט די נביאי השקר געפירט, איז אויף דעם דאָזיקן באָדן פאָרגעקומען.

ווארום מען באַדאַרף אויך דעם ענין פון די נביאי השקר ניט צו אויבערפלעכלעך פאַרשטיין. מען באַדאַרף דעם ענין אביסל טיפער נעמען.

ריידנדיק וועגן די נביאי השקר געפינט זיך ביי יחזקאל א וואונ־דערבאַרע שטעלע, וועלכע ענטהאַלט א מערקווירדיקן אויסדרוק וועגן דאָזיקן ענין, א טיפע פּסיכאָלאָגישע אויפפאַסונג וועגן דעם, ווי די געשיכטע קאָרעגירט שטענדיק אין דער צוקונפט אירע פעלערן, וואָס זי קען אמאָל אין דער קעגנוואַרט באַגיין, ווי זי שטעלט פעסט דעם ריכטיקן כאַראַקטער פון דער טעטיקייט פון די אַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען ווירקענדע כחות אין איר געווען, דורך דער אורטייל וואָס זי טראָגט אין דער צוקונפט וועגן זיי אַרויס, דורך דעם, וואָס זי ווייזט אָן אויף דעם אמתן ווערט אירן.

„הנביאים החוזים שוא”, זאָגט ער אין איינער פון זיינע נביאות, וואָס זיינען קעגן די „נידערטרעכטיקע נביאים”, ווי ער רופט זיי אָן,

געוועגדט, „והקוסמים כזב בסוד עמי לא יהיו ובכתב בית ישראל לא יכתבו ואל אדמת ישראל לא יבואו".*)

די פאַלשע נביאים וועלן אין פּאַנטעאָן פון פאָלק זיך ניט געפינען, זייערע נעמען וועלן ביים אידישן פאָלק ניט פארבלייבן און זיי וועלן פון זיין ווייטערדיקער געשיכטע פארשטויסן ווערן.

מעג די טעטיקייט פון די אָדער יענע העלדן און פירער פון א פאָלק אויגנשיינלעך א פּאַטריאָטישע זיין, מעג עס אויסזען אין קעגנוואַרטיקן מאָמענט, אז זיי ריידן און טוען דאָס, וואָס דער אמת און זייער איבערגעבנקייט צו זייער פאָלק דיקטירט זיי. עס וועט קומען די געשיכטע און באווייזן, אז זי איז א שעדלעכע געווען, אז זי האָט דאָס פאָלק צום אונטערגאַנג געפירט. עס וועט קומען די צוקונפט און וועט זיי מיט דעם שטעמפּל פון שקר אָפּשטעמפּלען און באווייזן אז זיי זיינען פון פאַלשע און פארפירערישע כחות דיקטירט געוואָרן. מעגן זיי אָנגעזען און געאַכטעט זיין איצט, מעג אין זיי דאָס פאָלק די גרעסטע פריינט זען. מעגן זיי זיך אַלס זיינע אמתע פאַרשטייער באטראַכטן. עס וועט קומען די געשיכטע און די חשבונות אויסגלייכן. די געשיכטע וועט זיי מיט „כרת" דן זיין. די קומענדע דורות וועלן זיי אַלס פאַררעטער שטעמפּלען. עס וועט אין דער צוקונפט זייער נאָמען פון לעבן פון פאָלק אויסגעמעקט ווערן. דאָס פאָלק וועט די טירן פון זיין פּאַנטעאָן פאַר זיי געשלאָסן האַלטן און זיי פאַרשטויסן פון זיך.

און דאָס זעלבע איז אויך אין באצוג צו די נביאי השקר.

די טעטיקייט פון די מערסטע פון די נביאי השקר איז ניט נאָר אין דעם אינגאַנצן באשטאַנען שטענדיק צו אַגיטירן צווישן די אידן, אז זיי זאָלן די עבודה זרה דינען, און איז אויך ניט אבזיכטלעך פון בייזע כוונות דיקטירט געוואָרן. ניט ווייל זיי זיינען באמת שונאים פון פאָלק געווען, האָבן זיי דאָס פאָלק אויף א פאַלשן פּאָליטישן וועג געשטויסן.

מאַנכע פון זיי האָבן אין פילע פעלע די בעסטע כוונות געהאַט. מאַנכע פון זיי זיינען באמת גרויסע אידישע פּאַטריאָטן געווען, און עס האָט זיי ווירקלעך שטאַרק וויי געטאָן דאָס הארץ, צוצוזען די

*) יחזקאל, י"ג, ט'.

פּאָליטישע געפאַלנקייט פון די אידן, די פאַרשקלאַפטקייט פון ארץ־ישראל צו די שטאַרקערע מלוכות, און עס איז זייער הייסער וואונש געווען, עס זאָל אַ שטאַרקע אידישע מלוכה אויפגעבויט ווערן.

און דעריבער האָבן זיי אַ שטאַרקן קאַמף אָנגעפירט קעגן דער פּאָליטישער קאָמפּראָמיסלעכקייט פון די נביאי האמת. און דעריבער האָבן זיי פאַר אָט יענע פּאָליטישע אַליאַנצן אַגיטירט, וועלכע האָבן געקענט פירן, לויט ווי זיי האָבן געגלויבט, צו דעם, אז די אידישע מלוכה זאָל אַ שטאַרקע פּאָליטישע מאַכט ווערן.

זיי זיינען ניט קיינע באַוואוסטזיניקע פאַררעטער געווען. זיי דערשיינען פאַר אונז אַלס אַזעלכע ביים שיין פון די וויטערדיקע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע. ווארום זייער טעטיקייט האָט טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געמיינט מיט איר די טובה פון זייער פאָלק, צום אידישן חורבן געפירט, און זיי האָבן אויף דעם אידישן פאָלק אַ גרויסן אומגליק געבראַכט.

אין אַ גרויסן טייל זיינען זיי נביאי שקר על שם סופם געווען.

מער ווי זיי זיינען געווען נביאי שקר דורך זייערע טאַטן, זיינען זיי עס געווען דורך דער פרוכט וואָס די דאָזיקע טאַטן האָבן גע־בראַכט.

מיט זייער שאַרפן אָדלער בליק האָבן די נביאי האמת באַלד דערזען די קאָנסעקווענצן, צו וועלכע עס וועט די טעטיקייט פון די פאַלשע נביאים פירן, און זיי האָבן זיי אַלס נביאי שקר דערקלערט.

צוליב דעם כאַראַקטער אַליין אָבער פון זייער טעטיקייט, אַן און פאַר זיך גענומען, צוליב די מאָטיוון זייערע האָט מען זיי נאָך ניט געקענט אין מאָמענט, ווען זיי האָבן די דאָזיקע טעטיקייט אָנגעפירט, אַלס נביאי שקר שטעמפּלען.

איידער עס איז זיין מפּלה געקומען האָט שבתי צבי אַ נצוץ של משיח פאַרמאָגט,*) האָט אין אים אַ מעגלעכער משיח געלעבט. עס איז אָבער געקומען דער סוף און האָט „מוכיח על תחלתו" געווען. די נפילה זיינע האָט דעם כאַראַקטער און די ווערט באַשטימט פון דעם משיח עלעמענט וואָס האָט געלעבט אין אים. די ווערט פון

*) זע מיין בוך „רבי ישראל בעל שם טוב", צווייטער טייל, זייט 206.

א האנדלונג ווערט אמאָל ערשט אין א צייט אָרום פון דער געשיכטע באשטימט. און ניט שטענדיק אורטיילט זי א טהאט לויט דער כונה ראשונה זיינער, נאָר אָפטמאָל אורטיילט זי אים לויט די פאָלגן, וואָס ער ברייננגט.

די נביאי השקר האָבן ניט אלע און ניט שטענדיק באוואוסט־זיניק ווי בייזע כחות אין אידישן לעבן געווירקט. זיי זיינען ניט געווען קיין „נשמתין ערטילאין דאזלין בלי לבושא" אין אידיש לעבן. מאנכע פון זיי האָבן אין אידישן לעבן א שטארקע אחיזה געהאט. זיי האָבן פארטראָטן א געוויסע פּאָליטישע ריכטונג, וואָס איז צייטנווייז פיל שטארקער געווען ווי די פּאָליטישע ריכטונג, וואָס די נביאי האמת האָבן פארטראָטן. זיי האָבן גערעדט אין נאָמען פון געוויסע עלעמינטן פון פאָלק, וואָס זיינען פיל מער געווען צייטנווייז פון די עלעמענטן, אין נאָמען פון וועלכע די נביאי האמת האָבן גערעדט.

ווארום די נביאי האמת האָבן ניט נאָר א פּאָליטיש פּראָגראם געהאט, נאָר אויך א פּאָליטישע וועלטאנשויאונג, וועלכע האָט אויף א טיפער פילאָזאָפישער אידייע באזירט. זיי האָבן זיך קיינמאָל ניט אין די פּאסירונגען פון טאָג פארלאָרן, ווייל זיי האָבן א פעסטן באָדן געהאט אונטער זייערע פיס אין באצוג צו די אלע דערשיינונגען פון דעם ארומיקן פּאָליטישן לעבן. זיי האָבן פארמאָגט אן אָנהאלטס־פּונקט, וועלכער האָט די אלע באציאונגען זייערע צו די אלע פארשידענע פּאסירונגען פון זייער צייט רעגולירט און אין זיי הארמאָניע אריינגעטראָגן. זיי האָבן געהאט א צענטער, אין וועלכן עס האָבן זיך אלע זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען און אלע זייערע פּאָליטישע האנדלונגען פאראייניקט.

דער ריכט־שנור פון דעם פּאָליטישן פּראָגראם מיט וועלכן די נביאי האמת זיינען אין אלע צייטן ארויסגעטראָטן פאר דעם אידישן פאָלק, איז געווען דער פאקט פון דער אויסערארדנטלעכער געאָגראַפישער לאגע פון ארץ ישראל. לויט איר געאָגראַפישער לאגע איז שוין גאָר פון אָנהויב דער פּאָליטישער שיקזאל פון ארץ ישראל באשטימט געוואָרן. זי איז אויסגעזעצט געווען שטענדיק דער אלגע־

מיינער ציל־ברעט צו זיין פון די אַלע ארומיקע קעמפנדע מלוכות. לויט איר געאָגראַפישער לאַגע האָט זי געמוזט דינען שטענדיק אַלס א דורכגאַנגס־פונקט פאַר די קריגערישע מחנות פון פרעמדע מלוכות. צוליב דער דאָזיקער געאָגראַפישער לאַגע אירער האָט שטענדיק גע־האַנגען איבער איר די געפאַר צוליב פרעמדע זינד אין א בלוטיקן קאַמף אריינגעצויגן ווערן, קענען איר אייגענעם ווילן און קענען אירע אייגענע אינטערעסן א מלחמה קעגן איינעם פון אירע שכנים צו פירן.

אָט דער פאַקט פון דער ספּעציפישער געאָגראַפישער לאַגע פון ארץ ישראל איז געווען שטענדיק פאַר די אויגן פון די נביאים. די פאַרשטעלונג וועגן דער ווירקלעכער לאַגע פון ארץ ישראל אַלס א געאָגראַפיש־פּאָליטישער פונקט האָט שטענדיק אין דער פולסטער מאָס אין זייער באוואוסטזיין געלעבט און זיי האָבן אויף קיין מאָמענט אפילו ניט פאַרגעסן די אַלע מסכנות צו וועלכע אָט די ספּעציפישע לאַגע דאַרף זי פירן אין באַצוג צו דעם—די פּאָליטישע אידעאַלן און די פּאָליטישע אמביציעס פון אידישן פאָלק צו באַ־שטימען.

מען טוט אונז דעם כבוד אָן און מען ווייזט אָן דערויף, אַז דער שורש נשמה פון דעם אוניווערזאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם פון עוואַנגעליאָום איז אין די גרויסע אוניווערזאַלע און קאָסמאָ־פּאָליטישע אידעאַלן פון די נביאים.

מיר קענען זיי אָבער דעם כבוד מוחל זיין.

עס איז צווישן דעם אוניווערזאַליזם און עוואַנגעליאָום און צווישן דעם אוניווערזאַליזם פון די נביאים אזוי פיל שייכות פאַראַן, וויפיל עס איז בכלל פיל שייכות פאַראַן צווישן די אידעאַלן און לערען פון די נביאים און פון דער תורה און צווישן דעם הינטער־גרונד און אינערלעכסטן טאָן פון דעם אַלעם, וואָס דאָס קריסטענ־טום פּריידיקט און לערנט.*) די נביאים זיינען ניט קיין אוניווער־זאַליסטן, קיין קאָסמאָפּאָליטן געווען אין דעם זין, זיי זאָלן גלייכגיל־טיק זיין צו דעם פּאָליטישן שיקזאַל פון אידישן פאָלק. זיי זיינען

*) זע מיין בוך „צו דער אנטשטייאונג פון קריסטענטום” און מיין עסיי „סוביעקטיווער אָביעקטיוויזם” אין „דאָס וואָרט” ביבליאָטעק נומער 10.

ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע פּאַציפיסטן געווען. זיי זיינען טיף נאַציאָ־נאַל געווען. דאָס בעסטע בילד וועגן דעם כאַראַקטער פון אוניווער־זאַליזם פון די אידישע נביאים גיט אונז דער תנ"ך אליין טאַקי. עס קען אונז ניט א זאַך אזוי רירן, ווי דער טרויער פון די נביאים אין די מאָמענטן, ווען עס האָט א געפאַר געלויערט, די אידן זאָלן זייער פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט פארלירן. דאָס צעגויפגיסן זיך פון צער פון יחיד אין צער פון גאַנצן כלל האָט אין די פעלע איר העכסטע מדרגה דערגרייכט. די טרייסט־ווערטער ווידער פון די אי־דישע נביאים זיינען די גרעסטע פאַרקערפּערונג פון ליבע צו א פאָלק געווען.

דער אוניווערזאַליזם פון די אידישע נביאים איז באַשטאַנען גאָר אין דעם, וואָס זיי האָבן געוואָרנט די אידן, אַז זיי זאָלן זיך ניט לאָזן פון צופיל פאַנטאַסטישע פּאָליטישע אַספּיראַציאָנען פאַר־פירן, וואָס זיי זיינען געווען קעגן דעם, אַז דער פּאָליטישער אידעאַל פון אידישן פאָלק זאָל פון אַן אימפּעריאַליסטישן כאַראַקטער זיין, אין דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל א פרידלעכע פּאָליטיק מיט זיינע שכנים פירן.

ווי גרויס א פערזענלעכקייט זאָל ניט זיין, לעגט דאָך די צייט ארויף אויף זיי דעם שטעמפּל איר, באַשטימען אַלץ די אומשטענדן, אין וועלכע זיי לעבן. די אינדיווידואַליטעט זייערע, גיט אַלץ נאָך די אַטמאָספערע, וואָס רינגלט זיי ארום, פאָרם און געשטאַלט צו די אידעאַלן און אָנשויאונגען פאַר וועלכע זיי זיינען פון דער וועלט געגרויסט און געליבט געוואָרן.

אָט יענע קלאָרע פאַרשטעלונג, וואָס האָט אין זייער באַוואוסט־זיין געלעבט וועגן דער אויסשליסלעכער לאַגע פון ארץ ישראל אלס א פּאָליטיש־געאָגראַפישער פונקט, האָט אין זיי אָט יענעם אוניווער־זאַליזם געבוירן אין באַצוג צו די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון אידישן פאָלק.

און דער דאָזיקער אידישער אוניווערזאַליזם איז פאַר זיי אויך דער אויסגאַנגס־פּונקט געוואָרן, פון וועלכן זיי האָבן א ליניע געצויגן צום אַלגעמיינעם אוניווערזאַליזם זייערן.

די פּאָליטישע אידעאַלן און אָנשויאונגען זייערע אין באַצוג צום אידישן פאָלק, האָבן געדינט אלס באָדן פאַר זיי, אויף וועלכן

עס האָבן זיך צובליט זייערע אלגעמיינע עטישע און מאָראַלע פּרינ־ציפּן און אָנשויאונגען, זייערע אַלגעמיינע פּאָליטישע אידעאַלן און שטרעבונגען, וועלכע האָבן מיט אַזא וואונדערבארער קראַפט זייערע אוניווערזאלע טרוימען און האָפנונגען דיקטירט, זייערע גרויסע און שיינע זעאונגען וועגן דעם גרויסן טאָג, וואָס וועט „באחרית הימים" קומען, וועגן דעם גרויסן טאָג פון „וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות", וועגן דעם גרויסן טאָג, ווען די אַלע פעלקער וועלן צווישן זיך, ווי איין ברידערלעכע פאַמיליע לעבן.

אָט דאָס באַוואוסטזיין, וואָס האָט אין זיי געלעבט, האָט אין זיי אָט יענע איבערצייגונגען איינגעפלאַנצט, אַז דער געניוס פון אידישן פאָלק דאַרף ניט זוכן דאָס פעלד פון זיין התגלות, פון זיין שאַפענדער קראַפט איבער די וועגן וואָס פירן צו גרויסער פּאָלי־טישער מאַכט, נאָר איבער די וועגן וואָס פירן צו אַ דערהויבן גייסטיקן לעבן, אַז די אמביציעס און שטרעבונגען פון אידישן פאָלק דאַרפן ניט זיין אַ גרויסע און שטאַרקע אימפּעריאַליסטישע מלוכה צו ווערן, נאָר צו זיין אַ ממלכת כהנים וגוי קדוש. ניט צו זיין אַ שרעק פאַר די פעלקער דאַרפן די אידן שטרעבן, נאָר אַן אור לגויים פאַר זיי צו זיין. זייער אמביציע דאַרף ניט זיין דורך אייזן און בלוט די וועלט צו באַהערשן, נאָר דורך זייער גרויסער קולטור, דורך זייערע עטישע אידעאַלן און פירונגען.

זיי האָבן געוואוסט, אַז די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון אידישן פאָלק, אַ גרויסע פּאָליטישע מאַכט צו ווערן, וועלן מוזן אַ דורכפאַל זיין, אַז זיי וועלן אויף דעם וועג נאָר אומזיסט זייער ענערגיע פאַרשווענדן, דאַן, ווען זייער אָנשטרענגונג אַ „גוי גדול וקדוש" צו זיין קען זיך מיט דעם גרעסטן דערפאָלג קרוינען. דאַן, ווען עס זיינען פאַר זיי אַלע וועגן אָפן, זיי זאָלן קענען דאָ די העכסטע גייסטיקע שלימות דערגרייכן.

אָט דאָס באַוואוסטזיין האָט זיי די אָנשויאונג דיקטירט, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף ניט לעבן קיין שטורמיק פּאָליטיש לעבן, אַז עס באַדאַרף אויסמיידן די אַלע פּאָליטישע אַוואַנטורן, וואָס קענען זיין מלוכה לעבן אין געפאַר שטעלן, אַז הויפּטזעכלעך דאַרף זיין שטרעבונג זיין צו קענען לעבן אין פרידן און רואיק.

אָט דאָס באַוואוסטזיין איז זייער לייכט־טורם געווען אין זייער פּאָליטישער פירערשאַפט. זי האָט זייער פּאָליטיש פּראָגראַם דיקטירט, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף אַ פאָרזיכטיקע פּאָליטיק פירן, באַלאַנסירנדיק זי אַזוי, אַז זיי זאָלן מיט אַלע שכנים אין פריינטשאַפט לעבן ,אַז אין די פּאָליטישע אָפּמאַכן זייערע מיט די אַנדערע פעלקער דאַרפן זיי שטענדיק דעם פאָרצוג געבן אַזעלכע, וואָס קענען זיי אַ באַגרעניצטע פרייהייט גאַראַנטירן אייִדער צו ערווערבן דורך זיי אַ פּאָלשטענדיקע פרייהייט, איבער וועלכע עס לויערט אבער די געפאַר פון פאַרניכטונג ; דאַרפן זיי שטענדיק ניט נאָר די געווינסן, וואָס זיי קענען דורך זיי אין קעגנווערטיקן מאָמענט ערווערבן, פאַר זייערע אויגן האָבן, נאָר אויך די פאַרלוסטן, וואָס קענען דורך זיי אין דער צוקונפט קומען.

און אָט דאָס באַוואוסטזיין צוזאַמען מיט דעם, וואָס זיי זיינען פון גאָט, ווי איך האָב שוין דאַרויף פריער אָנגעוויזן, מיט אַ געניאַלן פּאָליטישן חוש געבענטשט געוואָרן, צוזאַמען דערמיט, וואָס זיי האָבן אַן אַדלער בליק פאַרמאָגט, צו קענען אַריינקוקן אין דעם וויטן מאָרגן פון די פון איצטיקן מאָמענט פאַסירונגען, האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו קענען זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די פאַרפּלאָנטערטסטע פּאָליטישע פאַסירונגען פון זייער צייט. צו באַשטימען גענוי דעם כאַראַקטער זייערן און פאַראויסזען די פאָלגן צו וועלכע זיי דאַרפן פירן.

אָט דאָס אַלעס האָט דיקטירט אין יעדן ספּעציפישן פאַל זייערע פּאָליטישע מיינונגען, פאַר וועלכע זיי האָבן צווישן פאָלק אַגיטירט, פאַר וועלכע זיי האָבן אַזאַ אָנגעשטרענגטן קאַמף מיט זייערע געגנער אָנגעפירט.

**
*

זיי זיינען גרויסע קינסטלער אַלס פּאָליטיקער געווען. זיי האָבן ניט קיין איינצלנע דערשיינונגען געזען. זיי האָבן ניט די איינצלנע פאַסירונגען באַזונדער גענומען. זיי האָבן פאַר זיך די גאַנצע קייט פון דערשיינונגען געזען. זיי האָבן די אַלע באַזונדערע פאַסירונגען אין איין האַרמאָניש בילד פאַראייניקט, זיי האָבן שטענדיק דעם

היינט אין דער באַגלייטונג פון נעכטן און מאָרגן גיין געזען. אויף זייער פּאָליטישער טעטיקייט האָט פילאָזאָפישע טיפקייט געדרוקט.

זייערע פּאָליטישע אָריענטאַציעס האָבן אויף א פילאָזאָפישער אָנשויאונג באַזירט, אויף א טיפער פילאָזאָפישער אויפפאַסונג ווען די צילן און צוועקן, וואָס דאָס אידישע פאָלק דאַרף פאַר זיך אַלס נאַציע שטעלן, ווען די מיסיאָנען און אויפגאבן, וואָס עס דאַרף אויף זיך נעמען.

די נביאי השקר אָבער האָבן זיך קיינמאָל ניט צו אָט יענער קינסטלערישער און פילאָזאָפישער הויך געקענט דערהויבן. זיי זיינען נעגאַנגען אין זייער פּאָליטישער טעטיקייט אויף דעם געוויינלעכן וועג, איבער וועלכן עס גייען אַלע פּאָליטיקער, איבער וועלכע אויך די ברייטע שיכטן פון אַלע פעלקער גייען. צוליב דעם שיינבאַרן געווינס וואָס זיי קענען דורכדעם ערווערבן, זיינען די פּאָליטיקער און די ברייטע שיכטן פון פאָלק שטענדיק גרייט אין די גרעסטע פּאָליטישע אַוואַנטורן זיך אריינלאָזן. די פּאָליטיקער ווילן ניט און די מאַסן קענען ניט דענקען דעטערמיניסטיש. זיי לעבן מיט דעם היינט, מיט דעם קעגנוואַרטיקן מאָמענט, און רעכענען זיך זייער ווייניק מיט דעם נעכטן און מיט דעם מאָרגן. צוליב א מאָמענט פון עולם הזה וועלן זיי די גאַנצע עולם הבא פון פאָלק אין קאָן שטעלן.

די שיינע און טיפע באַנעמונג פון די נביאי האמת ווען דעם פאַראויס-באַשטימטן שיקזאַל פון אידישן פאָלק איז פרעמד געווען די נביאי השקר. זייער אַמביציע איז געווען, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל „ככל הגויים" זיין; זייער אָנשויאונג איז געווען, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף שטרעבן צו דעם, וואָס אַלע פעלקער שטרעבן. זיי דאַרפן שטרעבן דערצו, זיי זאָלן א גרויסע פּאָליטישע מאַכט ווערן, אין א שטאַרקער הערשנדער מלוכה זיך ענטוויקלען. דעריבער האָבן זיי זיך אריינגעוואָרפן אין יעדער פּאָליטישער אַוואַנטורע, אין וועל־כער זיי האָבן א שאָטן פון א מעגלעכקייט געזען דעם דאָזיקן אידעאַל צו פאַרווירקלעכן, ניט רעכענענדיק זיך כלל מיט דער געפאַר אונטער וועלכער זיי האָבן דורך דעם די גאַנצע פּאָליטישע זעלבסטשטענ־דיקייט פון לאַנד אונטערוואָרפן. דעריבער האָבן זיי געהעצט דאָס פאָלק זיך אַנטקעגן שטעלן קעגן יעדער פּאָליטישער אונטערדריקונג

ניט אנאַליזירנדיק געגוי די שאנסן אויף דערפאָלג, וואָס דאָס דאָזיקע קענגשטעלן זיך קען האָבן.

און דעריבער איז גאָר קיין וואונדער, וואָס באדייטנדע עלע־מענטן פון פאָלק האָבן זיך ניט אונטער דער פאָליטישער פירערשאפט פון די נביאים געוואָלט שטעלן. זי איז זיי פרעמד געווען. זייערע פאָליטישע מיינונגען און אָנשויאונגען זיינען פאר זיי צו הויך און טיף געווען. פארקערט, א וואונדער איז וואָס טראָץ דעם האָבן די נביאים געהאט א גרויסע אָנהייגערשאפט צווישן פאָלק, אין דעם, וואָס זייער איינפלוס איז דאָך קענטיק געווען אין אידישן לעבן אויך אין באצוג צו פאָליטישע האנדלונגען.

און דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די נביאי השקר האָט זיך איינגעגעבן די ברייטע שיכטן פון פאָלק צו פארפירן. זיי זיינען דער „כלי מבטא" געווען פון זייערע אספיראַציאָנען, פון זייערע סענטימענטן. מאסן זיינען על פי רוב מיליטעריסטיש. די מאסן זיינען על פי רוב קריגעריש געשטימט. די מאַסן זיינען גרייט שטענדיק אין קאמף זיך צו לאָזן, ניט דערפאר וואָס זייער לעבן שטייט אין געפאַר, נאָר זיי זיינען גרייט זייער לעבן אין געפאר שטעלן, אבי אין קאמף זיך לאָזן. די פעלקער פירן ניט זייערע מלחמות נאָר צוליב רעאַלע ממשותדיקע אינטערעסן, נאָר צוליב לעבנסנויטווענ־דיקייטן פאר זיי, נאָר אָפטמאָל צוליב זאכן, וואָס זיי דארפן אויף כפרות, צוליב נצחון און עקשנות, צוליב איינגערעדטע אילוזיעס און שענדלעכע אמביציעס. און ניט נאָר דאָן גייען זיי אין א מלחמה, ווען זיי האָבן די פולע זיכערקייט זייער שונא צו באזיגן, נאָר אויך דאָן, ווען זיי האָבן אלע שאנסן באזיגט צו ווערן פון שונא. זיי זיינען העלדיש גענוג צו קענען שטארבן פאר דעם פאָטערלאנד צי מען דארף צי מען דארף ניט.

דעם אינסטיטוט פון קרבנות ברייננען צו גאָט האָט די מענטש־הייט שוין פון לאנג אויפגעגעבן. דערפאר אָבער עקזיסטירט נאָך אויך איצט ביי דער ציוויליזירטער מענשהייט דער גרויזאמער אינ־סטיטוט פון ברייננען מענטשלעכע קרבנות צום טיוול. עס פאראיר־ניקן זיך פון ציט צו צייט א מנין פעלקער, זיי זאָלן מיט אמאָל א פאר מיליאָנען מענטשן צו אים קענען מקריב זיין.

ב.

יחזקאל

יחזקאל א טרייער אַנהייגער פון די פּאָליטישע און מאָראַל־פילאָזאָפישע אַנשויאונגען און אידייען פון זיין טראַגישן רבין — ירמיה. — דער ערשטער און גרעסטער נביא אין גלות בבל. — די צוויי פאַרשיידענע פעריאָדן אין זיין טעטיקייט אלס נביא. — שטראָפער און שעלטער. — בענטשער און טרייסטער. — דער שאַרפער אנטאגאָניזם פון די גולים צו אים. — די פאַרוואַלנדלונג זיינע אין רעספּעקט גרויסן ; אין אומבאגרעניצטער פארערלעכונג. — דער אונטערשייד אין די שטימונגען, פון וועלכע ער און ירמיה זיינען באַהערשט געווען. — פעסטער גלויבן אין זיך. — מוט און געוואַגטקייט. — דער שטעמפּל, וואָס אָט דער אונטערשייד האָט אַרויפגעלייגט אויף דער שפּראַך און אויף דעם סטיל פון דעם ערשטן. — קאָנצענטרירטקייט פון שפּראַך. — ריטם פון שטייגענדן אויסברוך פון כעס און צאָרן. — פאַנטאַסטישע בילדלעכקייט און מיסטישער עקספּרעסיאָניזם. — דער קלאַסיקער פון דער אידישער מעטאַפיזיק. — דער ערשטער פאָרשטייער פון דער אידישער מיסטיק. — דראַמאַטורג און שוישפּילער. — ער דראַמאַטיזירט און שפּילט די נבואות זיינע אין זיין אייגן לעבן.

א טרייער פאָרשטייער פון די פּאָליטישע אנשויאוננען און מיינוננען פון די נביאים איז אויך געוועזן דער נביא יחזקאל. ער איז געוועזן דער ערשטער און גרעסטער נביא פון גלות בבל, וועלכער האָט אזא גוואלדיקן איינפלוס אויף דעם אידנטום פון זיין דור אויסגעאיבט, וועלכער האָט אזוי פיל בייגעטראָגן צו דעם, די אידישע געשיכטע זאָל אננעמען אָט די נייע ווענדונג, וואָס זי האָט אין גלות בבל אָנגענומען.

יחזקאל *), וועלכער איז געוועזן א אינגערער צייט־גענאָסע פון

*) יחזקאל איז געבוירן געוואָרן ארום דעם יאָר 620 פאר דער אָנגענומענער צייט־רעכטונג. ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז דער דאַטום בשלשים שנה, וואָס ער

י ח ז ק א ל

ירמיהו הנביא — ער איז געווען מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק אינגער פון אים — איז געווען אַ כהן און האָט פון די פּאָרנעמסטע משפּחות

גיט אָן אין זיין ערשטער נבואה מיינט: ווען ער איז געשטאַנען אין דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן — קענען מיר פּינקטלעך אויסרעכענען, ווען עס פאַלט אויס דאָס יאָר פון זיין געבורט.

לויט די אויסרעכענונגען פון די חז״ל, אַז פון תשרי פון דעם 18טן יאָר פון יאשיהס קעניגן איבער יהודה ביז צום תשרי פון דעם יאָר, וואָס דער בית ראשון איז חרב געוואָרן, זיינען פאַרבייגעלאָפן 36 יאָר; לויט דעם נאָך חידער, וואָס זיי גיבן אָן 22 יאָר פאַר דער צייט פון יהויקימס קעניגן און צדקיהס צוזאַמען מיט די דריי חדשים פון יהואחזס געפינען זיך אויפן טראָן און מיט די דריי חדשים, וואָס יהויכין איז קעניג געווען — די דאָזיקע זעקס חדשים — וואָס אמבאַלאַנגט די דריי חדשים פון יהואחז, קענען זיי, אפשר, אויך איינגעשלאָסן ווערן אין די איין און דרייסיק יאָר פון יאשיהן — ווערן ביי זיי איינגעשלונגען אין די עלף יאָר פון יהוקימס קעניגן און אין די עלף יאָר פון צדקיהס — און זיי הויבן אָן ציילן די עלף יאָר פון יהויקים פון חודש תשרי פון פופצענטן יאָר — דאָס מיינט, אַז פון תשרי פון יענעם 18טן יאָר ביז דעם תשרי זיינען 14 יאָר פאָראיבער — נאָך יענעם אויבנדערמאָנטן 18טן יאָר: לויט אָט דעם אלעם ווער מען אויף דעם סמך פון דעם דאַטום, וואָס יחזקאל גיט אָן פאַר דער נבואה, וואָס קומט צו ערשט אין דער נבואות זאַמלונג זיינער, דעם דאַטום פון „ברביעי, בחמשה לחודש פון השנה החמישות לגלות יהויכין״ באַדאַרפן באַשטימען לויט דעם 597 דאטום פאר גלות יהויכין—וואָס דאָס באַדאַרף מיינען לויט די חז״ל ניט ארום ניסן פון יענעם יאָר, נאָר ארום חודש תשרי זיינעם — דאָס יאָר 622 — וואָס אַמבאַלאַנגט דעם חודש פון זיין געבורט — קען ער זיין איינער פון די חדשים: אב, אלול, תשרי, חשוון, כסלו־טבת פון דעם דאָזיקן יאָר — אָדער דאָס יאָר 621 — איינעם פון די ערשטע חדשים זיינע ביז תמוז — אלס דאָס יאָר פון זיין געבורט.

לויט מיינע אויסרעכנונגען, ווידער, פאַר וועלכע מען קען געפינען שטיצע אין רד״ק, יחזקאל, א, ווי איך וועל זיך אָפּשטעלן דערויף ביי אן אנדער געלעגנהייט, אַז יאשיהס 31 יאָר ענדיקן זיך אין אדר פון פאר דעם תשרי, וואָס די חז״ל גיבן אָן אלס דעם אָנהויב פון יהויקימס עלף יאָר אין די דאַטומס פון תנ״ך — נאָך 13 יאָר מיט אַ האלב פון דעם תשרי פון 18טן יאָר פון יאשיהס קעניגן — אַז יהויקימס עלף יאָר הויבן זיך אָן פון ניסן, וואָס איז געווען ארום דער צייט, ווען יאשיה איז געשטאָרבן, פון דעם ניסן, וואָס איז נאָך אָט יענעם ערשט דער־מאָנטן אדר געקומען; לויט די דאָזיקע אויסרעכנונגען, לויט וועלכע עס קומט אויס, אַז גלות יהויכין איז פאָרגעקומען אין תמוז אדער אין אב פון יאָר 597 פאר דער נייער ערא און אַז די אלע לגלות יהויכין דאַטומס, וואָס קומען אין תנ״ך, מיינען, אַז די יאָרן ווערן געציילט פון דעם חודש, ווען ער איז פארטריבן געוואָרן, ניט פון אָנהויב יובל יאָר, אדער פון אָנהויב למלכי ישראל יאָר; אז דער חודש תמוז פון השנה החמישית אין יחזקאל א׳ קען מיינען, אַז אָט יענער חודש תמוז איז

פון יהודה געשטאַמט, פון דער כהנים משפּחה, וואָס האָט איר יחוס ליניע פון צדוקן געצויגן.*)

געווען דער לעצטער חודש פון פינפטן יאָר, ווי אויך דער ערשטער פון דאָזיקן יאָר — לויט די דאָזיקע אויסרעכנונגען וועט מען בעדאַרפן באַשטימען איינעם פון די חדשים פון אב אָן פון יאָר 623 ביז צום לעצטן חודש פון דעם דאָזיקן יאָר, אדער איינעם פון די ערשטע חדשים פון יאָר 622 ביז תמוז פון דעם דאָזיקן יאָר.

דאָס איז אבער נאָר, ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז דער השנה החמישית מיינט אָנהויב פינפטן יאָר — דאָס יאָר 593 פאַר דער נייער ערא. ווען מיר זאָלן אָבער אָננעמען, אַז דער השנה החמישית מיינט דער לעצטער חודש פון 5טן יאָר — דאָס הייסט: דאָס יאָר 592 — וועט מען שוין ווידער בעדאַרפן באַשטימען אלס די צייט פון זיין געבורט איינעם פון אָט יענע חדשים פון יאָר 622 און פון יאָר 621, וועגן וועלכע איך האָב פריער גערעדט אין צוזאַמענהאנג מיט די אויסרעכנונגען פון די חז״ל.

און אָט די אלע הנחות און מסקנות, וואָס גייען צוזאמען מיט מיינע אויסרעכנונגען, זיינען גילטיק נאָר דאַן, ווען מיר זאָלן געבן צדקיהו אלס קעניג עלף מיט א האַלב יאָר, ניט נאָר צען יאָר מיט א האַלב. אין לעצטן פאַל באַדאַרף מען אָננעמען — האַלטנדיק זיך ביי דער מיינונג, אז דאָס ערשטע יאָר פון לגלות יהויכין קען זיך ניט אָנהויבן פאר דעם ערשטן יאָר פון למלכות צדקיה — אז אויך די גלות יהויכין יאָרן הויבט דער תנ״ך פון ניסן אָן צו רעכענען, אז ניט וועט מען ניט קענען אין געהעריקער אָרדנונג ברענגען דעם דאַטום פון „בעשרים וחמש לגלותנו״, וואָס פאַלט צוזאַמען מיט דעם דאַטום פון „בארבע עשרה שנה אחרי אשר הוכתה העיר״.

און אָט דאָס אלעס מיינט ווידער, אז די ערשטע נבואה זיינע איז געזאָגט געוואָרן ניט אין לעצטן חודש פון פינפטן יאָר פון גלות יהויכין — אין תמוז פון יאָר 592 — נאָר אין די ערשטע חדשים פון פינפטן יאָר — אין תמוז פון יאָר 593.

און דאן וועט מען ווידער אמאָל בעדאַרפן באַשטימען די צייט פון זיין געבורט איינעם פון די חדשים פון אב 623 אָן — אויב יענעם אב — וועט דאן דער תמוז פון השנה החמישית לגלות יהויכין אין יחזקאל א — אין באצוג צום בשלשים דאָרטן — מיינען דעם לעצטן חודש פון דרייסיקסטן יאָר — ביז תמוז פון יאָר 622. און אין לעצטן פאַל וועט אָט דער תמוז מיינען — דער ערשטער חודש פון דרייסיקסטן יאָר.

*) און אין מדרש רבה רות, פרשה ב׳, פארבינדן זיי דעם יחוס זיינעם אויך מיט רחב הזונה — וועלכע האָט זיך, לויט דער מסורה פון די חז״ל מגייר געווען און חתונה געהאט פאר יהושען. צוויי פון די צען כהנים נביאים, וואָס שטאַמען, לויט זיי נאָך פון רחב מיט יהושען, זיינען יחזקאל און דער פאָטער זיינער בוזי. די אַנדערע אַכט זיינען: ירמיה, חלקיה, שריה, מחסיה, חנמאל, שלום, ברוך,

יחזקאל

אונ דעריבער איז אויך אויף אים דער גורל געפאַלן צו זיין פון די ערשטע גולים פון ירושלים.

ווארום, ווען נבוכדנצר האָט צום ערשטן מאָל*) די אידן פון

נריה. און א יש אומרים דאָרטן — ווי אויך אין נאָך אַנדערע מקורות, ווי עס רעדט זיך וועגן דעם דאָזיקן ענין — גיט נאָך אויך צו דעם נאָמען פון חולדה הנביאה. און אין אַנדערע מקורות אין תלמוד און אין מדרש רעדט זיך נאָר וועגן אַכט. און די צוויי וואָס פעלן דאָרטן, זיינען יחזקאל און דער פאָטער זיינער בוזי..

און דער רד״ק שרייבט אין נאָמען פון תרגום ירושלמי, אז יחזקאל איז געווען ירמיהס א זון. ער — ירמיה טראָגט דעם נאָמען בוזי — ווייל ער האָט חרפת פנים פיל אין זיין לעבן געליטן, ווייל מען האָט אים מבזה געווען.

*) 597 פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכנונג. 667 פאר דעם חורבן בית שני.

איך באַנוץ זיך ניט דאָ, ווי אויך אין אַלע אַנדערע ווייטערע ערטער, וואו עס איז דאָ אַ געלעגנהייט דערויף, מיט אונזער „ליצירה" צייטרעכנונג, ווייל די ביז צום צווייטן חורבן כראָנאָלאָגיע פון די חז״ל לויט דעם תאריך פון בריאת העולם שטימט מיט דער אָנגענומענער כראָנאָלאָגיע לויט דער נייער צייטרעכנונג נאָר בנוגע די געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אידישן לעבן פון זינט אָן — אייגנטלעך מיט זעקס יאָר פריער נאָך — מען האָט ביי אונז אָנגעהויבן ציילן „לשטרות" — אין תשרי פון יאָר 312 פאַר דער נייער ערא. דאָס יאָר איז געווען דאָס ערשטע יאָר אין דער נייער „למלכות יון" ־צייט רעכנונג, וואָס איז איינגע־פירט געוואָרן אין ארץ ישראל און אין די אַלע אַנדערע לענדער פון מזרח נאָכדעם, ווי די גריכישע הערשאַפט איז שוין פאָלשטענדיק עטאַבלירט געוואָרן דאָרטן. ביז אָט יענער צייט אָבער שטימט ניט די אויבנדערמאָנטע כראָנאָלאָגיע פון די חז״ל מיט דער אָנגענומענער כראָנאָלאָגיע.

וואָס אַמבאַלאַנגט דעם פעריאָד יאָרן פון גלות בבל ביז דער צייט, ווען מען האָט אָנגעהויבן ציילן ביי אונז לשטרות איז אן אונטערשייד צווישן דיביידע כראָנאָלאָגיעס אין 165 יאָר.

דער דאָזיקער אונטערשייד נעמט זיך דערפון, וואָס זיי — די חז״ל — פטרן אָפּ די אַלע געשעענישן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אידישן לעבן פון דער צייט אָן, ווען מען האָט באַנייט דאָס בויען פון בית המקדש אין דריושס צייט, ביז צו דער צייט פון זעקס יאָר פריער איידער מען האָט אָנגעהויבן ציילן ביי אונז למלכות יון — מיט 34 יאָר — אין אמתן קארגע 34 — מיט קאַרגע דריי חדשים ווייניגער — פון כסליו פון יאָר 3408 ליצירה ביז תשרי פון 3442 ליצירה. אין אמתן אָבער האַנדלט זיך דאָ אין 202 יאָר. דער דאָזיגער פעריאָד יאָרן ציט זיך איבער דער לייגג פון 520 ביז 318 פאַר דעם אָנהויב פון דער נייער ערא.

און אלס באַגיטיקונג פאר די 168 יאָר, וואָס זיי האָבן דאָ אראָפּגענומען געבן זיי צו דריי יאָר פאַר דער תקופה, וואָס ציט זיך פון ערשטן חורבן ביז מען האָט

ירושלים פאַרטריבן, אין דער צייט פון יהויכין מלך יהודה, האָט ער דאַן הויפּטזעכלעך גענומען אין גלות די אַלע קריגס־העלדן פון יהודה

באַנייט דאָס בויען פון בית המקדש אין דריושס צייטען. לויט זיי נאָך באַשטייט אָט יענע תקופה פון 69 יאָר מיט דריי חדשים — אָדער מיט פינף חדשים, ווען מיר זאָלן אויך רעכענען די חדשים אב און אלול, אין וועלכן דער חורבן איז פאָרגעקומען — פון אב 3338 ליצירה ביז כסליו פון יאָר 3408. אין אמתן אָבער ענטהאלט זי ניט מער, ווי נאָר 66 יאָר מיט דרייחדשים — פון תשרי 586 ביז כסליו פון 520 פאַר דער אָנגענומענער צייטרעכנונג — אָדער — ווידער — מיט פינף, ווען מיר זאָלן אָט יענע שוין דערמאָנטע צוויי חדשים אב און אלול רעכענען.

און אָט אזוי אַרום קומט,ווירקלעך, אויס, אַז בנוגע דער גאַנצער צייט פון דעם חורבן ביז צום יאָר, ווען מען האָט אָנגעהויבן ציילן ביי אונז לשטרות, איז אַן אונטערשייד צווישן דיביידע כראָנאָלאָגיעס אין 165 יאָר.

און רבי נחמן קראָכמאל שרייבט צום סוף פון ׳מועדי עולם״, אז ׳מיום נשרף בית אלקינו עד נפילת פרס בידי היונים מאתים ושמונים שנה״. איך זע אָבער ניט, אַז די צאָל פון 280, וואָס ער גיט אָן פאר די יאָרן, וואָס זיינען פאַרבייגעלאָפן פון זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן ביז צו דעם מאָמענט, ווען פרס איז געפאַלן זאָל קענען זיין ריכטיק. לויט די רעכנונגען, מיט וועלכע איך האָב ביז איצט אפּערירט, זיינען פאַרבייגעלאָפן פון דער צייט פון חורבן ביז דער צייט פון אלכסנדרס דורכגיין ארץ ישראל אויף זיין וועג קיין צור אין יאָר 332 פאַר דער נייער ערא — 254 יאָר. ביז דער צייט ווידער, ווען מען האָט ביי אונז איינגעפירט דעם תאריך למלכות יון — 274 יאָר. ווי מען זאָל ניט רעכענען, אלזא, קען מען ניט צונויפנעמען קיין 280 יאָר פון חורבן בית המקדש ביז נפילת פרס.

און אויך לויט זיינע אייגענע אויספירלעכע חשבונות אין שער „חקר אבות״ קען מען ניט די דאָזיקע צאָל אלס ריכטיק באַטראַכטן. לויט די דאָזיקע חשבונות זיינע, בעדאַרף מען רעכענען, אַז עס זיינען 116 יאָר פאַרבייגעגאַנגען פון מלכות כורש הכללית — פון זינט כורש האָט זיין זיג איבער בבל אָפּגעהאַלטן — ביז דעם טויט פון דעם קעניג ארתחשסתא, וואָס איז אין עזרא און נחמיהס צייט געווען. און פון דאַן אָן ווידער ביז צו דעם זיג פון אלכסנדר מוקדון איבער פרס זיינען פאַרבייגעגאַנגען נאָך 95 יאָר. צו די 211 יאָר, אַז מיר זאָלן נאָך צוגעבן די 48־52 יאָר פון דעם חורבן ביז כורשן, וועלן מיר האָבן צוזאַמען א קיימא לן ניט מער גאָר, ווי נאָר 259־263 יאָר פון דעם חורבן ביז נפילת פרס.

דער איינציקער וועג אויף צו ברענגען אין האַרמאָניע די אויבנדערמאָנטע חשבונות זיינע מיט זיין באַהויפּטונג פון 280 יאָר פאר דער צייט, וואָס עס איז פאַרבייגעלאָפן פון דעם חורבן ביז נפילת פרס, איז צו זאָגן — אַ זאַך, וואָס איז אבער אוממעגלעך — אַז ער האַלט, אז עס זיינען 70 יאָר פאַרבייגעלאָפן פון דעם חורבן ביז דער ערשטער עליה פון בבל.

סיי ווי אָבער ריכטיק זיינען די חשבונות, וואָס איך האָב אָנגעגעבן. וואָרום

יחזקאל

און דעם גרעסטן טייל פון דער ירושלימער אריסטאָקראַטיע און פילע פון אירע געלערטע און נביאים.

עס איז אויף אים דער טרויעריקער גורל אויסגעפאלן צו זיין איינער פון די ערשטע גולים, און ער האָט אזוי ארום אויסגעמידן דעם נאָך מער טרויעריקן גורל פון זיין עלטערן צייט־גענאָסע און לערער — ער איז ירמיהס א תלמיד געווען*) — ירמיהו הנביא, ער

פון דעם חורבן ביז דער עליה זיינען ניט מער ווי ניט קיין פולע 50 יאָר פאַרביי־געלאָפן — 47 מיט עטלעכע חדשים — פון אב 586 ביזן פרילינג פון 538 פאַר דער אַנגענומענער צייטרעכנונג.

און וואָס אַמבאַלנגט דער צאָל יאָרן פון דעם חורבן ביז נפילת פרס איז די גענויע צאָל 263 — פון 586 ביז 323 פאַר דער נייער ערא. ווארום דער גריכישער תאריך איז איינגעפירט געוואָרן ניט זעקס יאָר נאָך אלכסנדרס טויט, ווי עס קומט אויס לויט די חז״ל, נאָר עלף יאָר נאָך זיין טויט, אזוי אז עס גייט אראָפּ נאָך פינף יאָר פון „פרס בפני הבית״. ניט דאָס יאָר 318 בעדאַרף באַשטימט ווערן אַלס דאָס יאָר, וואָס ווערט פאַררעכנט אלס דאָס יאָר פון אלכסנדרס זיג איבער פרס בנוגע ארץ ישראל, נאָר דאָס יאָר 323.

*) דער פעריאָד צייט פון ירמיה נביאות זאָגן פאר דער צייט פון בית המקדש באַשטייט פון 42־41 יאָר. ער איז געווען עלטער פון יחזקאל מיט אזוינע 30־25 יאָר. צוזאַמען מיט ירמיהו האָט יחזקאל נביאות געזאָגט פאר דער צייט פון בית המקדש ארום 7־6 יאָר. אָנגעהויבן נביאות זאָגן פאר יחזקאל האָט ירמיה מיט ארום 35 יאָר. ער איז אלס נביא ארויסגעטראָטן מיט קארגע ארום 7־6 יאָר איידער יחזקאל איז געבוירן געוואָרן.

איך האָב געזאָגט : 42־41 יאָר. 42 יאָר בעדאַרף מען רעכענען, ווען מיר זאָלן געבען פולע 31 יאָר יאשיהן אלס קעניג. און פון דעם דאַטום „בשנה הרביעית ליהויקים מלך יהודה״, וואָס ירמיה גיט אָן פאַר דער נבואה זיינער, וואָס קומט אין קאפיטל כ״ה פון ירמיה בוך, אינאיינעם דערמיט, וואָס ער זאָגט דאָרטן, אַז שוין 23 — דאָס 23טע — יאָר, ווי ער גייט מיט זיין נבואישער טעטיקייט אָן, איז צו זען, אַז מען בעדאַרף געבן יאשיהן פולע 31 יאָר אלס קעניג. ווארום אויב יאשיהו בעדאַרף מען געבן נאָר 30 יאָר וואָלטן מיר דאָך געהאַט נאָר 21 פון 13טן יאָר למלכות יאשיה ביז צום סוף פון 30טן און די דריי יאָר, וואָס זיינען פאָראיבער למלכות יהויקים — און ניט קיין 22.

אויב מיר זאָלן אָבער אָננעמען, אַז יהויקימס יאָרן ווערן געציילט אין תנ״ך פון תשרי — ווי עס קומט אויס לויט די חז״ל — קען מען אָפּשאַפן די סתירה אויף פאָלגענדן אופן : מען קען זאָגן, אַז ווען ירמיה האָט יענע נבואה געזאָגט, איז ער געשטאַנען אין דער צווייטער העלפט פון יהויקימס 4טן יאָר, וואָס דאָס מאכט אויס די ערשטע העלפט פון 23טן יאָר, ווען מיר ציילן די דאָזיקע יאָרן פון

זאָל מיט זיינע אייגענע אויגן צוזען דעם פולשטענדיקן חורבן, וואָס איז נאָכדעם אויף זיין לאַנד געקומען.

און טראַץ דעם, וואָס ער איז נאָך גאָר יונג געווען, ווען ער איז קיין בבל פאַרטריבן געוואָרן, טראָץ דעם, וואָס ער איז דאַן ניט מער ווי א יאָר 23 אַלט געווען, האָט ער גאָר גיך גרויס אנערקענונג פון די גולים געקראָגן און איז זייער גייסטיקער פירער געוואָרן.

אמת, די ערשטע צייט האָט ער זיך אויך אויף א גרויס געגנער־שאַפט אָנגעשטויסן. עס איז אויך אים א שטיק צייט אויסגעקומען צו זיין אַן „איש ריב ומדון לכל הארץ”, ווי עס זיינען עס די אַלע גרויסע אידישע נביאים געווען. אויך אים איז א געוויסע צייט אויסגעקומען פילע זלזולים און פאַרפאָלגונגען אויסצושטיין פאַר זיינע איבערצייגונגען און מיינונגען און פאַר דעם אמת, וואָס ער האָט פאַרטיידיקט.

פונקט ווי ירמיהו האָט אין יהודה מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין נשמה אגיטירט פאַר דעם, אז די אידן זאָלן זיך קעגן נבוכדנצר ניט בונטעווען, אז זיי זאָלן טריי בלייבן צו דער שבועה פון טרייהייט, וואָס צדקיהו האָט דעם מלך בבל געגעבן, פונקט ווי ער האָט מיט א שאַרפן ווייטיק אין הארצן געוואָרנט קעגן זוכן הילף ביי אַנדערע מלוכות צו באפרייען זיך פון יאָך פון בבל, ווייל ער איז איבערצייגט געווען, אז דאָס אַלעם וועט צום פולשטענדיקן חורבן פון לאַנד און

א ניסן, רעכענענדיק דאָס ערשטע יאָר פון די דאָזיקע 23 יאָר דאָס 13טע יאָר ליאשיה. ווארום ווען מיר זאָלן אפילו געצוואונגען זיין צו זאָגן, אַז די יאָרן פון צדקיהו און יהויקים ווערן גערעכנט אין תנ״ך פון תשרי — איז בנוגע צו יאשיהו קען מען אבער געוויס אָננעמען, אַז זיי ווערן דאָרטן גערעכנט פון ניסן. צוזאמען דערמיט בעדאַרף אָבער אויך אָנגעוויזן ווערן דערויף — ווי דער לעזער האָט דאָס שוין אליין געקענט זען פון פריערדיקע באַמערקונגען — אַז לויט די חז״ל קומט אויס — און ניט נאָר אויבנאויף זעט עס אזוי אויס — אז אויך יאשיהס יאָרן ווערן אין תנ״ך פון תשרי גערעכנט. און עס בעדאַרף אויך געזאָגט ווערן, אַז עס קען זיך דאָ האנדלען וועגן נאָך א יאָר ווייניקער. דאָס האָט צו טאָן מיט דעם, צי פון דעם מאָמענט פון יאשיהס טויט ביז צום חורבן זיינען פאַרבייגעלאָפן א קיימא לן פון ניט ווייניקער פון אזוינע גאַנצע צוויי און צוואנציק יאָר, ווי די חז״ל גיבן אָן, אָדער נאָר 21 מיט א האַלב. איך וויל דאָ נאָך אויך צוגעבן, אַז לויט די חז״ל און די אַלע מפרשים האָט יאשיה פולע 31 יאָר געקעניגט. וועגן די אַלע אויבנדערמאָנטע ענינים וועט מיר נאָך אויסקומען אבער צו ריידן אויספירלעכער.

פאָלק פירן, אזוי האָט דאָס אַלעם אויך יחזקאל אין גלות געטאָן.

ווי יונג ער איז נאָך דאַן ניט געווען, האָבן אויך אין זיין באַוואוסטזיין טיפע וואָרצלען געלאָזט די אָנשויאונגען פון די נביאים וועגן דער פּאָליטיק, וואָס דאָס אידישע פּאָלק דאַרף פירן; ווי יונג ער איז נאָך דאַן ניט געווען, האָבן שוין אויך זיינע פּאָליטישע מיינונגען און איבערצייגונגען באַזירט אויף דער פילאָזאָפישער אָנשויאונג פון די נביאים בנוגע די מיסיאָנען און אויפגאַבן, וואָס דאָס אידישע פּאָלק דאַרף און קען אויף זיך נעמען. אויך אין אים האָט טיף די איבערצייגונג געלעבט, אַז דאָס אידישע פּאָלק קען און דאַרף זוכן גרויסקייט נאָר אויף דעם געביט פון קולטור און גייסטיקער שלימות, אָבער ניט אויף דעם געביט פון מיליטאַריסטישע אַמביציעס און אימפּעריאַליסטישע שטרעבונגען.

פּונקט אָבער ווי אין יהודה האָבן זיך די ברייטסטע פאָלקסשיכטן ביז צום לעצטן מאָמענט געלאָזט פון די נביאי השקר און פון זייערע אָפיציעלע פּאָליטישע פירער פאַרפירן; פונקט ווי אין יהודה האָבן זיי זיך געשפּייזט מיט פאַלשע האָפנונגען, צו באַפרייען זיך ענדלעך גאָר אינגאַנצן פון יאָך פון בבל, און האָבן די ריזיקאַלישסטע פּאָליטישע האַנדלונגען אונטערגענומען, די דאָזיקע האָפנונגען זייערע צו רעאַליזירן, אַזוי איז דאָס זעלבע אויך צווישן די גולים געווען.

איניקע עלעמענטן זיינען אין געהיים אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט זייערע איבערגעבליבענע ברידער אין יהודה געשטאַנען און האָבן אַלע זייערע פּלענער און פּאָליטישע אַוואַנטורן געשטיצט.

האָט דאָס אַלעם געדינט פאַר א באָדן, עס זאָל קענען צווישן די גולים פון בבל האַס און שנאה צום נביא יחזקאל פאַרזייט ווערן; האָט דאָס אַלעם מעגלעך געמאַכט, אַז ער אויך זאָל פון פאַרשיידענע פאַרפאָלגונגען ליידן, אַז אויך ער זאָל דעם שיקזאַל פון די אַלע איבעריקע גרויסע אידישע נביאים טיילן, דאָס פּאָלק זאָל זיי פאַר זייערע ברכות, מיט וועלכע זיי זיינען צו זיי געקומען, מיט קללות באַצאָלן.

דער דאָזיקער מאָמענט האָט אָבער דאָך לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. עס איז ניט קיין פיל צייט אַריבער און דער נביא יחזקאל איז, ווי שוין געזאָגט, געוואָרן די אָנגעזעענסטע פיגור אין גלות בבל, דער גרעסטער אויטאָריטעט ביי דעם גאַנצן אידישן ישוב דאָרטן, ער איז

באַלד זייער לערער און וועגווייזער געוואָרן. צו אים אין הויז פלעגן זיך צונויפקומען די אַלע „זקני־יהודה", די פאָרנעמסטע פאָרשטייער פון די גולים. ער זאָל זיי וועגן די אַלע פּראָבלעמען און פראַגן, וואָס האָבן זייער הארץ באַאומרואיקט, גאָטס וואָרט זאָגן.*) שוין א יאָר נאָכדעם, וואָס ער איז מיט זיין ערשטער נבואה ארויסגעטראָטן, איז זיין הויז א זאמלונגס פונקט פאר די זקני יהודה, וואָס האָבן זיך אין בבל געפונען — געוואָרן. אין זעקסטן יאָר — דערציילט ער אונז אין א נבואה פון יענער צייט — אין פינפטן פון זעקסטן חודש — בין איך ביי מיר אין הויז געזעסן — און די זקני יהודה האָבן זיך געפונען פאר מיר.

יחזקאל איז אַלס נביא אַרויסגעטראָטן פאַר די אידן, ווען ער איז אַרום אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט געווען.

און אין צוויי פאַרשיידענע פּעריאָדן טיילן זיך איין די נבואות זיינע.

אין ערשטן פּעריאָד, וועלכער האָט זיך געצויגן פון אייניקע יאָר נאָכדעם, וואָס ער איז קיין בבל געקומען ביז דעם חורבן פון בית המקדש, טרעט ער פאר אונז אלס נביא פון שטראָפן און שעלטן ארויס. און אין צווייטן פּעריאָד, וועלכער האָט זיך געצויגן פון דאַן אָן און ווייטער—אַרום פערצן יאָר**)—איז ער אלס נביא פון האָפ־נונגען וועקן און טרייסטן ארויסגעטראָטן.

---

*) דער מדרש רבה — שיר השירים — זאָגט, אז צווישן זיינע הויז באַזוכער האָבן זיך אויך חנניה, מישאל ועזריה געפונען. זיי זיינען זיינע תלמידים געווען.

**) זיין נבואות זאָגן האָט זיך געצויגן איבער א פּעריאָד צייט פון אַזוינע צוואַנציק ־איין און צוואַנציק יאָר. די ערשטע נבואה — דערציילט ער אונז — האָט ער נבואות געזאָגט אין פינפטן יאָר פון גלות יהויכין. די לעצטע נבואה, ווידער, וואָס געפינט זיך אין ספר יחזקאל, איז דאַטירט גיסן פון פינף און צוואַנ־ציקסטן יאָר פון גלות יהויכין; איז ער, אלזא, אין דעם אויבנדערמאָנטן משך פון יאָרן אלס נביא טעטיק געווען — סיידן מיר זאָלן אָננעמען, אַז ער איז ניט ארום יענער צייט — ווען ער האָט די לעצטע נבואה, וואָס קומט אין ספר יחזקאל, געהאלטן — געשטאָרבן און ער האָט נאָך אייניקע יאָר נבואות געזאָגט, נאָר די לעצטע נבואות געפינען זיך ניט אין ספר זיינעם. און אין אַנאַנדער אָרט וועלן מיר וועגן דעם דאָזיקן ענין מער אויספירלעך ריידן.

איך וויל אָבער דאָ שוין צוגעבן, אַז לויט די חז״ל קומט אויס, אַז די לעצטע

יחזקאל

און אויך אים איז ווי ירמיהון אין מאָמענטן פון פארביטערונג און יאוש שווער געווען די מיסיאָן פון א מוסר זאָגער און מוכיח

נבואה איז געזאָגט געוואָרן אין תשרי, ניט אין ניסן. דער דאַטום פון דער לעצטער נבואה יחזקאלס — אין יחזקאל מ׳ — לייענט זיך ווי פאָלגט: בעשרים וחמש לגלותנו בראש השנה, בעשר לחודש, בארבע עשרה שנה אחרי אשר הוכתה העיר״. זאָגען די חז״ל — דאָ גראַדע גייט זיך די ביבל קריטיק — וועלהויזען און וו. ראָבערטסאָן סמיט — צונויף מיט די חז״ל — אז דער בעשר לחודש מיינט אין צענטן טאָג פון חודש תשרי — יום כפור. „איזוהי שנה שראש השנה שלה בעשר לחודש — הוי אומר זו שנת היובל — וואָס פאַר אַ יאָר איז דאָס, וואָס דער ראש השנה דאַן קומט אויס אין צענטן טאָג פון חודש? — מוז מען דאָך זאָגן אַז דאָס איז א שנת יובל געווען.

לשיטתם, אַלזאָ, האָט יחזקאל נביאות געזאָגט אין משך פון פונקט, כמעט אַזוינע ניינצן יאָר מיט דריי חדשים — פון תמוז דעם פינפטן יאָר — צו ענדע יאָר. תשרי באַדאַרף דאָך לשיטתם אין די אַלע צייטרעכענונגען בנוגע די געשעענישן פון יענער צייט אַלס אָנהויב יאָר באַטראַכט ווערן — פון גלות יהויכין ביז דעם צענטן תשרי פון 25טן יאָר. אין די ראַמען פון די צוויי דאַטומס לויט דער אַלגעמיינער צייטרעכנונג — 597 פאַר דעם גלות יהויכין און 586 פאַר דעם חורבן — מיינט דאָס — פון תמוז 592 ביז תשרי פון 573.

מען קען אָבער אויך אָננעמען אַז דער „בעשור לחודש״ מיינט אין צענטן טאָג פון חודש ניסן, אַז דער בראש השנה וואָס שטייט פאַר אים, מיינט ניט דעם יום טוב ראש השנה; אַז ער מיינט דעם חודש ניסן וואָס איז אין יענער צייט, ווי אויך פילע יאָרן נאָכדעם דער ראשון לחדשי השנה געווען. דער פשט פון דעם דאָזיקן פסוק וועט דאַן זיין אויף פאָלגענדן אופן: אויף דעם 25טן יאָר פון גלות יהויכין, אין אָנהויב יאָר — אין דעם ערשטן חודש פון יאָר אין צענטן טאָג פון דאָזיקן חודש.

און דאַן וועט אויסקומען לויט דעם, וואָס איך האָב אין אָנהויב פון דער דאָזיקער באַמערקונג געזאָגט און אין אָנקלאַנג מיט די אויסרעכנונגען אין מיין באַמערקונג וועגן יחזקאלס געבורטס יאָר, אַז ער האָט נביאות געזאָגט — אין פאַל מיר זאָלן געבן צדקיהו 10 יאָר מיט אַ האַלב — אין א משך פון אזוינע 19 יאָר מיט ניין מאָנאַטן — פון תמוז פון יאָר 593 ביז ניסן פון יאָר 573. און אויב מיר זאָלן געבן צדקיהו 11 יאָר מיט א האלב וועלן מיר ווידער האָבן — אין פאַל מיר זאָלן רעכענען דעם תמוז פון „השנה החמישית לגלותנו אַלס דעם לעצטן חודש פון 5טן יאָר — 19 יאָר מיט 9 מאָנאַטן — פון תמוז פון יאָר 592 ביז דעם ניסן פון יאָר 572; אָדער 20 יאָר מיט 9 מאָנאַטן — אין פאַל מיר באַטראַכטן אָט דעם אויבנדערמאָנטן תמוז אלס דעם ערשטן חודש פון 5טן יאָר — וועלכע וועלן זיך ווידער ענדיקן אין ניסן פון 572: אָנהויבן וועלן זיי

אויף זיך צו טראָגן. ווארום אויך ער האָט זיך, ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, א שטיק צייט „צווישן עקדעשן געפונען", אויך ער

זיך אָבער ווי אין פאַל, ווען מיר זאָלן געבן צדקיהו 10 יאָר מיט א האַלב, פון דעם תמוז פון יאָר 593.

איך וויל נאָך אויך צוגעבן, אַז אין פאַל מיר זאָלן דעם בשלשים וועגן וועלכן איך האָב אייניקע מאָל גערעדט, אויסטייטשן — די דאָזיקע אויסטייטשונג ווידער איז אַזאַ וואָס איז זייער אָנגעמבאַר — ווי די חז"ל אין סדר עולם און תרגום יונתן זאָגן — דער רד"ק אין יחזקאל ברייגגט די דאָזיקע אויסטייטשונג נאָר אין נאָמען פון תרגום יונתן. דער ת"י גייט אבער אין דעם דעם סדר עולם נאָך — אַז דער נביא האָט געמיינט דאָס דרייסיקסטע יאָר פון זינט מען האָט די ספר תורה געפונען — אין 18טן יאָר פון יאשיהן — וועלן מיר דאַן זיין געצוואונגען אָנצונעמען, אז דער תמוז פון השנה החמישית לגלותנו מוז מיינען ניט דעם לעצטן חודש פון תמוז נאָר דעם ערשטן — אפילו, ווען מיר געבן צדקיהו 11 יאָר מיט אַ האַלב. ווארים פאַרקערט וואָלטן מיר געהאַט ניט דאָס 30טע, נאָר דאָס 31טע יאָר: יאשיהס 14 יאָר, וואָס ער האָט נאָך געהאַט צו קעניגן — פון 18טן ביז צו ענדע פון 31טן; יהויקימס עלף יאָר און פינף יאָר פון לגלות יהויכין.

און אַז מיר זאָלן אָננעמען אַז דער בעשר לחודש מיינט אין צענטן פון חודש תשרי, קענען מיר אָננעמען דאַן, אפילו, ווען מיר געבן צדקיהון 11 יאָר מיט א האַלב, אז אויך די גלות יהויכין יאָרן ווערן פון חודש ניסן געציילט, פונקט, ווי מיר קענען דאַן אויך אָננעמען, אַז דאָס לגלות יהויכין יאָר הויבט זיך שפּעטער אָן, ווי דאָס למלכות צדקיה יאָר און אַז דער תמוז פון השנה החמישית קען דאַן מיינען דעם ערשטן חודש פון יאָר אָדער דעם לעצטן — אין פאַל מיר טייטשן דעם בשלשים — דאָס דרייסיקסטע יאָר פון זיין געבורט — אָדער נאָר דעם ערשטן, ווען מיר טייטשן דעם בשלשים — דאָס דרייסיקסטע יאָר זינט מען האָט געפונען די ספר תורה

און אויב מיר געבן צדקיהון נאָר צען יאָר מיט א האלב איז קיין שום מעג־לעכקייט ניט פאַראַן צו טייטשן דעם בעשר לחודש — דעם צענטן טאָג פון תשרי.

לויט די חז"ל ווידער — לויט דעם פירוש פון רש"י אויף דעם מאמר זייערן „כבר היה" אין מועד קטן, כ"ה, י"א — האָט יחזקאל שוין אויך אין ארץ ישראל נבואות געזאָגט. דער „כבר", וואָס געפינט זיך אין פסוק ג׳ פון יחזקאל א׳, וועל־כער לייענט זיך: „בשנה החמישית לגלות יהויכין היה היה אליו דבר ה׳ על נהר כבר בארץ כשרים" — מיינט לויט זיי, אַז אין דער צייט, ווען אַט די נבואה איז צו אים געקומען, איז ער שוין פון לאַנג א נביא געווען אין ארץ ישראל. ווארום, ווען ער זאָל פריער דאָרטן קיין נביא ניט געווען זיין, וואָלט אויף אים די שכינה ניט געחען געקענט רוען אין חוץ לארץ.

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען דאָ, וואָס זיי זאָגן וועגן אים אין צוזאַמענהאנג

האָט מיט „בנים קשי־פּנים” און „חזקי־לב” געהאַט צו טאָן. אויך זיין וועג איז מיט שטעכיקע דערנער פאַרזייט געווען.

ווי שווער זי איז אים אָבער ניט געווען צו טראָגן, האָט ער געפילט, אַז ער טאָר זיך ניט פון איר באַפרייען. ער האָט זיך פאַר־אַנטוואָרטלעך פאַר זיין גאָט דערצו געפילט. עס איז זיין גלויבן געווען, אַז ער דאַרף זיי — די מענטשן פון זיין דור — וואָרענען, זיי זאָלן זיך אויף קיין שלעכטע וועגן ניט לאָזן, צו זיי וועלן אים יאָ פאָלגן אָדער ניט פאָלגן. עס איז זיין אינערלעך גלויבן געווען, אַז ער מוז צו זיי מיט גאָטס וואָרט קומען, ווען ער קען אפילו אויף זיך דורך דעם זייער כעס און צאָרן אַרויסרופן. ער האָט אין זיך די שטימע פון גאָט געהערט: „אַלס אַ נביא האָב איך דיר געגעבן צו

מיט די „מעשה מרכבה” נבואות זיינע. דאָס, וואָס זיי זאָגן וועגן אים אין צוזאַמענ־האַנג מיט דעם ענין איז זיין אָנקלאַנג מיט דער פיינער טענדענץ זייערער, אַראָפּצונעמען אביסל פון דער גרויסקייט פון אָט יענע אַלע גרויסע אידישע פּער־זענלעכקייטן, וואָס האָבן אביסל אין אַ געוויסן מאָמענט פון זייער לעבן צופיל מיט אַ „פּה ממלל רברבן” גערעדט.

ער רעדט אַזוי ברייט, אַזוי אויספירלעך, אין אַזויפיל שטאַרקע „קולות וברקים” טענער וועגן אַלעם דעם, וואָס עס קומט אין הימל פאָר — זאָגן זיי, אַז עס איז גאָר ניט אַזוי געפערלעך. ער וואָלט ניט געווען באַדאַרפט אַזאַ טאַראַראַם מאַכן. נאָך אַנדערע האָבן געזען דאָס, וואָס ער האָט געזען. אויב זיי דערציילן אונז ניט וועגן דעם, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס זיי שטייען אויף אַ העכערער מדרגה פון אים.

אַלעס — זאָגן זיי אונז אין חגיגה י״ג — וואָס יחזקאל האָט געזען, האָט אויך ישעיה געזען. צו וועמען אָבער איז יחזקאל געגליכן? צו אַ בן כפר — אַ פּראָווינציאַל — וואָס האָט דעם מלך געזען. און צו וועמען איז ישעיה געגליכן? צו אַ בן כרך — צו אַ גרויסשטאָטיקן — וואָס האָט דעם מלך געזען. דער ערשטער קען זיך גאָר ניט אָפּדערציילן פון די נסים ונפלאות, וואָס ער האָט געזען. דער צווייטער אָבער — ער איז שוין געוואוינט צו אַזוינע זאַכן. דעריבער האַלט ער ניט אין איין ריידן דערפון. צוזאַמען מיט דעם אַלעם באַדאַרף אָבער אויך אָנגעוויזן ווערן דאַרויף, וואָס זיי זאָגן אין פּרק ׳הרואה״, ברכות: „הרואה יחזקאל בחלום יצפה לחכמה” — אַז איינער זעט יחזקאלן אין חלום — זאָל ער האָפן, אַז ער וועט צו חכמה זוכה זיין. זיי גיבן דאָך, הייסט עס, צו, אַז ער — יחזקאל — האָט אויסערגעוויינלעכע זאַכן געוואוסט — כאָטש פון דער צווייטער זייט פאַרזיכערן זיי אונז ווידער — דברים רבה — אַז דער אומוויכטיקסטער איד אין משהס צייטן האָט געזען מער, ווי דער גרעסטער פון צווישן די נביאים שפּעטער — פון יחזקאל הנביא.

די אידן. און אז דו הערסט עפּעס פון מיר, דאַרפסטו זיי וואָרענען אין מיין נאָמען. ווען איך זאָג דעם רשע: „דו וועסט שטאַרבן" און דו האָסט אים ניט געוואָרנט און ניט גערעדט צו איהם, צו וואָר־נענען דעם רשע פון זיין שלעכטן וועג — כדי ער זאָל בלייבן לעבן — איז ער, דער רשע, וועט דורך זיין זינד שטאַרבן. זיין בלוט וועל איך אָבער פון דיר פאָדערן".*)

ער האָט אין זיך די דאָזיקע שטימע פון גאָט געהערט און האָט זיך פון איר רוף ניט געקענט באַפרייען.

***

אויך די דאָזיקע מאָמענטן אָבער פון פאַרצווייפלונג און יאוש האָבן ניט לאַנג אָנגעהאַלטן ביי אים, און זיי זיינען אויך ניט פון אַזאַ שטאַרקן און שאַרפן כאַראַקטער געווען, ווי ביי ירמיהון.

ירמיהוס רייד, אין וועלכע ער טרעט אַלס מוכיח און מוסר־זאָגער אַרויס, שניידן דאָס האַרץ מיט דעם טרויער און מעלאַנכאָליע, וואָס הערן זיך אין זיי. מען דערקענט פון זיי, אַז דער נביא זעט, אַז די לאַגע איז האָפנונגסלאָז, אַז ער פילט ביי זיך, אַז די רייד זיינע וועלן אוממעגליך בלייבן, צו אויסאיבן זייער איינפלוס צום גוטן אויף זיינע צוהערער. מען זעט, אַז עס שטעלט זיך אים אַלעס פאַר אין פאַרבן שוואַרצע. און דעריבער איז ער אַזאַ אומגליקליכער, און דעריבער איז ער אַזאַ נידערגעשלאָגענער און צעבראָכענער. און דעריבער שרייט אַזוי פיל צער און יאוש פון זיין יעדן וואָרט אַרויס. און דעריבער הערט זיך אַזוי פיל ביטער וויינען און קלאָגן אין זיינע רייד. און דעריבער טרעט ער אַזאַ לירישער, אַזאַ מעלאַנכאָ־לישער אַרויס פאַר אונז.

אַנדערש איז דאָס אָבער ביי יחזקאל.

נאָר דאָ און דאָרט הערט זיך ביי אים אויף אַ מאָמענט אַ יאוש טאָן. נאָר ציטנווייז שטויסן מיר זיך אָן דאָ און דאָרט אויף אַ שטימונג פון פאַרצווייפלונג ביי אים. אין די מערסטע פעלע פילט זיך אין זיינע רייד אַ מין פעסטע זיכערקייט, אַז די מיסיאָן, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען וועט מיט דערפאָלג געקרוינט ווערן.

*) יחזקאל י״ג.

אין די מערסטע פעלע פילט זיך אין זיינע רייד א שטארקער גלויבן, אז ער וועט סוף כל סוף די עקשנות פון זיינע צוהערער ברעכן, אז ער וועט פריער אָדער שפּעטער דער זיגער ארויס.

און דעריבער געפינט זיך ביי אים אזוי וויניק זייטיקע רעטאָריק. און דעריבער פעלט ביי אים אָט יענער רירענדער עלעמענט פון השתפכות הנפש, וואָס געפינט זיך אין אזא גרויסער מאָס ביי דעם נביא ירמיהו. ער רעדט שטענדיק אין א טאָן פון איינעם, וואָס וויים, אז ער באזיצט א גרויסע קראפט, זיין ווילן אויף דעם לעבן ארויפצוצווינגען, פון איינעם, וואָס איז גרייט מיט דעם גאנצן אימפעט זיינעם אין קאמף זיך ארייננצוואווארפן, ער זאָל זען זיין אידעאל אין לעבן פארווירקלעכט. זיינע רייד מאכן דעם איינדרוק שטענדיק פון איינעם, וואָס וויים, אז ער האָט אויף זיך א שווערע אויפגאבע גענומען, ער האָט אבער די פאָלשטענדיקע זיכערקייט, אז ער וועט זי סוף כל סוף אין לעבן רעאליזירן.

„והעולה על רוחכם, היו לא תהיה" — שרייט ער אוים אין נאָמען פון גאָט — „אשר אתם אומרים נהיה כגויים כמשפחות הארצות.*)

און דאָס וואָס קומט אויף אייער געדאנק וועט ניט מקוים ווערן; דאָס וואָס איר זאָגט: מיר וועלן זיין ווי די פעלקער, ווי די משפחות פון די לענדער.

מען וועט ניט דערלאָזן, אז די אידן זאָלן זיין דאָס, וואָס זיי ווילן זיין. זיי מוזן און וועלן זיין דאָס, וואָס ער וויל זיי זאָלן זיין. ער וויים, אז א „בית מרי" זיינען די אידן, אז זיי זיינען „חזקי מצח" און „קשי לב". ער האָט אָבער פאר זיי קיין מורא ניט. ער איז נאָך שטארקער פאר זיי. „שטארקער פון שטיין איז דער שטערן זיינער."

חי אני, נאום ה' אלקים — אם לא ביד חזקה ובזרוע נטויה ובחימה שפוכה אמלוך עליכם."**)

ווי איך לעב — זאָגט גאָט — אויב איך וועל ניט קעניגן איבער אייך מיט א שטארקער האנט און מיט אן אויסגעשטרעקטן אָרים און דורך מיין צאָרן, וואָס איך וועל אויף אייך אויסגיסן.

---

*) יחזקאל כ'.
**) דאָרטן.

און נאָך אין אן אנדער אָרט:

„זעט איך ברייננ א שווערד אויף אייך און אומברייננען וועל איך אלע אייערע במות. פארוויסט וועלן ווערן אייערע מזבחות און צעבראָכן וועלן ווערן אייערע זונען־געטער און די דערשלאָגענע וועל איך פאר אייערע געצעלטן לאָזן פאלן. די פגרים פון די בני ישראל וועלן זיך פאר זייערע געצן ארומוואלגערן און איך וועל די ביינער אייערע ארום אייערע מזבחות פאנאנדערשפרייטן און איר וועט וויסן דאָן, אז איך בין גאָט.

„און דאן ווען איר וועט אין געפענגניש זיין צווישן די פעלקער, צווישן וועלכע איר וועט פארטריבן ווערן — וועט איר זיך אליין פאראורטיילן פאר די אומווירדיקייטן, וואָס איר האָט געטאָן.

און אין אן אויסטערלישער וויזיע פון קרעפטיקער מאלערישער בילדלעכקייט דערציילט ער אונז, ווי ער איז פון גאָט באצוואונגען געוואָרן, ווי אזוי גאָטס ווילן איז אין א טייל פון זיין איך פארוואנדלט געוואָרן, אין א טייל פון זיין איך, מיט וועלכן ער האָט שוין ניט געקענט און ניט געוואָלט זיך פאנאנדערשיידן מער.

„און די מענטשן־קינד — גיט יחזקאל איבער גאָטס רייד צו אים — דו זאָלסט ניט זיין קיין ווידערשפעניקער. עפן אויף דאָס מויל דיינס און עס אויף, וואָס איך גיב דיר.

„און איך האָב געזען א האנט אויסגעשטרעקט צו מיר, אין וועלכער עס איז א באשריבענע מגלה געווען.

„און ווען איך האָב זי אין האנט גענומען, האָב איך געזען, אז זי איז פון ביידע זייטן באשריבן געווען מיט בשורות שלעכטע פון קלאָג און געוויין.

„און ער האָט געזאָגט צו מיר: מענטשן־קינד, עס אויף אלעס, וואָס דו וועסט געפינען דאָ. עס אויף די דאָזיקע מגלה און ניי רייד צום הויזגעזינד פון ישראל.

און איך האָב אויפגעעפנט דאָס מויל מיינס און די גאנצע מגלה אויפגעגעסן.

„און ער האָט צו מיר געזאָגט: דיין בויך זאָלסט אָנשפייזן און דיינע געדערים זאָלסטו אָנפילן מיט דער דאָזיקער מגילה, וואָס איך גיב דיר.״*)

*) יחזקאל ג׳.

יחזקאל

ער האָט אין זיך גאָטס וואָרט איינגעזאַפּט און איז מיט גע־שטאַרקטן מוט און געשטאַרקטן גלויבן מיט די נבואות זיינע צום פאָלק געגאַנגען.

און אָט דער אונטערשייד אין די פאַרשיידענע שטימונגען פון וועלכע ירמיהו און יחזקאל זיינען באַהערשט געווען, האָט אויך ארויפגעלייגט זיין שטעמפּל אויף דער שפּראַך און אויף דעם סטיל פון לעצטן. די שפּראַך פון יחזקאל פאַרמאָגט ניט אָט יענעם וואונ־דערבאַרן בלומען אַראָמאַט, אָט יענע פּאָעטישע עלעגאַנטסקייט, וואָס די שפּראַך פון ספר ישעיהו*) פאַרמאָגט. עס איז ניטאָ אין זיינע נבואות דער שוואונג און די העלע פייערלעכקייט, וואָס די נבואות פון יענעם ספר פאַרמאָגן. עס רוט ניט אויף זיי אָט יענע העלקייט און ליכטיקייט, וואָס זיינען איבער יענע אַלע נבואות אויסגעגאָסן. ווי די שטורמדיקע כוואַליעס פון א ברויזענדן ים, וואָס, רייסנדיק זיך צו די הויכע הימלען, צוגיסן זיי זיך איבער דער גאַנצער ברייט און לייננג זיינער, אַזוי צוגיסן זיי זיך אין אומבאַגרענעצטע ווייטקייטן און הויכקייטן. אין סטיל פון יחזקאל פעלט אָבער אָט די אומבאַ־גרענעצטע ברייטקייט, אָט די העלע פייערלעכקייט. עס איז אויך ניטאָ אין דער שפּראַך זיינער אָט יענע צאַרטקייט, אָט יענע האַרציגע ווייכקייט, וועלכע זיינען אַזוי דאָמינירענד אין דער שפּראַך פון ירמיהו. עס הערט זיך אין זיין סטיל ניט אָט יענער רירנדער ליריזם, וואָס איז פון אַזוי פיל נשמה געווען דורכגעזאַפּט, וועלכן מיר געפינען ביי ירמיהון. עס פעלט אין זיין שפּראַך די עלעגישע שיינקייט, וואָס די פון אַזאַ טיפן טרויער דורכגעדרונגענע מעלאַנ־כאָליע האָט אין דער שפּראַך פון לעצטן אריינגעטראָגן.

דערפאַר אָבער צייכענען זיך אויס זיין שפּראַך און זיין סטיל מיט אַזוינע מעלות, וואָס מיר געפינען ניט ביי די אנדערע נביאים. זיין שפּראַך צייכנט זיך אויס מיט קאָנצענטרירקייט. די פראַזן זיינע זיינען ניט געשליפן, דערפאַר פאַרמאָגן זיי אָבער א געטאָקטסקייט. די שפּראַך זיינע איז ניט קיין געפליגלטע. דערפאַר אָבער באַזיצט זי אין דער פולסטער מאָס די קראַפט פון עקספּרעסיאָן. דער ריטם פון זיין שפּראַך איז א שנעלער און דער טעמפּאָ פון זיין סטיל איז

---

*) באַזונדערס די נבואות פון צווייטן ישעיה, וואָס געפינען זיך דאָרטן.

פול מיט לײדנשאַפט. אײנפאַך, װי זײן שפּראַך איז, פילט זיך קראַפט און לײדנשאַפט אין זײנע נבואות. עס פילט זיך אין זײ דער ריטם פון שטײגענדן אױסברוך פון כעס און צאָרן. און צײטנװײז מאַכן אױף דיר אַן אײנדרוק די שטראָף רײד, װאָס ער האָט צו זײנע צוהערער גערעדט, װי ער װאָלט שטײנער שװערע איבער זײער קאָפּ געהאָגלט, װי ער װאָלט יעדעס װאָרט זײנס מיט אַ האַמער אױסגע־שמידט.

און אָנגעװיזן בעדאַרף אױך װערן אױף דעם װעג זײנעם צו שפּילן, צו דראַמאַטיזירן*) זײנע נבואות אין זײן אײגן לעבן, צו אַלעגאָריזירן דעם אינהאַלט זײערן און שאַפן פאַר זײ סימבאָלן אין קאָנקרעטע האַנדלונגען און טאַטן.

מיר האָבן שױן פריער געשריבן װעגן דער נבואה װיזיע זײנער שױן אין ערשטן מאָמענט פון זײן אַרױסטרעטן אַלס נביא. פון נאָך מער דראַמאַטישן אינהאַלט, פון נאָך מער קינסטלערישן פאַרנעם, פון נאָך מער אױסטערלישער סימבאָלישקײט זײנען די שפּעטערדיקע װיזיאָנען זײנע. אָט אַזױ דערצײלט ער אונז אין דער נבואה זײנער װעגן די באַלאַגערונגס־טעג, װאָס דערװאַרטן ירושלים, אַז עס איז אים געזאָגט געװאָרן, ער זאָל נעמען אַ ציגל און אױסקריצן אױף אים די שטאָט ירושלים מיט אַ טורעם אין מיטן, װי זי איז באַלאַגערט מיט מחנות פילע, װאָס האָבן זי אַרומגערינגלט מיט ערד װאַלן.

„און דו אַלײן" — װערט אים װײטער אין דער דאָזיקער נבואה געזאָגט — „זאָלסט נעמען אַן אײזערנע פײערפאַן און אװעקשטעלן זי, װי אַן אײזערנע װאַנט צװישן דיר און דער שטאָט און דו זאָלסט דײן פּנים צו איר געװענדט האַלטן. זאָל זי אין באַלאַגערונג זײן. דו זאָלסט זי אױך באַלאַגערן דאָס בעדאַרף אַלס צײכן דינען פאַר דעם הױז פון ישראל."**)

אָט דאָס אַלעס האָט באַדאַרפט דינען אַלס סימן, אַז פאַר די אײנװאױנער פון ירושלים װעלן טעג פון באַלאַגערונג אָנקומען, פון

---

*) יאָזעפוס דערצעהלט אונז, אַז יחזקאל האָט צװײ ספרים געשריבען. עס זאָל הײסען, אַז דאָס צװײטע װערק זײנס איז אַ טראַגעדיע געװען — װעגען יציאת מצרים.

**) יחזקאל, ד׳.

וועלכע זיי וועלן זיך ניט קענען באפרייען, אז צווישן זיי און גאָט האָט זיך אַן אייזערנע וואַנט אוועקגעשטעלט.

און אין א צווייטער נבואה — דאָרטן — דערציילט ער אונז, אז ער בעדאַרף גאָטס וואָרט אויספאָלגן, ער זאָל 430 טעג אין ליגן אויף איין זייט פאַרבריינגען: 390 טעג אויף דער לינקער זייט און 40 טעג אויף דער רעכטער, כדי צו מכפּר זיין אויף די זינד פון יהודה און ישראל. דערביי איז אים — דערציילט ער אונז — אויך פאַרזאָגט געוואָרן, ער זאָל א צוגעבונדענער*) די גאַנצע צייט זיין צום בעט, כדי ער זאָל זיך ניט פון איין זייט אויף דער אַנדערער קענען איבערדרייען. און ברויט צו עסן פאַר דער גאַנצער צייט איז אים דערלויבט געוואָרן נאָר אזא, וואָס זאָל באשטיין פון די נידעריקע מינים תבואות מיט א קליינעם צומיש נאָר פון ווייצן־מעהל. ער האָט דאָס דאָזיקע ברויט די גאַנצע צייט נאָר אויף דער וואָג בעדאַרפט עסן, און וואסער האָט ער די גאַנצע צייט אויף דער מאָס נאָר בעדאַרפט טרינקען.

אָט די אַלע זאכן האָבן בעדאַרפט אַלס צייכן דינען דערויף, ווי די אידן וועלן געבונדענע און פאַרהאַפּטעטע אין זייער הילפלאָזיקייט זיין, ווען ירושלים וועט פון שונא באלאגערט ווערן, ווי אזוי זיי וועלן דאַן פון הונגער און דורשט געפּייניקט ווערן.

עס איז אים אויך געזאָגט געוואָרן, ער זאָל זיך פאַר דער גאַנצער צייט דאַן אויך שפּייזן אָפּט מיט געדערשטן ברויט, וואָס זאָל אויף דער אומריינקייט פון פּי**) געבאַקן ווערן אַלס צייכן דערויף, אז די אידן וועלן זייער ברויט אין טומאה מוזן עסן, ווען זיי וועלן זיך צווישן די פעלקער, וואו זיי וועלן פאַרטריבן ווערן, געפינען.

און גאָר א שטאַרקן איינדרוק מיט די דראַמאַטישע עפעקטן אירע, מיט איר שאַרפן סימבאָלישן אינהאַלט מאַכט אויף אונז די פאָלגנדע נבואה.

„און דו מענטש" — לייענט זיך — יחזקאל ה' — די דאָזיקע

---

*) די מפרשים זאָגן: „ווי א צוגעבונדענער".

**) דער אָריגינעלער באַפעל איז געווען אויף „צואת אדם". ער האָט אָבער אָפּגעשריען דעם דאָזיקן גזר. איך האָב געטענהט דאַן — דערציילט ער אונז — צו גאָט: ווי, ווי... איך האָב דאָך קיינמאָל ניט מיין נשמה פאַראומרייניקט. איך האָב דאָך קיינמאָל ניט קיין בשר נבילה וטריפה געגעסן. ווי קען איך אזא זאַך טאָן.

נבואה — „נעם א שווערד א שאַרפע, ווי א גאָל־מעסער, און גאָל אָפּ מיט איר די האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד און א וואָג זאָלסטו נעמען, אויף וועלכער דו זאָלסט די האָר דיינע אויף דריי גלייכע חלקים צעטיילן. איין טייל זאָלסטו פאַרברענען אין פייער אין מיטן שטאָט נאָכדעם ווי די טעג פון דער באַלאַגערונג וועלן פאַר־איבער, דאָס צווייטע דריטל זאָלסטו מיט דער שווערד צעשלאָגן ארום דער שטאָט, און דאָס דריטע דריטל זאָלסטו אויפן ווינט צעשפּרייטן — און אויך דאָרטן וועט זיי די שווערד נאָכלויפן.

„און דו זאָלסט נעמען פון דאָרטן נאָך א קליינע צאָל האָר און צוזאַמענבינדן אין דער פאָלע דיינער און באַהאַלטן".

די דאָזיקע נבואה פאַרענדיקט זיך מיט די ווערטער: „ווארום פון דעם וועט א פייער אויף דעם גאַנצן הויז פון ישראל ארויסגיין". זי ענטהאַלט, הייסט עס, דעם אינהאַלט פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס וועט אויף יהודה קומען.

ווארום „איך וועל אויף אייך קיין רחמנות ניט האָבן. א דריטל וועלן פון הונגער און צרות אין שטאָט שטאַרבן. א דריטל וועלן שטאַרבן ארום דער שטאָט אין מלחמה מיט דעם פיינט און א דריטל וועל איך אין אַלע זייטן צעשפּרייטן — און וועל נאָך זיי די שווערד נאָכשיקן".

און אָפטמאָל האָט ער ניט נאָר בדרך משל, במראות הנבואה,*)

---

*) אָט אזוי שרייבט דער רד"ק, אז דאָס ליגן אויף איין זייט, ווי אויך דאָס עסען די מגלה; דער אינהאַלט פון דער נבואה מיט דער שאַרפער שווערד; די נבואה וועגען דעם, וואָס ער זאָל עסען פאר דער צייט, וואָס עס איז איהם פאַרזאָגט געוואָרען, ער זאָל נאָר אויף איין זייט ליגען; די נבואה — יחזקאל ח' — ווי ער איז אויף דעם ווינט געטראָגען געוואָרען פון בבל קיין ירושלים צום בית המקדש, ער זאָל דאָרטען זען די מעשי תעתועים פון עבודה זרה, וואָס די אידען טוען דאָרטן — אז אָט די אלע זאכן זייגען נאָר במראה הנבואה געווען.

און די נבואה וועגען דער מגלה טייטשט אויך* דער תרגום יונתן בדרך משל אויס. אויף דעם פסוק: און איך האָב מיין מויל אויפגעעפענט און די מגלה איינ־געשלונגען — מאכט דער תרגום יונתן: „און איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און בין דערגאַנגען דעם מיין פון דעם, וואָס עס איז אָנגעשריבן אין איר". און אויך רש"י שרייבט דאָרטן אין זעלבן זין: „עפן אויף דיין מויל און עס" — דאָס איז א משל: נויג צו דיין אויער און הער — וועט דאָס דיר זיס זיין — גלייך ווי דו וואָלסט א געשמאַקען מאכל געגעסן", און זע דעם „מצודות" דאָרטן.

די אלע סימבאָלן און אָנדייטונגען וועגן זייער צוקונפט, וועגן דעם שיקזאַל, וואָס דערוואַרטעט זיי, דורכגעלעבט, נאָר אין אמתן לעבן טאַקע. ער האָט זיך ניט באַנוגנט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט דער־ציילט די צוהערער זיינע אין די נבואות, וואָס ער האָט פאַר זיי געהאַלטן, וואָס גאָט האָט אים באַפּעלן צו טאָן, כדי זיי זאָלן דורך די טאַטן זיינע דערזען, וואָס די צוקונפט האָט פאַר זיי אָנגעגרייט, נאָר ער האָט טאַקע אויך געטאָן אָט דאָס אַלעס, וואָס עס איז אים בנבואה באַפּעלן געוואָרן צו טאָן.

וועגן אָט אַזאַ פאַל ווערט דערציילט אין קאַפּיטל י״ב:

„און גאָטס וואָרט איז צו מיר געוועזן — לייענט זיך די נבואה פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל — אַזוי צו זאָגן: מענטשן־קינד, צווישן ווידערשפּעניקע וואוינסטו, וואָס האָבן אויגן צו זען, און זיי זעען ניט, אויערן צו הערן און זיי הערן ניט. ווארום זיי זיינען ווידער־שפּעניקע.

„און די מענטשן־קינד, פאַרזאָרג זיך מיט כלי גולה און לאָז זיך ארויס אין גלות פאַר זייערע אויגן. דו זאָלסט פון דיין אָרט אין גלות גיין אין אַן אַנדער אָרט פאַר זייערע אויגן. אפשר וועלן זיי איצט זען.

„און דו זאָלסט ארויסטראָגן בייטאָג דיינע זאַכן, ווי איינער, וואָס טראָגט ארויס די כלי גולה זיינע.

„און אין אָוונט זאָלסטו זיך אין וועג לאָזן, ווי די, וואָס ווערן אין גלות געטריבן. פאַר זייערע אויגן זאָלסטו זיך דורכגראָבן דורך דעם שטאָט מויער און זאָלסט דורכגיין דורך איהם. פאַר זייערע אויגן זאָלסטו דיינע זאַכן אויף די אַקסלען טראָגן. אין דער פינצ־טער זאָלסטו אַלעם ארויסטראָגן. דיין פּנים זאָלסטו פאַרדעקן, דו זאָלסט ניט זען דאָס לאַנד, וואָס דו פאַרלאָזט. וואָרום אלס משל וועסטו זיין פאַר די אידן.

„און איך האָב אַזוי געטאָן״ — דערציילט ער אונז ווייטער דאָרטן — „ווי איך בין געהייסן געוואָרן. מיינע זאַכן האָב איך ארויסגעטראָגן, ווי מען טראָגט כלי גולה מיט זיך, און אין אָוונט האָב איך מיט דער האַנט דורכגעגראָבן פאַר מיר די וואַנט. אין דער

פינצטער האָב איך אַרויסגעטראָגן די זאַכן מיינע. איך האָב זיי פאַר זייערע אויגן געטראָגן.

„און גאָטס וואָרט איז צו מיר געווען אין דער פרי אַזוי צו זאָגן: דאָס הויז פון ישראל, דאָס הויז פון די ווידערשפעניקע האָט דאָך צו דיר געזאָגט: וואָס טוסטו? טאָ זאָג צו זיי: אָט אַזוי האָט געזאָגט: אָט די נבואה״*) איז אויף דעם נשיא פון ירושלים און אויף דעם גאַנצן הויז פון ישראל, וואָס געפינט זיך דאָרטן. זאָג צו זיי: איך בין אַ ביישפּיל פאַר אייך. אָט ווי איך האָב געטאָן, אָט אַזוי וועט מיט זיי געטאָן ווערן אין גלות אין געפענגעניש וועלן זיי גיין. און דער נשיא, וואָס צווישן זיי — אויפן אַקסל וועט ער זיינע כלי גולה טראָגן, און ער וועט דורך דער מויער וואַנט, וואָס זיי וועלן דורכגראָבן, אַרויסגיין. ער וועט זיין פּנים פאַרדעקן, די אויגן זיינע זאָלן ניט זען דאָס לאַנד, וואָס ער פאַרלאָזט. און איך וועל פאַרשפרייטן מיין נעץ אויף איהם, און ער וועט אין איר געכאַפּט ווערן און איך וועל אים ברייגנען קיין בבל. ער וועט אָבער דאָס לאַנד ניט זען. און דאָרטן וועט ער שטאַרבן און די אַלע, וואָס זיינען אַרום אים, וועל איך פאַרשפרייטן. און אַלע זיינע מחנות**) וועל איך פאַנאַנדערשפרייטן אין אַלע זייטן — און איך וועל נאָך זיי די שווערד נאָכשיקן, און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט, ווען איך וועל זיי פאַרטרייבן צווישן די פעלקער און וועל פאַרשפרייטן זיי צווישן די לענדער. און איך וועל פון זיי איבערלאָזן געציילטע מענטשן פון דער שווערד, פון הונגער און פון מאַרד, כדי זיי זאָלן דערציילן וועגן אַלע זייערע אומווירדיקייטן צווישן די פעלקער. צווישן וועלכע זיי וועלן קומען, און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט.

און אַמאָל האָבן אים אויך געוויסע פּאַסירונגען פון זיין לעבן אַלס נבואה מאַטעריאַל געדינט, ווען ער איז אַלס נביא פאַרן פאָלק אַרויסגעטראָטן.

ווען עס איז אים דאָס „טייערסטע פון זיינע אויגן״, די פרוי

---

*) אין טעקסט „משא״ — לצחות המליצה, ווייל עס ווערט געזאָגט „נשיא״. אַ מין „לשון נופל על לשון״.

**) אין טעקסט „אגפיו״ — וואָס האָט דעם מיין פון פליגלען און מחנות.

זיינע, פלוצלינג פון א מגיפה געשטאָרבן, האָט ער ניט געקלאָגט אויף איר און ניט געוויינט.

און ווען דאָס פאָלק האָט זיך געווענדעט צו אים: זאָג אונז, וואָס טוסטו? האָט ער זיי געענטפערט אין גאָטס נאָמען: „יחזקאל וועט פאַר אייך א ביישפּיל זיין. ווי ער האָט געטאָן, וועט איר אויך טאָן. איך וועל פאַרשניידן דעם בית המקדש מיינעם. אייערע טייערסטע און ליבסטע וועל איך ביי אייך צונעמען. און אייערע זין און טעכטער, וואָס איר האָט איבערגעלאָזט אין יהודה וועלן פון שווערד פאַלן. איר וועט אָבער ניט וויינען און ניט קלאָגן. איר וועט זיך דאָן אין טרערן וויקן איבער די זינד אייערע און איר וועט פאַר־וואורפן מאַכן איינע די אנדערע.*)

און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט דעריבער, וואָס יחזקאל האָט די צוהערער זיינע אונטער מעכטיקער באווירקונג געהאַלטן. דער אינטעסיוועס, ליידנשאפטלעכער אינהאַלט פון זיינע נבואות צוזאַמען מיט דעם אופן, ווי ער איז מיט זיי פאַר דעם פּובליקום ארויסגע־טראָטן, האָבן ניט געקענט ניט אין געשפּאַנטער פאַראינטערעסירט־קייט האַלטן די צוהערער זיינע, אונטער א פאַרכישופטן היפּנאָז זיי שטעלן.

ווארום אויך דאָן אפילו, ווען ער האָט ניט די פּול מיט דראַ־מאַטישע עפעקטן סימבאָלישע נבואות זיינע אין ווירקלעכן לעבן דורכגעפירט, אויך דאָן, ווען ער האָט דעם דראַמאַטישן אינהאַלט זייערן נאָר אלס וויזיאָנען פאָרגעשטעלט, האָבן זיי דאָך געהאַט די אילוזיע פון ווירקלעכקייט. אויב ער האָט זיי ניט אויף א רעאַלן וועג אין ווירקלעכן לעבן געשפּילט, האָט ער זיי אָבער דאָך דעם כאַראַקטער פון לעבנס־ווירקלעכקייט צוגעגעבן דורך דער סימבאָלישער מימיק, מיט וועלכער ער האָט זיי באַגלייט, דורך די פאַרשיידענע באַוועגונגען, זשעסטן, מיט וועלכע ער האָט אילוסטרירט און אויס־געטייטשט דעם אינהאַלט זייערן, דורך דעם, וואָס ער האָט זיי אין דער פאָרם פון דראַמאַטיזירן, פון שפּילן פאָרגעטראָגן. ניט ווייניקער, ווי מיט דעם אינהאַלט זייערן, האָבן זיי אויך מיט זייער פאָרם גע־מוזט א שטאַרקע ווירקונג האָבן אויף די צוהערער. און גאָר שטאַרק

*) יחזקאל כ״ד.

האָט געמוזט זיין זייער ווירקונג אויף די צוהערער אויך צוליב דעם, וואָס זייענדיק געבענטשט מיט א שיינער, אַנגענעמער שטימע*), האָט ער די נבואות זיינע אויך אין מעלאָדישער דיקציע, אין מוזיקאַלישער באַטאָנונג, וואָס האָט ווי געזאַנג געקלונגען, פאָרגעטראָגן.

און צו דעם אלעם באדארף נאָך אויך ווערן אָנגעוויזן אויף דער וואונדערבארער קראַפט פון זיין פאַנטאַזיע אין זיינע גאָט־זעאונגען, וועלכע צייכענען זיך אזוי פיל אויס מיט זייער פאַנטאַסטישער בילדלעכקייט און מיסטישן עקספּערעסיאָניזם. דורך זיינע גאָט־זעאונגען איז ער געוואָרן דער קלאַסיקער פון דער אידישער מעטאַפיזיק. דורך דער מעשה־מרכבה זיינער איז ער געוואָרן דער ערשטער — ניט נאָר צופעליקער — פאָרשטייער פון דער אידישער מיסטיק.

און ניט נאָר די בני הגולה אליין האָט ער געשטראָפט און גערערנט. ער האָט אויך אויף די איבערגעבליבענע אין יהודה אן אויג געהאַלטן.

פונקט ווי ירמיהו האָט דאָס לעבן און די פירונגען פון די אידן אין בבל נאָכגעפאָלגט, און ווען עס האָבן זיך צו אים דערטראָגן די קלאַנגען, אז איינעקע עלעמענטן פון די גולים שפּייזן זיך מיט אילוזיעס, די מאַכט פון בבל זאָל פאַלן, און זיי וועלן זיך באַלד צוריקקערן אין יהודה, ווען זיי וועלן זיך פון איר יאָך באפרייען, האָט ער זיי אבריוו געשריבן, זיי זאָלן ניט דאָרטן ווי אויף א פרעמדער פור זיצן און „זיי זאָלן דאָרטן הייזער בויען און וויינגערטנער פלאַנצן", אזוי האָט יחזקאל אלעס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יהודה פאַרפאָלגט. ער האָט מיט זיין הארץ און נשמה ניט ווייניקער געלעבט אין יהודה, ווי ער האָט אין בבל געלעבט.

„איך בין אין מיין הויז געזעסן" — דערציילט ער אין איינער פון זיינע נביאות — „און די „זקני יהודה" זיינען אויך פאר מיר געזעסן... האָט די פאָרם פון א האנט מיך ביי די האָר פון קאָפּ אָנגענומען און דער ווינט האָט מיך צווישן הימל און ערד געטראָגן און קיין ירושלים צום בית המקדש געבראַכט און די אלע מעשים

*) די דאָזיקע באַהויפּטונג שטיצט זיך אויף דעם פסוק — יחזקאל ל"ג, ל"ב— „והנך להם כשיר עגבים, יפה קול ומטיב נגן. ישמעו את דבריך ועושים אינם אותם". דער דאָזיקער פסוק קען אָבער דאָך ניט מער, ווי נאָר אלס אן אסמכתא דינען.

תעתועים פון עבודה זרה, וואָס די אידן האָבן דאָרטן געטאָן, מיר געוויזן".*)

ער איז אַ לערער און וועגווייזער געווען פאַר דעם גלות, ווי פאַר די איבערגעבליבענע אין יהודה, און האָט אויף זיי גאָטס צאָרן גערופן ביז צום מאָמענט פון לעצטן גירוש פון יהודה, ווען עס איז דאַן דער צווייטער פּעריאָד אין זיין נביאות טעטיקייט אריינגעטראָטן, דער פּעריאָד פון טרייסטן און האָפנונגען וועקן.

*) יחזקאל ח'.

ג.

יחזקאל אלס טרייסטער פון פאָלק

דער טרויעריגער סוף פון יהודה. — דער סוף פון זייערע האָפנונגען אויף מצרים. — גאָר גיך האָט נבוכדנצר זיין שטריק אויך איבערן האַלדז פון מצרים פאַרוואָרפן. — די ענדערונג צום ערגערן אין נבוכדנצרס באַציאונגען צו די אידן אין מאָמענט, ווען יהודה איז פאָלשטענדיק באַזיגט געוואָרן פון אים. — די גרויזאַמע אכזריות, וואָס ער האָט ארויסגעוויזן צו דער אידישער באַפעל־קערונג אין דער צייט פון זיין באַלאַגערונג אויף ירושלים און נאָכדעם. — די יאוש שטימונגען פון די אידן דאַן. — זיי האָבן געגלויבט, אז עס האָט שוין די לעצטע שעה פאר דער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק געשלאָגן. — יחזקאל באקעמפט די דאָזיקע שטימונגען. — ער פאַרוואַרפט דאן די פריערדיקע טעטיקייט זיינע פון שטראָפן און טאַדלען און האָט איצט פאר זיי נאָר ברכות און נחמות. — די אידן זיינען א וואונדער פאָלק. — די „שארית הפליטה" קען זיך נאָך אין מחנות גרויסע אומצייליקע צעוואקסן. — טרוקענע ביינער נאָר זיינען פון אידישן פאָלק געבליבן. די דאָזיקע טרוקענע ביינער וועלן אָבער נאָך אין א פולבלוטיקן און קרעפטיקן קערפער פאַרוואַנדלט ווערן. — די באַרימטע טאָל־זעאונג זיינע וועגן די טרוקענע טויטע ביינער.

עס איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס ירמיהו און די אנדערע נביאים פון זיין צייט האָבן פאָראויסגעזען. די אָנשטרענגונגען פון דעם שארית ישראל, וואָס איז איבערגעבליבן אין יהודה, און פון אייניקע עלעמענטן פון די גולים, פון זייער אונטערוואָרפנקייט צו בבל זיך צו באפרייען, האָבן דעם מעגלעכסטן טרויעריקן פינאַל געהאַט.

אָנשטאָט זיי זאָלן, ווי זיי האָבן געהאָפט, דורך די דאָזיקע אָנשטרענגונגען אומבאגרענעצטע פּאָליטישע פרייהייט ערווערבן, זייינען זיי דורך זיי נאָך מער פאַרשקלאפט געוואָרן, האָבן זיי דורך זיי נאָך אויך דאָס ביסל פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, פאַרלאָרן.

די אַלע האָפנונגען זייערע, דורך דער הילף פון מצרים די מאַכט איבער זיך פון בבל צו צעברעכען, האָבן זיי שרעק־לעכע ענטוישונג געבראַכט. בבל האָט זיך אַרויסגעוויזן ניט נאָר שטאַרקער פאַר יהודה, נאָר אויך שטאַרקער פאַר מצרים, אין וועלכער יהודה האָט איר איינציקע רעטונג געזען. ניט לאַנג נאָך דעם, וואָס נבוכדנצר האָט צום ערשטן מאָל יהודה באַלאַגערט, האָט בבל זיין שטריק אויך איבער דעם האַלז פון מצרים פאַרוואָרפן.

און עס איז ניט מער ווי א יאָר עלף־צוועלף פאַראיבער פון גלות יהויכין, ווי יהודה איז שוין גאָר אינגאַנצן א צוטראָטענע און דער־נידעריקטע פאַר די פיס פון בבל געלעגן.

נבוכדנצר האָט פיל געדולד פאַרמאָגט אין זיינע באַציאונגען צו ממלכת יהודה. אין פילע פעלע האָט ער גרויס איינזען אַרויס־געוויזן צום אידישן פאָלק. צי ער האָט עס געטאָן צוליב פּאָליטישע מאָטיוון, ווייל ער האָט געדענקט, אז עס לוינט זיך בעסער פאַר זיינע פּאָליטישע אינטערעסן אין די געאָגראַפישע גרענעצן, וואָס אַרום פאַלעסטינע, אז עס זאָל עקזיסטירן אין ארץ ישראל א שוואַכע אידישע מלוכה, וואָס זאָל זיינער א שטענדיקער וואַסאַל זיין, איידער די זאָל גאָר אינגאַנצן פון עקזיסטענץ אָפּגעווישט ווערן; אָדער ער האָט עס געטאָן צוליב ריין הומאַנע מאָטיוון — איז שווער צו באַשטימען. דער פאַקט בלייבט אָבער א פאַקט, אז די אַבזיכטן זיינע גאָר פון אָנהויב זיינען ניט געווען אינגאַנצן אונטערצוברייננגען ארץ ישראל אלס פּאָליטישע מאַכט. פאַרקערט, ער האָט זיך פיל מי געגעבן, אז דאָס זאָל ניט געשען, און ער האָט מיט פיל געדולד און אויסדויער מיט די אידישע פּאָליטישע פאָרשטייער געהאַנדלט, אַבי דעם קאַטאַסטראָפאַלן מאָמענט פון ברייננגען פאַלשטענדיקן חורבן אויף ארץ ישראל אויסצומיידן.

די העצעס אָבער פון די נביאי השקר, וואָס זיי האָבן געהעצט דאָס פאָלק, אינגאַנצן דעם יאָך פון מלך בבל פון זיך אַראָפּצוואַרפן און פאַראייניקן זיך מיט זיינע שונאים אים צו באַקעמפן, די פּראָוואָ־קאַציעס וואָס די קעניגע און די אַנדערע אָפיציעלע פּאָליטישע פירער פון פאָלק האָבן אים פּראָוואָצירט דורך דעם, וואָס זיי האָבן די אָפּמאַכן, וואָס זיי האָבן מיט אים געשלאָסן, געבראָכן, און די שבועות, וואָס זיי האָבן אים געגעבן, מבטל געווען, טראָץ די וואָר־

נונגען וואָס די נביאי האמת האָבן זיי געוואָרנט, זיי זאָלן דאָס ניט טאָן — דאָס אַלעס האָט געפּירט דערצו, ער זאָל זיין גרעסטע פאַרלירן, ער זאָל עס געפינען פאַר נויטיק פאַר זיינע אינטערעסן, ער זאָל ממלכת יהודה צו פּאָלשטענדיקן פּאָליטישן אונטערגאַנג צופירן.

מיט גרויזאַמער אכזריות איז ער זיך באַגאַנגען מיט די אידן אין זיין לעצטער באַלאַגערונג אויף ירושלים. ער האָט דעם בית המקדש פאַרברענט, די שטאָט ירושלים אין א מדבר פאַרוואַנדלט, פילע פון די „רבי המלוכה", פון די גרעסטע פאָרשטייער פון פאָלק, אויסגעקוילעט און די איבערגעבליבענע פון לאַנד קיין בבל פאַרטריבן, און אויך דעם טראַגישן קעניג צדקיהון אליין האָט ער א געבונדענעם אין קייטן און בלינדן קיין בבל אוועקגעפירט. ער האָט אים די אויגן אויסגעשטאָכן נאָכדעם וואָס ער האָט פריער אין זיין אַנוועזנהייט אַלע זיינע קינדער אויסגעשאָכטן.

און ווי שטאַרק עס איז פריער זייער גלויבן געווען, אז עס וועט זיך נאָך אַלעס אויף דעם בעסטן אופן ענדיקן, אזוי שטאַרק איז איצט זייער פאַרלאַרנקייט געוואָרן. ווי גרויס עס זיינען פריער זייערע האָפנונגען געווען, אזוי גרויס איז איצט זייער פאַרצווייפלונג געוואָרן. זיי האָבן זיך איצט דערזען פלוצלונג פאַר דעם אָפּגרונט פון פאָלשטענדיקן אונטערגיין. די ממלכת ישראל איז נאָך פריער אונטערגעגאַנגען.*) און איצט זיינען אויך די לעצטע שפּורן פון דער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט פון ממלכת יהודה פון עקזיסטענץ אָפּגעווישט געוואָרן. דער גרעסטער טייל פון די איינוואוינער פון ממלכת ישראל איז נאָך פריער פון דער שווערד פון שונא און פון די פיילן פון הונגער געפאַלן, און די איבעריקע זיינען אין די לענדער פון שונא פאַרטריבן געוואָרן, זיי זאָלן דאָרטן פון די פעלקערשאַפטן, וואָס באַוואוינען זיי, פאַרשלונגען ווערן. און איצט איז דאָס זעלבע אויך מיט דער באַפעלקערונג פון יהודה געשען. דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט זיך פריער מיט א פאַר הונדערט יאָר געציילט אין די

---

*) אין יאָר 722 פאַר דער אַנגענומענער צייטרעכנונג; 792 פאַר דעם חורבן בית שני. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז די פאַר דעם חורבן דאַטומס, וואָס ווערן איבעראַל אָנגעגעבן אין ווערק זיינען לויט דעם, אַז מען זאָל אָננעמען, אַז דער חורבן איז פאָרגעקומען אין 70טן יאָר פון דער נייער צייטרעכנונג.

מיליאָנען,*) האָט איצט, נאָך דער רייע שרעקלעכע מלחמות וואָס ממלכת יהודה האָט די לעצטע יאָרן איבערגעלעבט, נאָך דער רייע שרעקלעכע מלחמות, וועלכע האָבן, ווי א העליש פייער דורך הונגער, שחיטות און קאמף דאָס פאָלק פארצערט, קוים דערגרייכט די צאָל פון הונדערט און פופציק טויזנט.

זיי האָבן די שטראָף פון גאָט דערזען און זיינען פארציטערט געוואָרן.

הונדערט פופציק טויזנט זיינען פון פאָלק ישראל געבליבן. און אויך זיי זיינען אויף א פרעמדן באָדן פארשליידערט געוואָרן. וואָס פאר א תקומה קענען זיי דען נאָך אין לעבן האָבן? וואָס פאר האָפנונגען קענען זיי דען נאָך האָבן, זיי זאָלן קענען אלס פאָלק עקזיסטירן.

זיי זיינען געווען זיכער, אז עס האָט די לעצטע שעה פאר דער עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק געשלאָגן. נאָך א דור און נאָך א דור, און דאָס ביסל אידן, וואָס איז נאָך אויף דער וועלט פארבליבן, וועט פון דער ארומיקער באפעלקערונג פארשלונגען ווערן. נאָך א דור און נאָך א דור, און עס וועט שוין קיין שריד און פליט פון אידישן פאָלק ניט בלייבן. זיי האָבן זיך אלס טרוקענע ביינער באטראכט, פאר וועלכע עס זיינען שוין אלע האָפנונגען פארלאָרן.

און אין דעם מאָמענט האָט זיך דער צווייטער פעריאָד אין דער טעטיקייט פון יחזקאל אלס נביא אָנגעהויבן.

ער איז איצט אלס טרייסטער פון פאָלק ארויסגעטראָטן. מיט דער גאנצער קראפט פון זיין נשמה האָט ער זיך איצט אין קאמף ארייגעוואָרפן צו באקעמפן זייער יאוש. ער האָט עס איצט פאר זיין אויפגאבע אין לעבן געמאכט, צו טרייסטן זיי פון דער שווערער

---

*) לויט די לעצטע „זיכערע" וויסנשאפטלעכע אויסרעכנונגען בעדאַרף עס הייסן, אַז די צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין גאנץ — איןביידע מלוכות — ארץ ישראל איז געווען ארום 7־8000 אין די צייטן פון גלותשומרון. פונקט אָבער, ווי מען קען זיך אויף אונזערע קוועלן פאַרלאָזן בנוגע דער צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג אין די צייטן פון תנ"ך, אָט אזוי קען מען זיך אָט אויף יענע וויסנשאפטלעכע אויסרעכנונגען פארלאָזן. די ערשטע זינדיקן מיט צופיל חבור, די צווייטע מיט צופיל חסור.

פאַרצווייפלונג, וואָס האָט אויף זיי געדריקט, און וועקן ביי זיי ליכטיקע האָפנונגען.

שטום איז איצט זיין מויל געוואָרן, ער זאָל זיי דערמאָנען די חטאים זייערע, ער זאָל זיך רייצן מיט זיי, ווי אזוי עס איז אַלעס מקוים געוואָרן, וואָס ער האָט פאָראויס געזאָגט, ער זאָל זיך אויס־טענהנען מיט זיי, פאר וואָס זיי האָבן אים ניט פאָלגן געוואָלט.

כמעט א טויטער איז ער צו דער ערד געפאַלן, ווען עס האָט זיך צו אים דערטראָגן די טרויעריקע בשורה, אז „הוכתה העיר", אז עס איז דער פאָלשטענדיקער חורבן אויף ירושלים געקומען.

און ווען ער איז פון דער ערד אויפגעשטאַנען, איז ער שוין אן אנדער מענטש געווען. ער האָט זיין גאַנצע פריערדיקע טעטי־קייט, די טעטיקייט פון א שטראָפער און שעלטער, פארגעסן און האָט דאַן די טעטיקייט זיינע פון טרייסטן און בענטשן אָנגעהויבן.

ער האָט זיך מער ניט נויטיק געפילט אַלס מוכיח און מוסר־זאָגער. ער איז זיכער געווען, אז זי איז שוין ניט נויטיק מער דיזאָזיקע טעטיקייט זיינע. בלינד וואָלטן זיי דאָך געדארפט זיין, ניט צו זען, ווי עס האָט זיי דער צאָרן פון גאָט געטראָפן דערפאר, וואָס זיי האָבן דעם אמת, וואָס די נביאים האָבן פאר זיי געפריידיקט, פארשטויסן. ער האָט דאָך נאָך פריער געוואוסט, אז אין דעם מאָמענט, ווען זיינע נבואות וועלן מקוים ווערן, וועט זייער דערליי־טערונג און דערהויבונג קומען.

ער איז זיכער געווען, אז זי איז שוין ניט נויטיק מער און ער האָט זיין גרעסטע באַלוינונג געזען אין דעם, וואָס ער קען זיך באַ־פרייען פון איר. עס האָט דאָך אים שטענדיק אזוי דאָס הארץ געשניטן יעדן מאָל, ווען ער האָט באַדארפט מיט קללות און בייזע נבואות צו זיין פאָלק קומען.

ער האָט זיך איצט נאָר אַלס בענשער און טרייסטער נויטיק געפילט.

און ער האָט זיך מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין נשמה צו דער ראָזיקער טעטיקייט איבערגעגעבן.

מיט דער זעלבער קראַפט און ליידנשאַפט, וואָס ער האָט זיי פריער געשטראָפט און געשאָלטן, האָט ער זיי איצט געטרייסט און מוט צוגעגעבן.

אמת, עס איז דער אידישער בוים נאַקעט פון זיינע צווייגן און בלעטער געבליבן, עס איז דאָך אָבער נאָך אַלץ דער שטאַם געבליבן. עס איז דעריבער נאָך ניטאָ וואָס שרעקלעך פאַרצווייפלט צו זיין. גרויס איז דער כח החיים, מיט וועלכן גאָט האָט זיין פאָלק געבענשט. די „שארית הפליטה" קען זיך ווידער אמאָל אין מיליאָנען צעוואקסן. כל זמן דער שטאַם איז נאָך גאַנץ געבליבן, איז נאָך אַלץ א האָפנונג פאַראַן, אז ער זאָל זיך ווידער אין א שיינעם און מעכטיקן בוים צעוואקסן.

אמת, עס זיינען די הויט און פלייש פון אידישן אָרגאַניזם פאַרצערט געוואָרן און עס זיינען פון אים נאָר טרוקענע ביינער געבליבן. די אידן זיינען אבער א וואונדער פאָלק. און די דאָזיקע טרוקענע ביינער קענען נאָך אין א פולבלוטיקן און קרעפטיקן קערפּער פאַרוואַנדלט ווערן. עס וועט נאָך דער גרויסער וואונדער געשען און די טרוקענע ביינער וועלן זיך נאָך מיט הויט און פלייש פאַר־ציען און ביי דער גאַנצער וועלט ענטציקונג אַרויסרופן.

איך האָב שוין אָנגעוויזן איין מאָל, אז עס איז געווען דער שטיינער פון יחזקאל צו ריידן אין בילדער און אזוי האָט ער אויך דעם דאָזיקן געדאנק זיינעם וועגן דער אויפלעבונג פון די אידן אין א וואונדערבאַר בילד אַלעגאַריזירט, אין דעם וואונדערבאַרן בילד פון דער באַריטער טאָל זעאונג זיינער*) וועגן די טויטע ביינער, וואָס גאָט האָט אים געוויזן.

---

*) יחזקאל, ל"ז.

ד.

די נחמות נבואות פון יחזקאל

די גלות קברים וועלן געעפנט ווערן און די אידן וועלן זיך פון די דאָזיקע קברים זייערע קיין ארץ ישראל לאָזן. — און ניט נאָר מלכות יהודה אליין וועט צוריק אויפגעריכט ווערן, נאָר אויך ממלכת אפרים. — פון די צוויי באזונדערע פעלקער וועט ווידער איין פאָלק ווערן. — גאָט וועט פון דעם „עץ אפרים" און „עץ יהודה" איין בוים מאַכן. — און ניט נאָר די פאָליטישע ירידה וועט דאַן פון פאָלק פאַרשווינדן, נאָר אויך די גייסטיקע ירידה, די מאָראַלע צעפאַלנ־קייט. — זיי וועלן דאן אלע אין איין באַגער פאראייניקט זיין, זיי זאָלן גאָטס ווילן טאָן. — עס וועט דאַן אין זייער לעבן משפט אונצדקה הערשן. — און אין אנקלאנג מיט די פרינציפּן פון משפט און צדקה וועלן פון זיי אויך די ניט־אידן באַהאַנדלט ווערן. — די פרעמדע וועלן אין ארץ ישראל ווי די אידן באַהאַנדלט ווערן. — אויך מיט א חלק ערד וועלן זיי באַדאַרפן פון די אידן פאַרזאָרגט ווערן. — צוזאַמען ווידער מיט דעם מאָמענט פון נחמה, וואָס וועט דאַן פאַר די אידן קומען, וועט פאר זיי קומען אויך דער מאָמענט פון נקמה זען אין זייערע שונאים. — זיי וועלן זען, ווי גאָטס צאָרן וועט זיך אויף די פעלקער, פון וועלכע זיי זיינען מיט רשעות באהאנדלט געוואָרן, אויסגיסן. — גאָט וועט זיין וואָרט שיקן צו די אלע פויגלען און צו די אלע חיות אין פעלד, זיי זאָלן קומען אלע צו דער שלאכט סעודה, וואָס ער גרייט צו פאר זיי. — ער וועט זיי אויף דער דאָזיקער סעודה פלייש צום עסן און בלוט צום טרינקען געבן. — דאָס פלייש פון גבורים און דאָס בלוט פון פירשטן.

„עס איז אויף מיר — הויבט די דאָזיקע זעאונג זיך אָן — די האנט פון גאָט געווען". „און ער האָט מיך אויף דעם ווינט געטראָגן און געלאָזט מיך שטיין אין דער מיט פון א טאָל."

„און פול מיט ביינער איז ער געווען".

„און ער האָט מיך ארומגעפירט ארום זיי ארום און ארום".

„און פיל זיינען זיי געווען איבער דעם טאָל".

„און טרוקן זייער זיינען זיי געווען".

„און ער האָט געזאָגט צו מיר: —
„מענטשן־קינד, קענען די דאָזיקע ביינער אויפלעבן?"
„האָב איך געזאָגט:"
„גאָט מיין האר, (נאָר) דו ווייסט עס".
„און ער האָט געזאָגט צו מיר: —
„זאָג נביאות וועגן די דאָזיקע ביינער און דו זאָלסט זאָגן צו זיי: טרוקענע ביינער, הערט אויס דאָס וואָרט פון גאָט —"
„אזוי האָט גאָט געזאָגט צו די טרוקענע ביינער: איך וועל ארייןברייגגען א לעבנסגייסט אין אייך און איר וועט לעבעדיק ווערן".
„און איך וועל געבן אייך אָדערן און וועל ארויפברייגגען אויף אייך פלייש און ארויפציען אויף אייך א הויט. און איך וועל אריינ־ברייגגען אין אייך א גייסט — איר זאָלט לעבן. און איר וועט וויסן, אַז איך בין גאָט".
„און איך האָב נביאות געזאָגט, ווי איך בין באַפעלן געוואָרן".
„און עס האָט זיך דערהערט א קול, ווי איך האָב נביאות גע־זאָגט. און עס איז א רעש געוואָרן".
„און די ביינער האָבן זיך דערנעהנט איין ביין צום צווייטן".
„און איך האָב געזען, ווי עס איז אויף זיי אָדערן געוואָרן. און פלייש האָט זיי באַדעקט. און הויט איז איבער זיי אויבן פארצויגן געוואָרן. קיין גייסט איז (אָבער נאָך) ניט געווען אין זיי".
„און ער האָט געזאָגט צו מיר:" —
„זאָג נביאות צום גייסט, זאָג נביאות מענטשן־קינד, און זאָג צום גייסט: אזוי האָט גאָט דער אייביקער געזאָגט: פון די פיר זייטן קום, דו גייסט, און הויך א לעבנס־אָטעם אריין אין די דאָזיקע הרוגים און זאָלן זיי לעבעדיק ווערן".
„און איך האָב נביאות געזאָגט, ווי מיר איז באפעלן געוואָרן".
„און עס איז אין זיי אריין דער גייסט. און זיי זיינען לעבעדיק געוואָרן און זיי האָבן זיך געשטעלט אויף זייערע פיס. אַ ארמיי א גרויסע".
„און ער האָט צו מיר געזאָגט:—"
„מענטשן־קינד, די דאָזיקע ביינער זיינען עס דאָס גאַנצע הויז פון ישראל. זע, זיי זאָגן: אויסגעטריקנט זיינען געוואָרן אונזערע

ביינער און פאַרלאָרן איז אונזער האָפנונג. פארשניטן זיינען מיר געוואָרן. דעריבער זאָג נביאות און זאָג צו זיי: אזוי האָט גאָט דער אייביקער געזאָגט: אָט עפן איך אויף די קברים אייערע און וועל איך ארויסברייננגען פון אייערע קברים, פאָלק מיינס, און איך וועל איך ברייננגען צו דער ערד פון ישראל".

„און איר וועט וויסן, אז איך בין גאָט, ווען איך וועל אויפּעפענען אייערע קברים און וועל איך ארויסברייננגען פון די קברים אייערע, פאָלק מיינס".

„און איך וועל ארייננגעבן מיין גייסט אין אייך און איר וועט אויפלעבן. און איך וועל אייך באזעצן אויף אייער ערד. און איר וועט וויסן, אז איך בין גאָט. איך האָב גערעדט און עס איז מקוים געוואָרן. דאָס זיינען די רייד פון גאָט"*).

---

*) מיר ווילן דאָ ברענגען דעם פאָלגענדן וואונדערלעכן מאמר פון די חז"ל אין סנהדרין צ"ב אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ענין פון די מתי יחזקאל: „רבי יהודה אומר באמת משל היה. רבי אלעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אומר: מתים שהחיה יחזקאל עלו לארץ ישראל ונשאו נשים והולידו בנים ובנות. עמד ר"י בן בתרה על רגליו ואמר: אני מבני בניהם והללו תפילין שהניח לי אבי אבא מהן" — רבי יהודה זאָגט: אין אמתן איז דאָס אַלץ נאָר אַ משל געווען רבי אליעזר דער זון פון רבי יוסי הגלילי זאָגט: די מתים, וואָס יחזקאל האָט לעבעדיק געמאַכט, זיינען קיין ארץ ישראל אויפגעגאַנגען און האָבן פרויען גענומען און זין און טעכטער מיט זיי געהאַט. האָט זיך רבי יהודה בן בתרה אויף זיינע פיס געשטעלט און געזאָגט: איך בין פון זייערע קינדס קינדער און אָט דאָס זיינען די תפילין, וואָס דער זיידע האָט מיר פון זיי איבערגעלאָזט. אַז מען טראַכט זיך גוט איין אין דעם דאָזיקן מאמר זעט מען, אַז עס איז גאָר דאָ קיין חילוקי דעות ניטאָ. זיי זאָגן אַלע דריי דאָס זעלבע. די פאָרם איז נאָר אַן אַנדערע. רבי יהודהס באַהויפּטונגען „באמת משל היה" געפינט ביי זיי דעם אויסדרוק אירן אין אַ וואונדערלעכער פּאָעטישער פאָרם, אין אַלעגאָרישע בילדער שיינע.

און פון די רייד פון רש"י און „חדושי אגדות" אויף אָט יענע שטעלן קען עס אויסזען, אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם מיין פון „באמת משל היה" אין פאָלגענדן זין: דאָס איז א משל, וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט פאָרגעקומען. אָט דאָס אַלעס — הייסט עס — וואָס ווערט דערציילט אין דער נבואה מיט די טויטע ביינער, וואָס האָט באדארפט זיין א משל אויף די אידן, אז זיי וועלן זיך פון זייערע גלות קברים באפרייען, איז טאַקע ווירקלעך געשען. און אויך לויט אָט דעם אופן פון פארשטיין דעם „באמת משל היה" — קומט אויס, אַז עס איז קיין חלוקי דיעות ניט פאַראַן צווישן די אויבנדערמאָנטע חז"ל.

און אן אנדער טרייסט נבואה לעזט זיך ווי פאָלגט:

„אזוי האָט גאָט דער אלמעכטיקער האר געזאָגט: איצט וועל איך די געפאַנגשאַפט פון יעקב אומקערן און וועל זיך דערבארימען אויפן הויז פון ישראל. איך וועל זיי צונויפזאמלען פון די לענדער פון זייערע פיינט — און איך וועל געהייליקט ווערן דורך זיי פאר די אויגן פון אלע פעלקער. און איך וועל מער ניט פארבאָרגן מיין פנים פון זיי. עס וועט מיין גייסט אויף זיי רוען"*).

און ניט נאָר פאר איין טייל פון פאָלק, פאר מלכות יהודה אליין, וועט דערלייזונג קומען, נאָר אויך פאר מלכות אפרים. אויך אפרים וועט אויפגעריכט ווערן.

און ניט נאָר דערלייזונג וועט פאר דעם אידישן פאָלק קומען, נאָר אויך גאַנצקייט וועט דעם געגעבן ווערן. דאָס אידישע פאָלק וועט ווידער אמאָל אין איין גאַנצן נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם פאראייניקט ווערן.

און עס איז געוועזן גאָטס וואָרט צו מיר — לייענט זיך וועגן דעם דאָזיקן ענין איינע פון די נבואות זיינע — אזוי צוזאָגנדיק: און דו, מענטשן קינד, נעם א שטיק האָלץ און שרייב אָן אויף אים: פאר יהודהן און די אלע, וואָס זיינען מיט אים פון די בני ישראל. און נעם נאָך אן אנדער שטיק האָלץ און שרייב אָן אויף אים: פאר יוספן, פאר דעם אפרים בוים און די אלע קינדער פון ישראל, די חברים זיינע.

„און דו זאָלסט די ביידע שטיקער האָלץ דערנענטערן איינעם צום צווייטן, אז זיי זאָלן ווי איין שטיק האָלץ אויסזען, אז זיי זאָלן אין דיין האנט איינס ווערן.

„און אז די קינדער פון דיין פאָלק וועלן זאָגן צו דיר: דו וועסט דאָך אונז זאָגן: צו וואָס טוסטו אָט דאָס אלץ? זאָלסטו צו זיי אזוי רעדן: אָט אזוי האָט גאָט דער האר גערעדט: איך וועל נעמען דעם עץ יוסף, אפרימן מיט די אלע אנדערע שבטים פון ישראל, וואָס זיינען צוזאמען מיט אים, און איך וועל צוגעבן צו אים דעם עץ יהודה און איך וועל פון זיי איין בוים מאכן.

*) יחזקאל ל"ט.

„און רייד ווידער צו זיי: איך וועל ארויסנעמען די קינדער פון ישראל פון צווישן די פעלקער, וואוהין זיי זיינען געגאַנגען, און איך וועל זיי צונויפנעמען פון אַרום און אַרום און וועל זיי ברענגען אין זייער לאַנד. און איך וועל זיי אויף די הרי ישראל פאַר איין פאָלק מאַכן. און זיי וועלן דאָרטן אין זייער לאַנד איין פאָלק זיין, און איין קעניג וועלן זיי אַלע האָבן און זיי וועלן מער ניט צוויי באַזונדערע פעלקער זיין. און זיי וועלן מער ניט אויף צוויי באַזונדערע קעניגרייכן צעטיילט ווערן" *).

און ניט נאָר וועט דאַן די פּאָליטישע ירידה, די פּאָליטישע צעריסנקייט פון אידישן לעבן פאַרשווינדן, נאָר אויך די גייסטיקע ירידה, די מאָראַלע צעפאַלנקייט וועט דאַן פון לעבן פון אידישן פאָלק פאַרשווינדן.

עס וועלן דאַן די אַלע איבלען, וואָס זיינען אַמאָל אין אידישן לעבן געווען, פאַרשווינדן. זיי וועלן זיך מער ניט פאַראומרייניקן מיט זייערע אָפּגעטער און מיט זייערע אומווירדיקייטן און מיט די אַלע פאַרברעכנס זייערע.

---

*) יחזקאל ל"ז.

און אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיקע נבואות באַדאַרף אויך אָנגעוויזן ווערן דערויף, אַז צוזאַמען מיט דער אויפגאַבע, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר זיך צו שטאַרקן דעם מוט פון די גולים, איינצופלאַנצן אין אים דעם גלויבן, אַז פאָלשטענדיקע אויפגעריכטקייט וועט אין דער צוקונפט פאַר דעם אידישן פאָלק קומען, האָבן זיי נאָך א מער פראַקטישע אויפגאבע געהאַט פאַר זיך אין דער געגנוואַרט. עס איז אָנגענומען, אַז ווען די גולי יהודה זיינען אָנגעקומען קיין בבל, האָבן זיי געטראָפן דאָרטן פילע פון זייערע ברידער פון מלכות אפרים. עס באַדאַרף הייסן, אַז פארן חורבן פון מלכות ישראל זיינען פילע פון די עשרת השבטים אַהין אנטלאָפן, אַזוי אז, ווען די גולי יהודה זיינען אַהין אָנגעקומען, האָבן זיי געפונען דאָרטן איינִיקע גאַנץ און האַלב אסימילירטע אידישע ישובים. דורך די דאָזיקע נבואות וועגן דער אלגעמיינער דערלייזונג, וואָס גאָט וועט ברענגען פאַר אפרים און יהודה, האָט ער באצוועקט יחזקאל צו ברענגען א דערנענטערונג צווישן די אָפּגעפרמדטע ברידער, אָפּצושאַפן דעם אַנטאַגאָניזם, וואָס האָט פאר אזויפיל יאָר־הונדערטע גע־הערשט צווישן זיי, זיי זאָלן שוין אין דער געגנוואַרט, אויף דעם פרעמדן באָדן, אויף וועלכן זיי זיינען פארטריבן געוואָרן, איידער זיי וועלן נאָך אויף זייער אייגענעם באָדן צוריקגעבראכט ווערן, ווי טיילן אָרגאַנישע פון איין פאָלק זיך באטראכטן.

אויף אייביק וועלן פארשווינדן דאן די צייטן, ווען „די כהנים זייערע האָבן די תורה מיינע בארויבט און מיין הייליקייט פאר־שוועכט, די צייטן, ווען די הארן זייערע האָבן זיך ווי וועלף גע־יאָגט, זיי זאָלן לעבנס פארצוקן, זיי זאָלן בלוט פארגיסן און נפשות אומברייינגען, כדי זיי זאָלן רייכטום קענען אָנרויבן, ווען זיי האָבן דאָס פאָלק פון לאנד גערויבט און באגזלט און דעם עני ואביון גענארט און דעם פרעמדן אָן א משפט געקריוודעט"*).

די דערלייזונג, וואָס וועט דאן קומען פאר דעם אידישן פאָלק, וועט אין אַלע הינזיכטן א פולשטענדיקע זיין. זי וועט געלייטערט־קייט און מאָראלע דערהויבנקייט אין די אַלע פארשיידענע ווינקלען פון אידישן לעבן ארייננברענגען. א גאר הויכע מדרגה פון פאָליטישע דערגרייכונגען און פון מאָראלע האָט פאר זיי די צוקונפט אָנגעגרייט.

„איך וועל זיי העלפן פון איבעראַל, אוואו זיי וועלן זיך געפי־נען פון די זינד זייערע, און זיי וועלן מיר א פאָלק זיין, און איך וועל זיי זיין א גאָט. און דער קנעכט מיינער דוד וועט זיין א קעניג איבער זיי. זיי וועלן אונטער איין פאסטוך זיין און אין מיינע געזעצן וועלן זיי גיין און מיינע מצוות וועלן זיי טאָן און היטן.

„און זיי וועלן זיצן אויף דעם לאנד, וואָס איך האָב געגעבן צו מיין קנעכט יעקב, אין וועלכן זייערע עלטערן האָבן געוואוינט, זיי און זייערע קינדער און זייערע קינדס קינדער אויף אייביק.

„און איך וועל מיט זיי א בונד שלים: אַן אייביקער בונד וועט דאָס זיין מיט זיי. און איך וועל זיי באזעצן און מערן און מאכן מיין הייליגטום צווישן זיי אויף אייביק. און מיין רו וועט זיין איבער זיי. איך וועל זיי זיין א גאָט און זיי וועלן מיר זיין א פאָלק.**)

די מאסן צוזאמען מיט די פירער—זיי וועלן אַלע אין איין באגער פאראייניקט זיין, זיי זאָלן גאָטס ווילן טאָן, עס זאָל אומרעכט, רויב און גזילה אין זייער לעבן פאר זיך קיין פלאץ ניט קענען געפינען, עס זאָל אין דעם וואָס מער סאָציאַלע גערעכטיקייט, געלייטערטע זיטן, מאָראלע אויפפירונג הערשן.

---

*) יחזקאל כ"ב.

**) יחזקאל ל"ז .

די אידישע נשיאים וועלן דאַן ניט באַשווינדלען מער דאָס פאָלק ישראל. און דאָס לאַנד וועלן זיי מער ניט נעמען פאַר זיך. „אַט אַזוי האָט גאָט אייער גאָט געזאָגט: גענוג שוין אייך, איר אידישע נשיאים, רויב און גזילה. פאַרנעמט זיך אויף משפט טאָן און טוט גערעכטיקייט"*).

און משפט וצדקה וועט דאַן אין אידישן לעבן הערשן ניט נאָר אין די צווישן באַציאונגען פון איין איד צום צווייטן, נאָר אויך צווישן דער אידישער באַפעלקערונג און דער ניט אידישער באַפעלקערונג, וואָס וועט אין ארץ ישראל וואוינען. ניט ווייניקער ווי די מיטגלידער פון דער אידישער באַפעלקערונג וועלן אויך זיי אין אַנקלאַנג מיט די פרינציפּן פון גערעכטיקייט באַהאַנדלט ווערן.

אין דעם לאַנד ,וואָס וועט פאַנאַנדערגעטיילט ווערן צווישן די שבטים וועלן אויך די גרים, וואָס וועלן וואוינען צווישן זיי באַדאַרפן אַ חלק האָבן. די פרעמדע וועלן באַהאַנדלט ווערן ווי די אידישע איינוואוינער.

„מיט אייך צוזאַמען זאָלן זיי דערווערבן אַ נחלה צווישן די שבטי ישראל. ביי דעם שבט, מיט וועלכן דער גר וואוינט — דאָרט זאָלט איר אים זיין נחלה געבן".**)

און צוזאַמען מיט דעם מאָמענט פון נחמה, וואָס וועט פאַר זיי קומען, וועט פאַר זיי קומען אויך דער מאָמענט פון נקמה. זיי וועלן דערלעבן צוזען, ווי גאָטס צאָרן וועט זיך אויסגיסן אויף די פעלקער, פון וועלכע זיי זיינען מיט רשעות באַהאַנדלט געוואָרן, וואָס האָבן אומגליק און פאַרניכטונג אויף דעם אידישן פאָלק גע־בראַכט.

„אויפן פרייען פעלד" — לייענט זיך וועגן דעם דאָזיקן ענין די נבואה אין קאַפּיטל ל"ט פון יחזקאל — „וועלן זיי פאַלן די אידישע שונאים. וואָרום איך גאָט האָב גערעדט. איך וועל אַ פייער אַנשיקן אויף מגוג און אויף די אַלע אַנדערע אידישע שונאים און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין גאָט דער קדוש ישראל. זע, עס

*) יחזקאל מ"ה.
**) יחזקאל מ"ז.

קומט און געשעט, זאָגט גאָט דער האר. עס איז דער טאָג, וואָס איך האָב אָנגעזאָגט.

„און דו, מענטשן קינד, אַט אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זאָג צו די אַלערליי פויגלען און צו אַלע חיות פון פעלד: זאַמלט אייך איין און קומט. קלייבט אייך צונויף פון אומעטום צו מיין שלאַכטונג, וואָס איך שלאַכט אויף די בערג פון ישראל און איר וועט עסן פלייש און טרינקען בלוט.

„פלייש פון גבורים וועט איר עסן און דאָס בלוט פון פירשטן וועט איר טרינקען; ווידערס, לעמער און בעק, אָקסן געשטאָפּטע און פעטע. איר וועט עסן פלייש צו זאַט און בלוט וועט איר טרינקען ביז דעם אָנשיכורן זיך פון די שעכטונגען, וואָס איך וועל פאַר אייך שעכטן. איר וועט זיך זעטיקן מיט דעם טיש, וואָס איך וועל פאַר אייך צוגרייטן, מיט פערד און מיט רייטער, מיט גבורים און מלחמה העלדן.

„און איך וועל מיין כבוד צווישן די פעלקער ווייזן און אַלע וועלן מיין משפט זען יענעם טאָג. און דאָס הויז פון ישראל וועט ווייסן פון יענעם טאָג אָן און ווייטער, אַז איך בין גאָט אייער גאָט. און אַלע פעלקער וועלן ווייסן, אַז נאָר צוליב זייערע זינד איז דאָס הויז פון ישראל פאַרטריבן געוואָרן און דורך דעם שווערד געפאַלן *).

---

*) ביים ענדיקן ברענגען די ציטאַטן פון יחזקאל, וואָס האָבן א שייכות מיט די ענינים, וואָס ווערן פון מיר אין די דאָזיקע קאַפּיטלען באַהאַנדלט, וויל איך דאָ צוגעבן אַ באַמערקונג צו דער נבואה פון קאַפּיטל י״ב אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ פריערדיקער באַמערקונג וועגן דעם, וואָס די חז״ל זאָגן, אַז שוין אין ארץ ישראל איז יחזקאל אלס נביא ארויסגעטראָטן, אז די „על נהר כבר״ נבואה זיינע, מיט וועלכער עס הויבט זיך אָן דער ספר יחזקאל, איז ניט געווען די ערשטע נבואה זיינע, אַז דער השנה החמישית לגלות יהויכין איז ניט דאָס יאָר, אין וועלכן ער איז צום ערשטן מאָל אלס נביא ארויסגעטראָטן.

אויף דעם פסוק היה היה דבר ה׳ אל יחזקאל בן בוזי הכהן בארץ כשדים על נהר כבר ותהי עליו שם יד ה׳ — שרייבט דער תרגום יונתן — אין גייסט פון דעם, וואָס די חז״ל זאָגן אין פילע ערטער וועגן דעם דאָזיקן ענין — „מהוה הוה פתגם נבואה מן קדם ה׳ עם יחזקאל בר בוזי כהנא בארעא דישראל. תב תנינות ואתמליל עמיה במדינה ארעא כסדאי על נהר כבד ושרת עלוהי תמן רוח נבואה מן קדם ה׳ — גאָטס נבואה וואָרט איז געווען מיט יחזקאלן דער זון פון בוזי הכהן אין ארץ

ישראל. ער — גאָט — האָט צום צווייטן מאָל ווידער אָנגעהויבן צו ריידן מיט אים אין דער מדינה פון לאַנד כשדים און עס האָט גערוט אויף אים דאָרטן דער נבואה גייסט פון גאָט.

און רש״י אין יחזקאל א׳ שרייבט: „און מיר האָבן געלערנט אין דער ברייתא דמכילתא: „בן אדם עמוד על רגליך״ — די נבואה פון קאפיטל י״ב, וועגן וועל־כער איך האָב ערשט גערעדט — דאָס איז געווען דער אָנהויב פון ספר. נאָר וואָס דען? „דאָס האָט מיט דעם ענין פון מוקדם ומאוחר צו טאָן. און איש אומרים איז פאַראַן, אַז די נבואה פון קאפיטל י״ז באַדאַרף אלס די ערשטע נבואה פון ספר יחזקאל באטראכט ווערן״. און איך זאָג, אַז אָט יענע נבואה איז צו אים געזאָגט געוואָרן איידער זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן. ווארום זי האָט געמוזט געזאָגט ווערן צו אים אין לאַנד. ווארום עס ווערט דער גולה ניט דערמאָנט אין איר, און זי איז דער אָנהויב פון זיין שליחות צו די אידן געווען.

און מען קען ווירקלעך אָננעמען, אַז די דאָזיקע נבואות זיינען געזאָגט געוואָרן פאַר דער „על נהר כבר״ נבואה און אז זיי זיינען געזאָגט געוואָרן אין ארץ ישראל. וויבאַלד אָבער מיר זאָלן זיך האַלטן ביי דער דאָזיקער מיינונג וועלן מיר דאָן בשום אופן ניט קענען אָננעמען — אַלנפאלס ניט געצוואונגען זיין אָנצונעמען — די באַהויפּטונג, אַז יחזקאל איז פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיט יכניהו. ווארום די דאָזיקע ביידע נבואות זיינען אזוינע, וואָס האָבן געקענט געזאָגט ווערן ערשט נאָך דעם גלות יהויכין.

פון די אלע שילדערונגען און סימבאָלן אין דער נבואה פון קאפיטל י״ב זעט זיך, אַז עס ווערט גערעדט אין איר וועגן צדקיהו. און אָט אזוי טייטשט אויס די דאָזיקע נבואה אויך רש״י אליין. און אויך די אנדערע מפרשים טייטשן זי אזוי אויס. נאָר בקושי ובדוחק גדול — וואָלט מען די דאָזיקע נבואה געקענט אויס־טייטשן אויף יהויקימן. וואָס אמבאַלאַנגט דער נבואה פון קאפיטל י״ז — מוז מען אודאי אָננעמען, אַז זי איז געזאָגט געוואָרן אויף צדקיהו, אַז זי איז נאָך גלות יהויכין געזאָגט געוואָרן.

און וויבאַלד אזוי קען מען אָננעמען, אַז דער דאַטום פון בשנה החמישית לגלות יהויכין מיינט, אַז דאָס יאָר איז אויך דאָס ערשטע יאָר פון זיין — פון יחזקאלס — געפינען זיך אין גלות בבל. אלענפאַלס האָט ער ניט געקענט פאַר־טריבן ווערן א סך פריער. ווארום, ווי עס איז צו זען פון דעם אינהאלט פון אָט יענער נבואה — פון קאפיטל י״ז — האָט זי געמוזט געזאָגט ווערן אין פערטן יאָר פון צדקיה. אין דעם יאָר, ווי מען באַדאַרף פאַרשטיין פון אייניקע נבואות פון ירמיה איז די ערשטע מרידה פאַרגעקומען מצד צדקיה קעגן נבוכדנצר. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף דעם חיל פרעה, וואָס איז אים געקומען העלפן. צולעצט אָבער האָט זיך צדקיה באַדענקט — אונטער דעם איינפלוס פון ירמיה אויף אים — און ער האָט געשיקט א דעלעגאַציע צו נבוכדנצרן קיין בבל צו פאַרזיכערן אים אין צדקיהס לאָיאַליטעט און אין זיין גרייטקייט צו בלייבן אים טריי.

דער אינהאַלט פון אָט יענער נבואה אין יחזקאל שיינט צו באַציען זיך אויף די זעלבע פּאַסירונגען, וועגן וועלכע עס ווערט גערעדט אין קאַפּיטל ל״ז פון ירמיה.

און יענע פּאַסירונגען באַדאַרפן פאַרבונדן ווערן מיט אלעם דעם, וואָס עס ווערט דערציילט אין ירמיה וועגן פערטן יאָר לצדקיה. אין פערטן יאָר, אלזא, איז ער נאָך געווען אין ארץ ישראל, אזוי, אז ערשט דאָס פינפטע יאָר לגלות, יהויכין קען באַטראַכט ווערן אלס דאָס ערשטע יאָר פון זיין געפינען זיך אין בבל. עס איז זייער מעגלעך דערביי אָנצונעמען, אַז ער איז מיט דער דעלעגאציע, וואָס איז געקומען קיין בבל אין דער שליחות פון צדקיה אהין געקומען. מעגלעך, אַז אויך ער איז איינער פון דער דאָזיקער דעלעגאציע געווען. די דעלעגאציע האָט געמוזט סוף פערטן יאָר ערשט ארויסגעשיקט ווערן קיין בבל און ערשט ארום סיון תמוז פון פינפטן יאָר האָט זי זיך געקענט דאָרטן שוין געפינען.

און עס באַדאַרף צולעצט אויך אָנגעוויזן ווערן דערויף, אַז עס זיינען קיינע אורזאַכן ניט פאַראַן צו צווייפלען, צי מען קען אָננעמען אָט די אלע פריער געבראַכטע מסקנות. אין תנ״ך געפינט זיך כלל ניט, אַז יחזקאל איז פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיט יהויכין. און ניט נאָר אין תנ״ך. ווי עס זעט אויס, געפינט זיך דאָס אויך ניט אין ערגעץ ביי די חז״ל. אין די אלע אומצייליקע ערטער אין תלמוד און אין מדרש, וואו זיי דרשענען, אַז מיט די באצייכנונגען „החרש והמסגר״, וואָס מיר געפינען א פּאָר מאָל אין ירמיה — כ״ד און כ״ט — און מלכים ב׳ — כ״ד — אין די שטעלן דאָרטן, וואו עס ווערט גערעדט פון גלות יהויכין, ווערן געמיינט די תלמידי חכמים און נביאים — לויטן דרש פון די חז״ל: „חרש״ ווערן זיי גערופן — ווייל ווען איינער פון זיי האָט גערעדט — האָבן אלע געשוויגן. און „מסגר״ — ווייל, ווען איינער פון זיי האָט אַן ענין געשלאָסן — א פסק הלכה ארויסגעטראָגן — איז ער שוין אויף שטענדיק געשלאָסן געבליבן. און זע רש״י — ירמיה, כ״ד — אין אָט אלע יענע ערטער, וואו עס געפינט זיך דער דאָזיקער דרש, וואָס אויף אים שטיצט זיך דער אָנגענומענער גלויבן, אַז יחזקאל איז פארטריבן געוואָרן צוזאמען מיט יהויכינן, האָב איך ניט געפונען, אַז זיי — די חז״ל זאָלן יחזקאלס נאָמען דערמאָנען. דער דאָזיקער גלויבן, אלזא, איז מער ניט ווי א טראַדיציע, וואָס שטיצט זיך אויף דעם דאָזיקן דרש*). ער — יחזקאל — גייט לויט איר נאָך אין כלל פון „החרש והמסגר״ אריין. די איינציקע אסמכתא פאר דער דאָזיקער טראַדיציע איז דאָס, וואָס יחזקאל זאָגט לגלותנו. די אסמכתא אָבער איז זייער א שוואַכע. דער לגלותנו קען גאַנץ גוט מיינען נאָר דעם כלל. ער מוז ניט דוקא איינשליסן אויך יעדן פּרט פון יענעם דור, וואָס באנוצט זיך מיט דעם דאָזיקן אויסדרוק.

און איך האָב דאָ וואָס צוצוגעבן אויך וואָס אַמבאַלאַנגט דער צייט, ווען דער פּעריאָד פון יחזקאלס נבואות זאָגן האָט זיך פאַרענדיקט. אין איינער פון מיינע פריערדיקע באַמערקונגען האָב איך געשריבן, אַז די נבואה פון קאפּיטל מ״ם, וועלכע איז דאַטירט: דאָס פינף און צוואנציקסטע יאָר לגלותנו, איז די לעצטע נבואה זיינע. ווייל איך דאָ צוגעבן, אז אייגענטלעך געפינט זיך נאָך אַן אנדער נבואה אין יחזקאל, וואָס, ווי מען קען אננעמען, טראָגט אויף זיך נאָך א שפּעטערן דאַטום,

---

*) „ויחזקאל גלה עם החרש והמסגר שגלו עם יהויכין״ — רש״י יחזקאל א׳, ג׳.

דעם דאַטום פון בעשרים ושבע שנה באחד לחודש. ווען מיר זאָלן זאָגן, אז בעשרים ושבע מיינט דאָ אויך לגלות יהויכין, וועט אויסקומען, אז די דאָזיקע נבואה איז געזאָגט געוואָרן מיט ארום צוויי יאָר שפעטער, ווי די נבואה פון קאַפּיטל מ׳. לויט דעם אינהאַלט אָבער פון דער נבואה זעט עס ניט אויס, אז זי זאָל האָבן געזאָגט געוואָרן אזוי שפעט. די באַהויפּטונג דעריבער פון די חז״ל, אז די יאָרן ווערן דאָ געציילט למלכות נבוכדנצר איז כלל ניט גרונטלאָז.

וואָס אַמבלאַנגט דעם דאטום „ויהי בשלשים שנה, ברביעי, בחמשה לחודש״, מיט וועלכן עס הויבט זיך דער ספר יחזקאל אָן — וואָלט מען אויך דאָ געקענט זאָגן, אַז דער בשלשים מיינט לגלות יהויכין. דאָס וואָלט מען אָבער געקענט טאָן נאָר דאַן, ווען מיר זאָלן צוזאַמען דערמיט אויך אָננעמען, אַז נאָר דער צווייטער דאַטום באַציט זיך אויף דער נבואה, וואָס קומט אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל. ווי־באַלד אזוי אָבער בלייבן מיר דאָך אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל מיט א דאַטום, נאָך וועלכן עס קומט קיין נבואה ניט. בדוחק קען מען, נאַטירלעך, פאַרענטפערן, אַז די נבואה, אויף וועלכער דער דאָזיקער דאַטום באַציט זיך, איז פארלאָרן געגאַנגען. איידער אָבער אָנצוקומען צו אַט אַזאַ בדוחק איז דאָך שוין גלייכער צו פארבינדן ביידע דאַטומס מיט דער נבואה, וואָס קומט נאָך זיי.

און ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק האָב איך געזען ווי מיין יוגנט פריינט י. י. וואָהל ברייננגט אין „הדואר״ אין נאָמען פון „אוהב גר״, אז דער בשלשים מוז זיין א טעות סופר״. עס באדאַרף שטיין „בשלש עשרה״ — אין יאָר דרייצן למלכות נבוכדנצר, וואָס איז דאָס פינפטע יאָר לגלות יהויכין; ווארום יהויכין איז פאַרטריבן געוואָרן אין אַכטן יאָר לנבוכדנצר. די זאַך איז אָבער, אַז אויב מען דאַרף דער ערשטער נבואה אין יחזקאל סיי ווי געבן צוויי דאַטומס — איז קיין אורזאַכע ניטאָ אויף צו מאַכן פון בשלשים א שלש עשרה. מען קען זייער גוט אָנגענומען, אַז דאָס 18טע יאָר ליאשיהו, ווען מען האָט דעם ספר תורה געפונען אין בית ה׳, אַז דאָס דאָזיקע יאָר, וואָס האָט אזא ראַדיקאַלע ענדערונג אריינגעטראָגן אין גייסטיקן לעבן פון אידישן פאָלק, וואָס האָט דעם אזויפיל רעליגיעזע ליטערטורע געבראַכט, פון גרויס וויכטיקייט באטראַכט געוואָרן פאר די נביאים און יראי ה׳ פון יענעם דור און פון א פּאָר דורות שפּעטער, און זיי האָבן עס אין צענטער פון זייערע צייטרעכנונגען געשטעלט.

איך וויל דאָ שוין אויך באמערקן, אַז איך האָב געוויסע ספיקות צי די לגלותנו דאַטומס אין יחזקאל זיינען היינו הך מיט דעם לגלות יהויכין. מען קען מעגלעך — נאָך מער; מען מוז נאָך אפשר — אָננעמען, אַז מיר האָבן דאָ פאר זיך צוויי פאַרשיידענע דאַטומס. דער לגלותנו קען מיינען ניט לגלות יהויכין, נאָר לגלות יהויקים. דער אונטערשייד צווישן דיזע ווי דאַטומס וועט זיין אין א יאָר. וועגן די דאָזיקע ספיקות — ווי אויך וועגן די פריערדיקע ענינים — וועט מיר אבער נאָך אויסקומען צו ריידן.

ה.

דער ענין פון דער שכר ועונש אידעע אין די נבואות פון יחזקאל

דער פילאָזאָפישער עלעמענט און דער עלעמענט פון טיפן מעטאַפיזישן דענקען, וואָס יחזקאל האָט אין דער נבואה אריינגעטראָגן. — דער מיסטישער פחד, פון וועלכן די גולים זיינען באַהערשט געווען. — די גרוילעכע שרעקן פון פאטום, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט. — די מורא, אז די ניט אויסגעקויפטע זינד פון זייערע עלטערן זאָלן זיי ניט ביז צום קבר פאַרפאָלגן. — די „פוקד עוון אבות" פאָרמולא וועגן שכר ועונש פון דער תורה. — יחזקאלס וואונדער שיינע אויפפאַסונג וועגן דעם ענין פון שכר ועונש. — זיין טעאָריע וועגן דער אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זינד. — די שטראָף פון גאָט איז ניט קיין אַקט פון נקמה, נאָר אַן אַקט פון חסד און רחמים. — ער שטראָפט דעם מענטשן ניט דערפאַר, וואָס ער וויל נקמה נעמען פון אים, נאָר כדי ער זאָל תשובה טאָן. — מיט דעם טויט פון חוטא דערביבער שטאַרבט אויך אָפּ דער חטא זיינער.

און פּונקט ווי ער האָט באקעמפט די מרה שחורה וואָס האָט זיך אין דער נשמה פון פאָלק איינגעגעסן, צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געזען, וואָס פאר א חורבן עס איז פון פאָלק און לאַנד געוואָרן, צוליב דעם, וואָס זיי האָבן ניט געגלויבט, אז ווינציק און צעבראָכן, ווי זיי זיינען, איז נאָך דאָ א מעגלעכקייט, זיי זאָלן קענען אלס פאָלק צוריק אויפגעבויט ווערן, איז נאָך א מעגלעכקייט פאר זיי פאראַן צו האָפן, זיי זאָלן גאָר אין גאַנצן נאָך אירגנד וועלכע עקזיסטענץ אָלס פאָלק קענען אָנהאַלטן אין לעבן, אז עס איז פאר זיי א מעג־לעכקייט פאראַן צו האָפן די געפאר פון פולשטענדיקן אונטערגיין, וואָס שוועבט איבער זייער קאָפּ, אויסצומיידן; פּונקט ווי ער האָט די אָט פון דעם כאראַקטער מרה־שחורה זייערע באקעמפט, אזוי האָט

ער אויך באַקעמפט די פאַרצווייפלונג זייערע, וואָס איז נאָך פון א מער שרעקלעכן כאַראַקטער געווען, אַט יענע פאַרצווייפלונג זייערע, וואָס האָט געשטאַמט פון מיסטישן גריבלען זיך און פון הילפלאָזן איבערגעבן זיך אין רשות פון דער השפעה פון גלויבן אין פאַטאַ־ ליזם.

מיט שפּאָט און שאַנדע האָבן זיי ערשט ניט לאַנג באַגעגנט זייערע נביאים און האָבן זיך פון אַלע זייערע דראָאונגען אויסגעלאַכט. זיי האָבן ניט געגלויבט אין דעם כח פון גאָט, צו באַשטראָפן פאַר זינדיקן קעגן אים, און אויך ניט אין זיין כח, צו באַלוינען פאַר דינען אים. ערשט ניט לאַנג האָבן זיי זיך מיט כעס און וואוט ארויפ־ געוואָרפן אויף דעם נביא ירמיהו, וואָס האָט גערופן די, וואָס זיינען אין מצרים אַנטלאָפן, זיי זאָלן זיך באַזינען און אָנהייבן צו גאָט רופן, און געטענהט, אַז זינט זיי האָבן אויפגעהערט קרבנות מקריב צו זיין צו דער „מלכת השמים״*) האָט זיי אַלץ ערגער און ערגער אָנגעהויבן צו גיין.

ערשט ניט לאַנג איז דאָס אַלעס פאָרגעקומען, און שוין האָבן זיי זיך אזוי ענטוישט איבערצייגט, אַז די „מלכת השמים״ האָט זיי אויסער אומגליק גאָר ניט געבראַכט, אַז שטאַרק און מעכטיק איז דער גאָט פון זייערע עלטערן, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט. עס איז דאָך ביז צו דער האָר מקוים געוואָרן אַלעס, וואָס די נביאים האָבן זיי פאָר־ אויס געזאָגט.

זיי זיינען דעריבער געווען זיכער, אַז „זיי וועלן שוין מוזן אין זייער זינד אויסגיין״, אַז די שווערע פאַרברעכנס וואָס הענגען איבער זייערע קעפּ, וועלן זיי גאָר אין גאַנצן נידערגעשלאָגן. זיי האָבן גע־ גלויבט, אַז גאָט וועט אויף זיי אין דער פולסטער מאָס זיין צאָרן אויסגיסן, אַז עס וועט זיי זיין שטראָף ביז צו דער לעצטער מדרגה פון אונטערגאַנג פאַרפאַלגן.

זאָל זיין, אַז עס קען א נס געשען. זאָל זיין, אַז גאָט קען פון קליין גרויס מאַכן און פון ווינציק פיל. צו קענען אָבער זיי אויף אזא נס האָפן? צו זיינען זיי ווערט, אַז עס זאָל מיט זיי א נס געשען?

---

*) די זון.

צו מוז דען ניט קלאָר זיין פאר זיי אז נאָכדעם, ווי זיי האָבן אזוי פיל קענן גאָט געזינדיקט, אזוי פארברעכעריש אים ווידערשפעניקט קענען זיי קיין האָפנונג ניט האָבן, ער זאָל מיטלייד מיט זיי האָבן, ער זאָל זיי פון זייער פארדינטער שטראָף באפרייען?

און זאָל שוין זיין, אז גאָט וועט זייער תשובה דאָך אָננעמען, טראָץ דעם וואָס זי איז אזוי שפעט געקומען. זאָל שוין זיין, אז ער וועט זיך מיט גרויס חסד מיט זיי באגיין און וועט זייערע זינד מוחל זיין. צו וועט זיי אָבער דורך דעם אויך זיין רחמים דערגרייכן? צו הענגט דען ניט איבער זייערע קעפ די זינד פון זייערע עלטערן? צו פארפאָלגט דען ניט זיי פאטאל די שטראָף פאר די זינד פון די פריערדיקע דורות, וועלכע זיינען ניט אויסגעקויפט געוואָרן דורך תשובה? עס מוז דאָך נקמה גענומען ווערן פאר די דאָזיקע זינד. און פון וועמען, אויב ניט פון זיי זאָל די דאָזיקע נקמה גענומען ווערן? הערשט דען ניט אין לעבן דאָס געזעץ פון „האבות יאכלו בוסר ושני בנים תקהינה" — די ציין פון קינדער מוזן אייליג בלייבן צוליב די אומצייטיקע פרוכט, וואָס די עלטערן עסן? האָט דען די תורה ניט געלערנט זיי, אז גאָט איז א „פוקד עון אבות על בנים", אז ער מאָנט אויף די זינד פון די עלטערן פון די קינדער. וועט ער אויך די זינד פון זייערע עלטערן פון זיי אויפמאָנען. וועט ער פון זיי נקמה נעמען פאר די דאָזיקע זינד. ווארום זיי טראָגן די פאראנט־וואָרטלעכקייט פאר זיי. און אייביק וועט מוזן די נקמה אָנהאלטן, ווייל אייביק מוזן אויך די דאָזיקע זינד אלס אזעלכע בלייבן, צוליב דעם וואָס די, וואָס זיינען זיי באגאנגען, זיינען אָן תשובה געשטאָרבן.

אָט דאָס איז געווען דער געדאנקענגאנג פון די אידן נאָכדעם, ווען עס זיינען שוין אויך די לעצטע שפורן פון זייער זעלבסטשטענדיקייט פארלאָרן געגאנגען. עס האָט זיך אָט אזא מיסטישע זינד־טעאָריע אנטוויקלט ביי זיי און האָט אויף זיי גרוילעכע שרעקן פון פאטום אָנגעיאָגט. זיי האָבן זיך אין שווארצע שאָטנס פון פארפאָלגענדע זינד —פון זייערע אייגענע זינד און פון די זינד פון זייערע עלטערן— איינגעהילט געפילט. זיי האָבן געגלויבט, אז דער אומענדערבארער אורטייל פון שיקזאל האָט זיך אין זייער לעבן איינגעקלאַמערט און ער וועט זיי נאָכיאָגן און פארפאָלגן שטענדיק, ביז ער וועט זיי ניט ביז צום קבר פארייאָגן.

און אַט קעגן דעם נשמה פאַרצערנדן יאוש שוואַרצן, אַט קעגן דעם דאָזיקן מיסטישן פּחד וואָס האָט דאַן די אידן באַהערשט, האָט יחזקאל מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טעמפּעראַמענט און מיט דער גאַנצער טיפקייט פון זיין געדאַנק געקעמפט. ער האָט קעגן די טיפקייטן פון זייער זינד־טעאָריע געקעמפט מיט די טיפקייטן פון אַ נייער טעאָריע, וואָס ער האָט אַליין אויפגעשטעלט.

און דורך דעם איז דאַן צום ערשטן מאָל — אויב ניט רעכענען איוב*) — אריינגעטראָגן געוואָרן אין אַ שאַרפער און אויסגעשפּראָ־

---

*) סיי ווי אָבער איז די פילאָזאָפיע וועגן שכר ועונש אין יחזקאל אַ פיל טיפערע און קאָמפּליצירטערע, ווי די וואָס אין איוב, טראָגט דעם גוואַלדיק פּע־עטישן שוואונג און דער וואונדערבאַרער רעטאָריק פון דער לעצטער

און וואָס אַמבאַלאַנגט דעם צוזאַמענהאַנג, אין וועלכן איך האָב געשטעלט דעם ספר איוב אין דעם דאָזיקן פּאַראַגראַף, וויל איך זאָגן, אז עס איז זייער מעגלעך אָנצונעמען, אַז דער ספר איוב איז פאַרפאַסט געוואָרן פריער איידער יחזקאל איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע טרייסט נבואות פאַר די גולים. די שוידערלעכע קאַ־טאַסטראָפע, וואָס די אידן האָבן דאַן איבערגעלעבט, די שווערע וואָלקנס פון אומעט און טרויער, וואָס זיינען איבער זייער לעבן געהאַנגען, האָבן ניט נאָר מאָראַלע דערהויבונג, לירישן געמיט און עלעגישע שטימונגען דעם אידישן פאָלק דאַן גע־בראַכט, נאָר אויך פילאָזאָפישן שוואונג, מער קאָאָרדינירטן, לאָגיש־סיסטעמאַטי־זירטן דענקען. דער טיפער טרויער פון זייער לעבן האָט זיי ניט נאָר אין רייכערע, קאָמפּליצירטע וועלטן פון אינטעסיוון עמאָציאָנעלן רעאַגירן, פון וייכער זאַפטיקער נשמהדיקער וואַכזאַמקייט אריינגעפירט, נאָר אויך אין אַ רייכערער ברייטער וועלט פון רייפער, קאָמפּליצירטער, מענלעכער מוחדיקייט. אַט יענע אייביקע פראַגן וועגן „צדיק ורע לו", „רשע וטוב לו", וועלכע האָבן פריער נאָר אין אַ רויער פאָרם זייער געדאַנק באַריהרט, וועגן וועלכע זיי האָבן פריער נאָר מאָראַליזירן געקענט, וועלכע זיי האָבן פריער נאָר אויף אַ השתפכות הנפשדיקן אופן געקענט באַהאַנד־לען. — אַט די דאָזיקע פראַגן האָבן זיי איצט פאַר זיך אין זייער פולער פּראָ־בלעמאַטישער געשטאַלטונג דערזען און האָבן די באַהאַנדלונג זייערע איבער ברייטע וועגן פון אינטענסיוון, טיפן דענקען, פון קאָנסטרואירטן פילאָזאָפישן צוגאַנג גע־פירט.

און די פאַרקערפּערונג פון אַט דער ערשט ערוואָרבענער פילאָזאָפישער פאַר־טיפונג זייערער, פון זייער אַט ערשט דערוואָרבענער פעאיקייט פאר א מער ברייטער, מער טיפער אָריענטאַציע בנוגע אַט יענע אלע פראגן וועגן דעם מענטשלעכן שיקזאַל, וועגן די כחות, אונטער דער ממשלה פון וועלכע עס איז דאָס לעבן פון מענטשן און פעלקער געשטעלט — די פאַרקערפּערונג פון דעם אלעם שטעלט מיט זיך — קען מען אָננעמען — דער ספר איוב פאר. ער איז א פּראָדוקט פון די

בענער פאָרם דער פילאָזאָפישער עלעמענט און דער עלעמענט פון טיפן מעטאַפיזישן דיינקען אין דער נבואה.

אויף וויפיל דער שווארצער יאוש פון ערשטן טיפ, וואָס האָט זיך אין הארצן פון די אידן איינגעגעסן צוליב דעם חורבן, וואָס זייער אויג האָט איבעראל געזען, צוליב די טרויעריקע אויסזיכטן, וואָס האָבן זיי פארפאָלגט, איז געווען א סענטימענטאלער, א שטי־מונגס יאוש, א יאוש וואָס האָט פון געפיל געשטאַמט, אויף אזוי פיל איז נענוג געווען מיט אלערליי טרייסט רייד אים צו באקעמפן, מיט פּאָעטישע בילדער וועגן א בעסערער און ליכטיקער צוקונפט אים צו פאַריאָגן. אויף וויפיל עס איז אבער אין דעם יאוש זייערן פון צווייטן טיפ א פילאָזאָפישער עלעמענט געווען, אויף וויפיל ער האָט אויף אָן אייגנאַרטיקער אידייע־אויפפאסונג באזירט, האָט אויך דער קאמף קעגן אים אויף א מער טיפערן און מער פילאָזאָפישן וועג געמוזט געפירט ווערן.

און „עת לעשות לה׳ הפרו תורתך".

מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין טעמפעראַמענט, מיט דער גאַנצער טיפקייט פון זיין געדאַנק האָט ער דעם אויבנאַויפיקן אינהאלט פון דער פארמולא „פוקד עוון אבות על בנים" באקעמפט, דעם אויבנ־אויפיקן אינהאלט פון דער פאַרשטעלונג וועגן גאָט אלס אן „אל קנא ונוקם".

ער וועט זיי קלאָר מאכן דעם אמתן אינהאלט פון דעם שכר ועונש ענין פון „פוקד עוון אבות על בנים", און זיי וועלן שוין מער ניט גאָכזאָגן דעם משל „האבות יאכלו בוסר ושני בנים תקהינה". ער וועט זיי די וועגן און פירונגען פון גאָט דערקלערן, און זיי וועלן דאן קענען ריכטיק דעם ענין פון שכר ועונש פאַרשטיין.

יחזקאל האָט אונז ווירקלעך א וואונדער שיינע און טיפע

גרויסע ענדערונגען, וואָס זיינען דאַן אין אינערלעכן לעבן פון אידישן פאָלק פאָרגעקומען; פון די שטימונגען און פסיכישע אויפברויזונגען, וואָס האָבן באַ־הערשט זייער וועלט דאַן; פון אָט יענע אלע שטימונגען און פסיכישע אויפברוי־זונגען, וואָס זייער ווירקונג אין דער ריכטונג פון פארטיפונג פון געדאַנק פון אידישן פאָלק דאַן, האָט נאָך מער שלימותדיקע פאַרקערפערונג אין ספר יחזקאל פאַר זיך געפונען.

אויפפאַסונג וועגן דעם ענין פון שכר ועונש געגעבן.

ער האָט דעם מעטאַפיזישן שכר ועונש באַגריף פון דער רעליגיאָן צו אַזאַ הויך דערהויבן, צו וועלכער עס האָט זיך נאָך ניט ביז היינ־טיקן טאָג די ציוויליזירטע מענטשהייט דערהויבן אין איר פאָרשטע־לונג בנוגע די יורידישע פאָרמען, וואָס די שכר ועונש אידייע באַ־דאַרף אָננעמען, בנוגע דעם צוזאַמענהאַנג, וואָס באַדאַרף אין אונ־זער סאָציאַלן לעבן צווישן פאַרברעכן און שטראָף עקזיסטירן.

גאָט איז ניט — האָט זיין קעגן טעאָריע פראָקלאַמירט — קיין אל קנא ונוקם. ער איז אַן אלהי החסד והרחמים. אמת, ער באַווייזט זיך אויך אַמאָל אַלס אַן אל קנא ונוקם פאַר אונז. אַן אל קנא ונוקם איז ער אָבער נאָר לויט דעם אויסערלעכן אינהאַלט פון אָט יענע טאַטן, דורך וועלכע מיר זעען אים אַמאָל אַלס אַזעלכן, אָבער ניט דורך דעם ווילן, כוונות און צילן זיינע. דורך דעם ווילן, כוונות און צילן זיינע איז ער ניט ווייניקער אלהי החסד והרחמים אויך דאַן, ווען מיר זעען אים אַן אַקט פון נקמה באַגיין, ווי דאַן, ווען ער באַנייט אַן אַקט פון חסד און רחמים פאַר אונזערע אויגן. זיין שטראָף איז ווירקלעך ניט קיין נקמה אַקט נאָר אַן אַקט פון רחמנות, פון מיטלייד. ער שטראָפט ניט דעם מענטשן ווייל ער וויל פון אים נקמה נעמען, ניט דערפאַר, ווייל ער פילט זיך באַליידיקט, ווייל ער וויל זיך מיט זיין שונא אָפּרעכענען, נאָר כדי ער זאָל תשובה טאָן, „ווייל ער וויל ניט דעם טויט פון רשע", ער וויל ניט, אַז ער זאָל אַ קרבן פון זיינע זינד פאַלן. און דעריבער דאַרפט איר זיך ניט שרעקן, גאָט זאָל פון אייך ניט מיט זיין שטענדיקער שטראָף נקמה נעמען דערפאַר, וואָס אייער תשובה איז צו שפּעט געקומען. גאָט איז אַן ארך אפּים. און נאָך דער תשובה קומט שטענדיק דער „רב חסד" זיינער. ווי שפּעט די תשובה זאָל ניט קומען, איז זי בכח די זינד פון חוטא אָפּצואַוואַשן, אים פון דער שטראָף, וואָס הענגט איבער אים, צו באַפרייען. ווי שפּעט זי זאָל ניט קומען איז זי ביי גאָט אָנגענעמט.

און דעריבער דאַרפט איר זיך אויך ניט שרעקן פאַר די זינד פון אייערע עלטערן, פאַר די פאַרברעכנס פון די פריערדיקע דורות. יעדער איינער איז פאַר זיינע אייגענע זינד פאַראַנטוואָרטלעך, און עס ווערט ניט די שטראָף פאַר די זינד פון איין דור פון אַ צווייטן דור

אויפגעמאַנט. מיט דעם טויט פון חוטא איז זיין חטא געשטאָרבן. ווארום צוליב דעם, וואָס די שטראָף פון גאָט איז ניט קיין אַקט פון נקמה, נאָר אַן אַקט פון חסד, פון רחמים, כדי דער חוטא זאָל תשובה טאָן, ווערט דעריבער דער חטא אויס חטא אין זין, עס זאָל פאַר אים אַן עונש אויפגעמאָנט ווערן, אין דעם מאָמענט, ווען עס קען ניט דורך דעם עונש אָט דער ציל דערגרייכט ווערן. דערפאַר איז ניט דער חטא די סיבה, וואָס איז גורם דער עונש זאָל קומען, נאָר דער חוטא, און ווען די סיבה איז שוין מער ניטאָ, איז דעריבער דאָן אויך פאַר דעם מסובב מער קיין פּלאַץ ניט פאַראַן.

„און דו מענטשן־קינד" — ניט איבער יחזקאל די רייד, וואָס גאָט האָט צו אים גערעדט*) — „זאָג צום הויז פון ישראל: אזוי האָט איר געזאָגט: ווארום אונזערע פאַרברעכנס און אונזערע זינד זיינען אויף אונז. און אין זיי וועלן מיר אויסגיין. (אונזערע זינד זיינען אויף אונז) קענען מיר דען בלייבן לעבן? זאָג זיי: „ווי איך לעב, זאָגט גאָט דער אייביקער: צי וויל איך דען דעם טויט פון דעם רשע? (איך וויל) נאָר, אז דער רשע זאָל זיך אומקערן פון זיין וועג און זאָל בלייבן לעבן. קערט זיך אום, קערט זיך אום פון אייערע שלעכטע וועגן און צו וואָס זאָלט איר שטאַרבן, איר בית ישראל".

„און דו, מענטשן־קינד, זאָג צו די קינדער פון דיין פאָלק די (פריערדיקע) פרומקייט פון צדיק וועט אים ניט רעטן אין טאָג פון זיין זינד. און די (פריערדיקע) רשעות פון רשע — וועט ער ניט גע־שטרויכלט ווערן אין איר אין טאָג, ווען ער וועט זיך אומקערן פון זיין שלעכטס".

„ווען איך האָב צוגעזאָגט דעם צדיק, אז ער וועט בלייבן לעבן און ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין צדקות און האָט געטאָן אומ־רעכט, וועלן אַלע זיינע גערעכטיקייטן ניט געדענקט ווערן און דורך דעם אומרעכט, וואָס ער האָט געטאָן, וועט ער שטאַרבן".

„און ווען איך האָב געזאָגט דעם רשע: דו וועסט שטאַרבן, און ער האָט זיך צוריק געקערט פון זיין זינד און האָט געטאָן משפט און צדקה, ער איז אין די געזעצן פון לעבן געגאַנגען, ער זאָל קיין אומרעכט ניט טאָן, וועט ער בלייבן לעבן. ער וועט ניט שטאַרבן.

*) יחזקאל, ל"ג.

די אַלע זינד, וואָס ער האָט געזינדיקט, וועלן אים ניט דערמאָנט ווערן. ער האָט משפט און צדקה געטאָן, וועט ער בלייבן לעבן".

און עס איז געווען צו מיר — זאָגט ער אין אן אנדער פּלאַץ — דאָס וואָרט פון גאָט לאמר אזוי צו זאָגן: וואָס איז דאָס מיט אייך, וואָס איר באנוצט זיך מיט דעם דאָזיקן משל אויף דער ערד פון ישראל: „די עלטערן עסן אומצייטיקע פּרוכט און די ציין פון די זין ווערן איילינג".*). ווי איך לעב, זאָגט גאָט, אז עס וועט אייך שוין ניט אויסקומען מער צו באנוצן זיך מיט דעם דאָזיקן משל אין ישראל. די אַלע נשמות געהערן דאָך צו מיר. די נשמה פון פאָטער, ווי די נשמה פון זון געהערן צו מיר. די נשמה וואָס זינדיקט, נאָר זי אליין זאָל שטאַרבן".

„ווען א מאַן אָבער וועט זיין א צדיק און ער וועט טאָן משפט און צדקה, אויף די בערג וועט ער ניט עסן און זיינע אויגן וועט ער ניט אויפהויבן צו די אָפּגעטער פון די אידן, און די פרוי פון זיין חבר איז ער ניט מטמא און צו א אישה נדה דערנעענטערט ער זיך ניט, און קיינעם נאַרט ער ניט אָפּ, ער קערט אום וואָס ער האָט צוגעזאָגט, און גזלענען גזלט ער ניט, זיין ברויט צו א הונגעריקן גיט ער און א נאַקעטן דעקט ער צו מיט א קלייד, אויף פּראָצענט (קיין געלט) גיט ער ניט און קיין פּראָצענט נעמט ער אויך ניט, פון אומרעכט קערט ער אום זיין האַנט, אין מיינע געזעצן וועט ער גיין און מיינע משפטים וועט ער היטן צו טאָן אמת — איז ער א צדיק. ער וועט בלייבן לעבן. דאָס איז די רייד פון אייביקן גאָט".

„און אויב ער וועט געבוירן א פארשייטן זון, וואָס וועט פאַר־

---

*) די דאָזיקע אידייע פון אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט געפינט זיך שוין ביי ירמיהו אין קאַפּיטל ל"א: „בימים ההם" — לייענען מיר דאָרטן — „לא יאמרו עוד: „אבות אכלו בוסר ושני בנים תקהינה", כי אם איש בעונו ימות. כל האָדם האוכל הבוסר — תקהינה שניו". זי קומט דאָרטן אָבער אין אַ רויער, אומאַנטוויקלטער פאָרם נאָר. זי געפינט דאָרטן דעם אויסדרוק אירן נאָר אין די אויבן ציטירטע צוויי פסוקים. נאָר ביי יחזקאל געפינען מיר זיי אין אויספירלעכער באַהאַנדלונג. נאָר ביי אים האָט זי זיך צו אַ פאַרטיפטע פילאָזאָפיש דאָקטרין דערהויבן. עס באַדאַרף דאָ ווידער אויך אָנגעוויזן ווערן אויף דער מיינונג, אז אויך דער ספר ירמיה איז ווי ישעיה, ניט פון איין מחבר אינגאַנצן, אַז ער באַשטייט פון צוויי באזונדערע ספרים.

ניסן בלוט, וועט ער ניט לעבן. דערפאר וואס ער וועט די אומ־ווירדיקע זאכן טאן, וועט ער שטארבן, זיין בלוט איז אויף אים״.

און אויב (ווידער) ער (דער רשע) האט געבוירן א זון און ער האט געזעען די אלע זינד פון זיין פאטער, וואס ער האט געטאן און ער טוט ניט, ווי זיי, וועט ער ניט שטארבן צוליב די זינד פון זיין פאטער. ער וועט בלייבן לעבן. די נשמה, וואס זינדיקט, זי אליין וועט שטארבן. דער זון וועט ניט ליידן פאר די זינד פון פאטער. און דער פאטער זאל ניט ליידן פאר די זינד פון זון. די צדקות פון צדיק זאל פאר אים אליין זיין און די רשעות פון רשע זאל אויף אים זיין.*)

קיינער קען ניט פאר די זינד פון צווייטן פאראנטווארטלעך זיין און איין מאמענט קען ניט זיין פאראנטווארטלעך פאר דעם צווייטן מאמענט. פונקט ווי דער שפעטערדיקער רשע קען ניט אויסמיידן די שטראף פאר זיין רשעות צוליב דעם, וואס ער איז פריער א צדיק געווען, אזוי דארף אויך ניט דער בעל תשובה מורא האבן פאר א שטענדיקער פארפאלגונג פון שטראף פאר די זינד, וואס ער איז פריער באגאנגען. פונקט ווי דער רשע קען ניט באלוינט ווערן פאר די מעשים טובים פון זיין פאטער דעם צדיק, אזוי קען אויך ניט באשטראפט ווערן דער צדיק פאר די זינד פון זיין פאטער דעם רשע.

אט אזוי איז אלעם, וואס יחזקאל האט געטאן און גערעדט פון זינט אן די אידן האבן אויך דאס לעצטע ביסל זעלבסטשטענדיקייט זייערס פארלארן, געוועזן געווענדעט נאר דערויף, ער זאל דעם מוט פון פאלק שטארקן, ער זאל ביי זיי א שטארקן גלויבן איינפלאנצן, אז זיי וועלן נאך אויפגעריכט ווערן, און פון גלות צוריק אין זייער לאנד קומען.

און אום כדי אט דעם צוועק צו דערגרייכן, האט ער זיך ניט באנוגנט נאר דערמיט, ער זאל אלגעמיינע בילדער שילדערן וועגן זייער אויפריכטונג, וועגן דער אויפבויאונג פון ירושלים, נאר ער האט אויך וועגן דעם אלעם די אויספירלעכסטע דעטאלן געגעבן.

עס מאכן א מערקווירדיקן איינדרוק די נבואות זיינע, אין וועלכע

---

*) יחזקאל, י״ח.

ער וואַרפט אָן מיט די אויספירלעכסטע דעטאַלן דעם פּלאַן, לויט וועלכן עס זאָל געבויט ווערן דער צווייטער בית המקדש, און די אויס־פירלעכסטע פאַרנאַנדערטיילונג פון דער ערד, וואָס ער גיט אונז, צווישן די פאַרשיידענע שבטים.

דער ענין פון דער גאולה, דאָס אָנקומען פון וועלכער ער האָט פאָראויס געזאָגט, איז ביי אים ניט נאָר סתם א האָפנונג געווען, נאָר א האָפנונג, וואָס ער האָט שוין געזען איר רעאַליזירונג אין דער צוקונפט אין די אויספירלעכסטע דעטאַלן אירע. ער איז איבער־צייגט געווען אין זיכערן אָנקומען פון דער גאולה, און ער האָט געוואָלט די דאָזיקע איבערצייגונג אויך ביי זיי — ביי די גולים — איינפלאַנצן. און דעריבער האָט ער וועגן איר אין אזוינע אויספיר־לעכע און רעליעפע בילדער פאַר זיי גערעדט.*)

---

*) די אויספירלעכע באַשרייבונגען פון יחזקאל וועגן דעם בית המקדש, וואָס וועט אין דער צוקונפט אויפגעשטעלט ווערן, ווי אויך דאָס, וואָס ער פאַרנעמט זיך אזויפיל מיט די כהנים, מיט דעם באַשרייבן פון זייערע פונקציעס און מיט דעם אויסרעכענען פון די אלע פליכטן און פריווילעגיעס זייערע, גיט מאַנכע היס־טאָריקער אַ מעגלעכקייט צו באַטראַכטן יחזקאלען אלס נביא, וואָס איז מער כהן, ווי נביא געווען, וואָס צוזאַמען דערמיט, וואָס ער האָט שטענדיק געזאָרגט פאַר די אינטערעסן פון פאָלק, האָט ער אויך געזאָרגט זייער שטאַרק פאר די אינ־טערעסן פון זיין גרופּע, פאַר די אינטערעסן פון דער כהנים גרופּע, צו וועלכער ער האָט באַלאַנגט. זיי זעען אין זיין גייסטיקער פערזענלעכקייט ווייניקער עטישן אינהאַלט, ווי אין די אַנדערע נביאים. זיי זעען אין אים א מענטשן, וואָס האָט אין דער ענגער וועלט געלעבט פון א שטרעבן צו זען די שטריינגע געבאָטן פון רעליגיעזן ריטואַל אָפּגעהיט. זיין אידעאַל איז געווען, לויט זיי נאָך, צו זען א טעאָקראַטישע ממשלה אין דעם אויפגעריכטן ארץ ישראל, אז דער פּריסטער קלאַס זאָלן די הערשער איבערן אידישן פאָלק זיין.

דער אמת איז אָבער, אז ער איז א טרייער און איבערגעגעבענער אָנהענגער געווען פון די אלע אידעאַלן און שטרעבונגען, וועלכע עס האָבן געטריי געדינט די אלע אַנדערע נביאים. אז זיין טרוים איז ניט געווען, אַז די וועלטלעכע ממשלה איבער דעם אידישן פאָלק זאָל איבערגיין צו די כהנים, איז צו זען דערפון, מיט וואָס פאר א גליענדער באגייסטערונג ער רעדט וועגן דעם ווידערגעבורט פון אידישן קעניגטום, וועגן דעם אז דאָס אידישע פאָלק וועט ווידער פון א קעניג געפירט ווערן, אַז דער דאָזיקער קעניג וועט פון זרע דוד זיין. און אויף ווי וויייט פאַלש עס מוז אויסזען דאָס באַטראַכטן אים אלס אַ שטריינגען לעגאַליסט, וואָס דאָס רעליגיעזע אויפלעבן זיך זיינס איז פיקסירט געווען נאָר אויף דעם רעליגיעזן ריטואַל, אויף ריינעם רעליגיעזן פאָרמאַליזם, באַווייזט אונז דאָס, וואָס ער האָט מיט אזוי־

פיל אויפרעגונג און צאָרן געמאָנט דין וחשבון ביי די אידן פאר די שלעכטע פירונגען זייערע, וואָס האָבן מיט די ענינים שבין אדם לחבירו צו טאָן, דער עקזאַלטירטער טאָן אין די נבואות זיינע וועגן דער סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס וועט אין דער ווידער אויפגעבויטער ארץ ישראל הערשן, וועגן דעם, אז די רשעות, וואָס באַהערשט די וועלט, וועט דאן איבער זייער לעבן קיין שליטה ניט האָבן. ער שטייט אין דעם הינזיכט ניט אָפּ פון די אלע גרויסע נביאים אונדזערע, וואָס האָבן קעגן אומרעכט און פאר סאָציאלער גערעכטיקייט געקעמפט.

דאָס, וואָס ער גיט זיך אזויפיל מיט די כהנים אָפּ, דאָס, וואָס ער באשרייבט אין אזוינע אויספירלעכע דעטאלן דעם נייעם בית המקדש, די אורזאכע פון דעם אלעם באַדאַרף מען זוכן נאָר אין דעם — וואָס די באַציאונג צום בית המקדש און צו דעם כהנים אינסטיטוט האָט מצד די נביאים געמוזט א סך געענדערט ווערן נאָך דעם חורבן. אויב אָט יענע און ענלעכע צו זיי אינסטיטוציעס זיינען פריער ניט וויכטיק אין זייערע אויגן געווען — האָבן זיי געמוזט איצט זייער וויכטיק פאר זיי זיין. און אויב זיי זיינען אויך פריער אין זייערע אויגן וויכטיק געווען — האָט געמוזט איצט די וויכטיקייט זייערע פילפאַכיק פארגרעסערט ווערן אין זייערע אויגן. אויב זיי האָבן זיך פריער געקענט באַציען צו זיי צייטנווייז, ווי צו פאַרשוועכטע הייליקטימער, און ריידן וועגן זיי דאן אין א טאָן פון ווידער געפיל און פאַראַכטונג, האָבן זיי געמוזט איצט צו זיי נאָר א באציאונג ווי צו פאַרלאָרענע הייליקטימער האָבן, און נאָר אין א טאָן פון פארהערלעכונג און פארהייליקונג וועגן זיי ריידן.

עס האָט ניט איצט אזא שאַרפער אונטערשייד געקענט הערשן צווישן זייערע באַציאונגען צום בית המקדש און די ענלעכע צו אים אינסטיטוציעס און צווישן די באַציאונגען פון פאָלק צו דעם אלעם, ווי דער אונטערשייד, וואָס האָט פריער געהערשט אין דער הינזיכט. זיי זיינען פאַראייניקט געווען איצט מיט דעם פאָלק אין דעם שווערן טרויער זייערן אויף די הייליקטימער, וואָס זיי האָבן פארלאָרן, און אין דעם גליענדן באַגער זייערן און טרייסטפולער האָפנונג, זיי זאָלן — און אז זיי וועלן — די דאָזיקע הייליקטימער צוריק קריגן. נאָר אָט דאָס אלעס צוזאַמען — אָדער ריכטיקער: אין וועלכן עס ווערט שוין במילא אויך איינגעשלאָסן, וואָס גייט שוין במילא אויך צוזאַמען — מיט דעם מאָטיוו אויף וועלכן איך האָב אין טעקסט אָנגעוויזן — זיינען די אורזאַכן פון אָט יענעם אלעם געווען.

ו.

עלעמענטן פון תורה שבעל פה אין ספר יחזקאל

מיט וואָס דער ספר יחזקאל אונטערשיידט זיך פון די אַנדערע ספרי נבואה. — ער איז ניט נאָר א זאמלונג פון נבואות, נאָר אויך א זאַמלונג פון דינים און מצוות. — אייניקע קומען דאָרטן אויך אין געוויסע מאָדיפיקאַציאָנען, גאנץ אַנדערש, ווי מיר האָבן זיי אין דער תורה. — אָפטמאָל זיינען זיי אויך א סתירה צו איר. — די חכמים האָבן אים דערפאַר געוואָלט דן זיין בגניזה. — עלעמענטן פון תורה שבעל פה אין ספר יחזקאל. — די סתירה, וואָס צווישן זיין זינד טעאָריע און דער פאָרמולא פון „פוקד עוון אבות על בנים" פון דער תורה. — די אויסטייטשונג פון די חז"ל פון דער „פוקד עוון אבות" פאָר־מולא. — די שוואַכע שיטה פון רבי אייזיק הירש ווייס און זיין פאַרזוך צו פאַרענטפערן די דאָזיקע סתירה. — די מיינונג פון רבי יוסי ב"ר חנינא, אז די פאָרמולא פון יחזקאל „לא ישא בן בעוון האב ואב לא ישא בעוון הבן" געפינט זיך אין פאָלשטענדיקער סתירה צו משהס פאָרמולא פון „פוקד עוון אבות על בנים".

אין דער איינלייטונג האָב איך פאַרבייגייענדיק דערמאָנט וועגן דעם סך הכל, וואָס די ביבל קריטיק מאַכט פון דער אידישער גע־שיכטע ביז צו גלות בבל, וועגן דער הויכער מיינונג וואָס זי האָט וועגן דעם אידישן פאָלק פון דער צייט פון בית ראשון, און איך האָב דאָרטן די דאָזיקע מיינונג אירע, אז דאָס אידישע פאָלק האָט די גאנצע צייט פון בית ראשון א לעבן פון „ללא תורה" און „ללא מצוה" געלעבט אלס שוא ושקר מיינונג געשטעמפּלט.

און, ווירקלעך, עס איז געווים פיל מער היסטאָרישער און פּסיכאָלאָגישער אמת פאַראַן אין דער באַהויפּטונג פון די חז״ל, אַז די אבות האָבן די אלע מצוות פון דער תורה מקיים געווען. אויף וויפיל מען באַדאַרף ארויסלערנען פון דעם, אַז דער יסוד פון דער תורה שבכתב איז א „תורה שבעל פה״*) געווען, אויף וויפיל מען באַדאַרף דערפון ארויסלערנען, אַז די תורה איז ניט נאָר אינגאַנצן א בריאה חדשה געווען, אז דער אינהאַלט פון מתן תורה מאָמענט איז באַשטאַנען ניט נאָר פון שאַפן נייע רעליגיעזע און געזעצגעבנדע נאָרמען, נאָר אויך פון דעם סאַנקציאָנירן און אריינגעמען אין כלל פון דער תורה דעם גאַנצן אַלטן סאָציאַלן און קולטורעלן נימוס פון די אלטע העברייער, די אלע פירונגען און מנהגים, וואָס זיינען פּראַקטיצירט געוואָרן צווישן די אלע פאַרשיידענע סעמיטישע שבטים, פון

---

*) דער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דער פאָרמירונג פון אונזערע אמונה־ודת גאָרמען איז אויף פאָלגענדן אופן פאָרגעקומען: „תורה שבעל פה״, „תורה שבכתב״ און נאָכאַמאָל „תורה שבעל פה״. די באַדייטונג פון דעם טערמין תורה שבעל פה אין צווייטן פאַל איז די אויסטייטשונג, דערקלערונג און דער־גענצונג פון דער „תורה שבכתב״. אין ערשטן פאַל איז די באַדייטונג פון דעם טערמין, ווי עס איז אין טעקסט אָנגעוויזן. עס ווערט מיט אים באַצייכנט אָט יענער גאַנצער קאָמפּלעקס פון דינים, מנהגים און פירונגען, וואָס האָבן רע־גולירט דאָס אידישע לעבן נאָך פאַר „מתן תורה״. די דאָזיקע אַלע דינים און מנהגים זיינען דער תורה שבכתב פאָראויסגעגאַנגען און זיינען איר באַזיס געווען. אין מתן תורה מאָמענט זיינען זיי א טייל פון דער תורה שבכתב גע־וואָרן.. אַלס באַווייז דערויף, אַז עס איז א תורה שבעל פה דער תורה שבכתב פאָראויסגעגאַנגען, קען אונז אויך דינען — שוין ניט ריידנדיק דערפון, אַז איר ריכטיקייט ווערט באַשטעטיקט פון פילע אַנדערע ביישפּילע פון דער געשיכטע, אַז אַרגומענטן פון שכל הישר און לאָגיק צווינגען אויף אונז איר אמת ארויף — דער אָפּטער „מאימתי קורין את שמע בערבית״ סגנון פון דער תורה, דאָס, וואָס אין פילע פעלע ווערט דער עיקר דין גאָר ניט דערמאָנט, נאָר עס ווערן גאָר אַרומגערעדט זיינע פּרטים, די אופנים ווי אזוי ער דאַרף דורכגעפירט ווערן. און אויף וויפיל „תורה שבעל פה״ הייסט — אויסטייטשן און דערקלערן אַ שוין פון לאַנג באַוואוסטן און פעסטגעשטעלטן אין עיקר פּרינציפּ זיינעם דין, איז אין פילע פעלע אויך אונזער תורה שבכתב א תורה שבעל פה גאָר. און זע „דור דור ודורשיו״, חלק א׳, ספר ראשון, פּרק א׳, און „מורה נבוכי הזמן״, אם למסורת.

וועלכע עס האָט זיך מיט דער צייט דאָס אידישע פאָלק קריסטאַליזירט, ווי אין דער באַהויפּטונג, אַז די אַלע דורות אידן פון פאַר דעם גלות בבל האָבן גאָר אינגאַנצן די מצוות ניט מקיים געווען.

עס איז פיל מער פּסיכאָלאָגישער און היסטאָרישער אמת פאַראַן אין דער באַהויפּטונג פון די חז"ל, אַז אברהם אבינו האָט אפילו די מצוה פון „עירוב תבשילין" מקיים געווען, אויף וויפיל מען באַדאַרף דערפון אַרויסלערנען, אַז די ענטוויקלונג פון דער „תורה שבעל פה" אין אירע אַלגעמיינע הויפּט־פּרינציפּן אויף דעם יסוד פון דער תורה שבכתב האָט זיך גלייכצייטיג, כמעט, מיט דער לעצטער אָנגעהויבן, אַז די אידן האָבן שוין אין די גאָר אַלטע צייטן אַ „תורה שבעל פה" פאַרמאָגט — ניט נאָר אַ תורה שבעל פה, וואָס איז אַליין נאָכדעם אין אַ „תורה שבכתב" פאַרוואַנדלט געוואָרן, אַ תורה שבעל פה וואָס איז דער יסוד פון דער תורה שבכתב געווען, און די לעצטע איז אין באַצוג צו איר אין פילע פעלע אַליין אַ מין תורה שבעל פה געווען, נאָר אויך אַ תורה שבעל פה, וואָס האָט אויף דער תורה שבכתב באַזירט, אַ תורה שבעל פה, וואָס האָט די תורה אויסגעטייטשט און דערקלערט און פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע אַנאַלאָגיען געצויגן*) — ווי אין דער באַהויפּטונג, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט

---

*) אַ געזעץ, ווי דעטאַליזירט עס זאָל נישט געשריבן ווערן, קען עס דאָך ניט אַלע דעטאַלן אַרויסשרייבן. ווי עס זאָל ניט אויסגעטייטשט און דערקלערט ווערן אַ געזעץ, מוז נאָך אַלץ זייער פיל פון זיין ענלעכער אויסטייטשונג און דערקלערונג איבערבלייבן. די עקזיסטענץ פון אַ תורה שבכתב און די עקזיסטענץ פון אַ תורה שבעל פה הויבן זיך דעריבער אָן גלייכצייטיק. שוין דער פאַקט אַליין פון דער עקזיסטענץ פון אַ תורה שבכתב, שוין אָט דער פאַקט אַליין איז מחייב די עקזיסטענץ פון אַ תורה שבעל פה אַלס די אויסטייטשערין און דערקלערערין פון דער ערשטער. און אָנווייזונגען אויף דער מוזבאַרער און ווירקלעכער עקזיסטענץ פון אַ תורה שבעל פה אין דעם זין שוין אין די ערשטע עקזיסטענץ מאָמענטן פון דער תורה שבכתב געפינען מיר שוין טאַקע אין דער תורה אַליין אין פילע פעלע, ווי אין דעם פאַל פון „מקושש", אין פאַל פון גאָט־לעסטערער, אין פאַל פון די וואָס האָבן צוליב דעם וואָס זיי זיינען טמא געווען ניט געקענט מקריב זיין דעם קרבן פסח אין צייט, און ביים „חטאת הצונה" געפינען מיר שוין אויך סימנים פון די „מדות שהתורה נדרשת

ביז נאָר דעם לעצטן פעריאָד יאָרן פון חורבן אויך קיין תורה שבכתב נים פאַרמאָגט.

און אַ באַשטעטיקונג פון גאָר גרויס באַדייטונג געפינען מיר פאַר דער דאָזיקער באַהויפּטונג אין ספר יחזקאל.

איינער פון די טיפּסטע כאַראַקטערשטריכן, וואָס אונטערשיידן דעם ספר יחזקאל, פון די אַנדערע ספרי נבואה, איז דאָס, וואָס עס געפינען זיך אין אים אויסער נבואות אויך פילע דינים און מצוות, אַזוי, אַז ער איז איינגערמאָסן נים נאָר אַ זאַמלונג פון נבואות, נאָר אויך אַ זאַמלונג פון אמונה ודת עניינים. אמת, אויך אין ישעיהו און ירמיהו געפינען מיר דאָ און דאָרטן אייניקע מצוות דערמאָנט. דאָרטן קומט עס אָבער פאָר נאָר אין איינצלנע פעלע און זיי ווערן דאָרטן אויך נאָר בדרך כלל דערמאָנט. דאָ אָבער איז אַ גרויסער טייל פון ספר געווידמעט דערצו, און די אַלע דינים און מצוות, וואָס קומען אַריין אַהין, ווערן דאָרטן בפרוטרוט באַהאַנדלט.

און דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז דאָס, וואָס טראָץ דעם, וואָס די דאָזיקע אַלע דינים און מצוות געפינען זיך אויך אין דער תורה, זיינען זיי דאָ כּלל נים קיין גענויע איבערחזרונגען פון יענע. יחזקאל האָט זיי נים איבערגעשריבן פון דער תורה גענוי, ווי זיי געפינען זיך אין איר. ער גיט די זעלבע דינים און מצוות אין געוויסע מאָדיפיקאַציאָנען. אין דעם אופן, ווי ער גיט אונז איבער פילע פון די דינים און מצוות, געפינען מיר שוין, כמעט, די אַלע הויפּט־עלעמענטן פון דער ווייטערדיקער תורה שבעל פה.

מיר געפינען דאָרטן דעם עלעמענט פון אויסטייטשן, דערקלערן

בהן". און בדרך כלל — אין דעם וואָס זי האָט געהייסן גרינדן דעם אינסטיטוט פון שופטים און בית דין הגדול, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען נים נאָר די דינים און משפטים פון דער תורה צו פסקנען, נאָר אויך ווען נויטיק לויט זיי. צו דעם אַלעם באַדאַרף נאָך אויך צוגעגעבן ווערן דער פאַקט, אַז איין ספר פון די חמשה חומשי תורה, דער ספר דברים, איז אין אַ גרויסן טייל זיינעם אויך ער גיט מער ווי נאָר אַ מין אויפגעשריבענע „תורה שבעל פה", אויף וויפיל ער גיט זיך אָפּ אין פילע פעלע אויסצוטייטשן צו דערגענצן און דערקלערן די דינים און מצוות פון די פריערדיקע ספרים.

די תורה דאָרטן, וואו עס איז ניט גענוי קלאָר איר מיין, ווי אויך באשטימען דעם אינהאלט פון א געוויסן באגריף, וועגן וועלכן עס ווערט נאָר בדרך כלל גערעדט אין איר. מיר געפינען דאָרטן אויך דעם עלעמענט פון אויסטייטשן די תורה אזוי, אז עס זאָל אויס־קומען א סתירה צו דעם מיין, וואָס מען באדארף פון איר פון אויבנ־אויף ארויסלייענען. דאָן ווידער געפינען מיר דאָרטן דעם מאָמענט פון גענצלעכע אָפּווייכונגען און אָפּנייגונגען פון איר.

דער דאָזיקער עלעמענט איז דאָרטן אויף אזוי פיל שטארק פארטראָטן, אז דער תלמוד דערציילט אונז, אז די חכמים האָבן גע־וואָלט „דן זיין בגניזה": באהאלטן, ארויסנעמען פון געברויך דעם ספר יחזקאל „מפני שדבריו סותרים דברי תורה", ווייל זיינע רייד זיינען סותר די רייד פון דער תורה.*)

---

*) „אמר רב יהודה אמר רב: ברם זכור אותו האיש לטוב וחנניה בן חזקיה שמו: שאלמלא הוא נגנז ספר יחזקאל, שהיו דבריו סותרין דברי תורה" — שבת י"ג, ב'. אויף די „דברי תורה" מאַכט רש"י דאָרטן: „כגון נבילה וטריפה" וגו' „לא יאכלו הכהנים". הא ישראל אוכלים? וכגון: „ובן תעשה בשבעה בחודש" — היכן נזכר קרבן זה בתורה? און אויף „גרבי": „למאור ולמזונות". און אין זיין פירוש אויף דעם זעלבען מאמר, וואָס געפינט זיך אויך אין „מנחות", מ"ה, געפינט זיך ניט דער „ולמזונות". ער שרייבט דאָרטן: „שלש מאות גרבי שמן" — לנרות ולהדליק בלילה ולפרשן. און אין פירוש רבנו חננאל דאָרטן אין שבת: "שדבריו סותרין דברי תורה — פירוש יש בספר יחזקאל דברים שמראין כאילו סותרין דברי תורה, כגון קרבנות המועדים וחנוכות וכיוצא כהן". ובא חנניה בן חזקיה ודרשן — ונתברר שספר יחזקאל והתורה שוין". און זע דעם פירוש רבנו גרשום אויף דעם זעלבן מאמר אין מנחות מ"ה, א'.

און דאָרטן אין מנחות ווערט אונז אויך דערציילט, אַז די דאָזיקע סתירות, וואָס מען געפינט אין יחזקאל צו די רייד פון דער תורה זיינען אויף אזויפיל פאַר די חכמי התלמוד אלס שווערע סוגיא באַטראַכט געוואָרן, אַז אַ פאָר פון זיי — רבי יהודה און רבי יוחנן — האָבן זיך אויסגעדריקט, אז נאָר ווען משיח וועט קומען, וועלן מיר קענען האָבן די קשיות פאַרענטפערט. „אמר רבי יוחנן" — ווערט דאָרטן געזאָגט — „פרשה זו אליהו עתיד לדרשה" — האָט רבי יוחנן געזאָגט: די דאָזיקע פרשה — די פרשה, אין וועלכער עס

די ראמען פון מיין דאָזיקער ארבעט דערלויבן מיר ניט, זיך אָפּשטעלן לאַנג אויף דעם דאָזיקן ענין, כדי צו אילוסטרירן אויספירלעך מיט ביישפּילע פון ספר די אַלע אויבנאויסגערעכנטע עלעמענטן, וואָס געפינען זיך אין דעם טייל פון דינים און מצוות, וואָס קומט אריין אין אים. איך וועל אָבער דאָך אין אַלגעמיינע שטריכן דעם ענין באַהאַנדלען. איך וועל דאָ אין קורצן אייניקע פון די פילע ביישפּילע ברייגגען.

אויף דעם געביט פון רעליגיעזער דאָגמא האָב איך שוין פריער אָנגעמערקט פאַרבייגייענדיק אויף דער סתירה, וואָס געפינט זיך בנוגע דעם ענין פון „שכר ועונש" צווישן יחזקאל און דער תורה, צווישן דער פאָרמולא פון „פוקד עוון אבות על בנים" פון דער לעצטער אין דעם פּרינציפּ פון אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס יחזקאל האָט פּראָקלאַמירט.

און שוין די חכמי התלמוד האָבן זיך דערויף אָפּגעשטעלט. צוזאַמען דערמיט, וואָס זיי האָבן אין פילע אַנדערע ענינים א סתירה אין זיינע רייד צו די רייד פון דער תורה געפינען, האָבן זיי געפונען,

---

געפינען זיך די סתירות צו די רייד פון דער תורה — וועט אליהו אייניטייטשן.

און אין חגיגה י"ג, א', ווערט דערציילט, אז אויך צוליב די מעשי מרכבה פסוקים, וואָס געפינען זיך דאָרטן, האָט מען געוואָלט דעם ספר יחזקאל גונז זיין.

תנו רבנן — לייענט זיך די שטעלע, אין וועלכער עס ווערט דערציילט די דאָזיקע געשיכטע — מעשה בתינוק אחד שהיה קורא בבית רבו בספר יחזקאל והיה מבין בחשמל ויצאה אש מהחשמל ושרפתו. ובקשו לגנוז ספר יחזקאל. אמר להם חנניה בן חזקיה: אם זה חכם — הכל חכמים הן. דאָס, וואָס ער האָט געמיינט צו זאָגן מיט דעם דאָזיקן ענטפער זיינעם, איז, אַז דאָס, וואָס דער ינוקא איז ניזוק געוואָרן ביים לערנען די מעשי מרכבה פון יחזקאל קען ניט זיין קיין אורזאכע, מען זאָל דן זיין בגניזה דעם ספר יחזקאל. עלטערע מענטשן, תלמידי חכמים, האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן. דער ינוקא, וואָס מיט אים האָט געטראָפן דער אומגליק, קען ניט אריינגיין אין גדר פון תלמידי חכמים. ווארום אויב א קינד — מעגן ווי גרויס זיין זיינע פעאיקייטן — קען מען אלס חכם באַטראַכטן — באַדאַרף מען שוין יעדן איינעם אַלס חכם פאַררעכענען.

אז אויך זיין אידייע וועגן שכר ועונש איז אין קעגנזאץ צו דעם וואָס די תורה לערנט אונז. און זיי האָבן דעם ענין פאַרענטפערט, אז די תורה רעדט וועגן קינדער, וואָס „אוחזים מעשה אבותיהם בידיהם", וואָס גייען אין די שלעכטע וועגן פון זייערע עלטערן. אויב זיי אליין אָבער זיינען צדיקים, זיינען זיי אויך לויט דער תורה ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די זינד פון זייערע עלטערן. דאַגעגן רעדט אָבער יחזקאל וועגן אזוינע קינדער, וואָס „אינם אוחזים מעשה אבותיהם בידיהם"*).

און אויף וויפיל עס קען זיך דאָ האנדלען וועגן שכר ועונש אין ברייטערן זין, אין זין פון אויטאָמאַטישער שטראָף, וואָס געוויסע קאַטעגאָריען פון זינד מוזן פאַראורזאַכן, איז א מערקווירדיקער טיפער פּסיכאָלאָגישער אמת פאַראַן אין דער סינטעטישער מיינונג וועגן דעם ענין פון די חכמי התלמוד, וואָס באַזירט אויף די צוויי קעגנגעזעצטע שכר ועונש טעאָריען פון דער תורה און יחזקאל. אין לעבן טרעפט ווירקלעך, אז די געשיכטע שטראָפט די רשעים ניט נאָר פאַר זייערע אייגענע זינד, נאָר אויך פאַר די זינד פון זייערע רשעים־עלטערן. און אין דעם זין איז אין פילע פעלע די פאָרמולא פון „פוקד עוון אבות על בנים" לויטער אמת אפילו אָן אירגענד וועלכער באַגרעניצונג.

אויך אַן און פאַר זיך איז די אויסטייטשונג וואָס די חכמי התלמוד גיבן אונז וועגן דער פוקד עוון אבות פאָרמולא פון דער תורה די ריכטיקסטע, וואָס קען נאָר געבן. די דאָזיקע אויסטייטשונג זייערע פון דעם פוקד עוון אבות, אז ער וואַרפט ניט אַרויף די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די זינד פון די עלטערן אויף די קינדער וואָס „אינם אוחזים מעשה אבותיהם בידיהם", איז אויך א וואונדער־באַרן אופן אין איינקלאַנג מיט דעם גאַנצן גייסט פון דער תורה,

---

*) ברכות, ז׳.

און דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט אין טעקסט, אז די חכמי התלמוד האָבן מיט „אוחזין מעשה אבותיהם מידיהם" פאַרענטפערט די סתירה, וואָס צווישן יחזקאל און דעם „פוקד עוון אבות" פון דער תורה, האָב איך געמיינט צו זאָגן, אז אומ־דירעקט האָבן זיי זי פאַרענטפערט. ווארום די סתירה צום „פוקד עוון אבות" קאָנ־סטאַטירן זיי אין דער תורה אליין — אין דעם פסוק „לא יומתו אבות על בנים ובנים לא יומתו על אבותם. איש בחטאו יומת".

אוואו עס ווערט דער ענין פון שכר ועונש באהאנדעלט. ווארום א סך מער און אויספירלעכער, ווי די תורה שטרייכט אונטער דעם ענין פון ירושה שטראף, שטרייכט זי אונטער דעם ענין פון תשובה, און זי זאגט אונז ניט אין ערגיץ, אז נאר די תשובה פון א רשע בן צדיק ווערט אנגענומען, אבער ניט די תשובה פון א רשע בן רשע.

און אויך בנוגע צום כלל זעען מיר, אז נאך דעם, וואס די תורה זאגט פאראויס שלעכטע צייטן פאר די אידן, אז זיי וועלן פון זייער לאנד פארטריבן ווערן אין פאל זיי וועלן זינדיקן, גייט זי באלד איבער צו די הבטחות אויף בעסערע צייטן פאר די קומענדע דורות, ווען זיי וועלן תשובה טאן און ניט גיין אין די שלעכטע וועגן פון זייערע עלטערן.*)

*) אגב דארף דא באמערקט ווערן, אז רבי אייזיק הירש ווייס איז ניט אויף דעם ריכטיקן וועג, ווען ער שרייבט: „אפילו ביי די גוטע הבטחות צו די אידן, וואס ווערן געבראכט אין דער תורה, ווערט דאך אלע ווילע דער־קלערט, אז דאס אלץ „האבן זיי אייגנטלעך גאר ניט פארדינט, נאר דאס קומט זיי צוליב דעם זכות פון די אבות".

דער אמת איז, אז יעדן מאל, ווען די תורה רעדט וועגן „שמרו את ברית אברהם", רעדט זיך דאן אויך וועגן „אהבתי אתכם", אז יעדן מאל, ווען זי רעדט וועגן זכות אבות, רעדט זי דאן אויך וועגן זכות עצמו. דורך זכות אבות אליין קענען זיי ניט געהאלפן ווערן. די הויפט זאך איז זייער אייגענער זכות. דערויף זיי זאלן געהאלפן ווערן, מוזן זיי תשובה טאן. יעדן מאל, ווען די תורה זאגט: „וזכרתי את בריתי את אברהם יצחק ויעקב", גייט פריער דער פארבאדינג, אז זיי זאלן זייערע שלעכטע וועגן פארלאזן. דער „וזכרתי את בריתי את אברהם יצחק ויעקב" קומט קיינמאל אין דער תורה אלס אורזאכע פון דעם, וואס ער — גאט — וועט אויף זיי זיין רוב טובה משפיע זיין, נאר אלס קאנסעקווענץ פון דעם וואס זיי וועלן אין גאטס וועגן גיין. עס לייענט זיך ניט אין דער תורה: „עס וועט אייך וואויל און גוט זיין, ווארום איך וועל געדענקען די זיכערהייט, וואס איך האב פארשניטן מיט אברהם, יצחק ויעקב", נאר עס לייענט זיך: און אז איר וועט רופן צו מיר און מער ניט זינדיקן קעגן מיר, וועל איך געדענקען די זיכערהייט, וואס איך האב פארשניטן מיט אברהם, יצחק און יעקב. דער זכות אבות איז ניט דער וועג, וואס פירט צום טרקלין — צו געניסן פון גליק און וואוילזיין, נאר די טיר, וואס פירט אריין אין אים. און מען מוז פריער איבער דעם וועג פון אייגענע זכיות גיין דערויף, מען זאל קענען צוקומען צו איר. דער זכות אבות איז נאר

און עס איז אויך אמת, אז אין יחזקאל רעדט זיך נאָר וועגן
אזוינע פעלע, ווען די קינדער גייען גיט אין די שלעכטע וועגן פון די

א ביי מאָמענט אין דער תורה, ווען עס רעדט זיך אין איר וועגן שכר. דער הויפּט מאָמענט דאָן איז נאָר דער זכות עצמם. אלס הויפּט מאָמענט קומט ער אַמאָל נאָר דאָן, ווען עס רעדט זיך וועגן עונש. נאָכדעם, וואָס די תורה רעכנט אויס אַ גאַנצן צעטל פון שווערער שטראָף, וואָס וועט טרעפן די אידן, אויב זיי וועלן זיך קעגן גאָט פאַרזינדיקן, גיט זי צו באַלד, אַז זיין שטראָף וועט זיי דאָך ניט פאַרניכטן אינגאנצן, אז „ברוגז רחמים יזכור“, אז אין זכות פון אברהם, יצחק און יעקב וועט ער זיי נאָך אלץ א שם ושארית לאָזן, אז ווי שווער ער וועט ניט אויף זיי זיין צאָרן אויסגיסן, וועט ער זיי דאָך קיינמאָל ניט גאָר אינגאנצן פון עקזיסטענץ אָפּווישן, כדי עס זאָל זיך קענען ווידער אין עקזיסטענץ געפינען דער אָפּמאך, וואָס ער האָט מיט אברהם, יצחק און יעקב געשלאָסן.

אין צוזאַמענהאנג דערמיט דאַרף שוין דאָ אויך באַמערקט ווערן, אז ער — רבי אייזיק הירש ווייס — האָט זיך בכלל צושטאַרק געפלייסט, די סתירה, וואָס געפינט זיך צווישן דער שכר ועונש אידעע אין דער תורה און צווישן דער זעלבער אידעע ביי יחזקאל, אלס א זייער האַרב פּראָבלעם ארויסצושטעלן.

לויט ווי ער פאָרמולירט די שכר ועונש אידעע פון דער תורה, קומט אויס, ווי דער לעזער האָט עס שוין געקענט זען פון דער ציטאַטע זיינער, וואָס איך האָב געבראכט, אז זי איז, הן בנוגע צו שכר און הן בנוגע צו עונש, דורך און דורך פון פאַטאַליסטישן עלעמענט דורכגעדרונגען. דער אייגענער טאָט איז גאָר ניט. עס פאַרפאָלגן דעם מענטשן שטענדיק די טאָטן פון די מענטשן, וואָס האָבן פאר אים געלעבט. ניט דורך אונזער אייגענער צדקות און דורך אונזער אייגענער רשעות געניסן מיר און ליידן אין לעבן, נאָר דורך דער צדקות און דורך דער רשעות פון די פאַרגאַנגענע דורות.

אַזאַ אויפפאַסונג פון דער שכר ועונש אידעע אין דער תורה איז אָבער דורכאויס פאַלש. דער אמת איז, אז אפילו דער עונש־מאָמענט אירער באַזירט ניט כלל, ווי איך האָב עס אין טעקסט באַוויזן, אויף אַזאַ שטאַרקן פאַטאַליסטישן עלעמענט. און דער שכר־מאָמענט אירער אודאי און אודאי ניט, ווי איך האָב עס אָט ערשט דאָ אין דער באַמערקונג דערקלערט.

און דעריבער מוז פון אָנהויב אָן די סתירה כלל ניט אלס אַזאַ גוואַלדיק שווער פּראָבלעם באַטראַכט ווערן. ווען מען נעמט אָבער דעם דאָזיקן ענין אביסל ברייטער, ניט האַלטנדיק זיך צופיל געבונדן צו דער בוכשטעבלעכער באַדייטונג פון די ווערטער, ווען מען גייט צו צום גאַנצן ענין אַביסל מער היסטאָריש און מען רעכנט זיך מיט די כוונות און מאָטיוון, וואָס זיינען דער און יענער פאָרמולע — דער פאָרמולע פון „פוקד עון אבות“ — און דער פאָרמולע

עלטערן. דאָס דאַרף מען ניט ערשט אַרויסטייטשן פון דאָרטן, נאָר דאָס איז גאַנץ קלאָר און דייטלעך צו זען פון דעם גאַנצן ענין דאָרטן

פון „הבן לא ימות בעוון האב״ פון יחזקאל — פאַראויסגעגאַנגען, איז שוין דאן די סתירה גאָר אינגאַנצן ניט קיין שווער פּראָבלעם.

צוליב דעם, וואָס יחזקאל האָט געוואָלט, אז די אידן זאָלן א ריינע און שיינע קאָנצעפּציע האָבן וועגן גאָט, אז זיי זאָלן זיך אים פאָרשטעלן אין זייער געדאַנק אלס דעם „כליל כל השלימות״, אלס די העכסטע, אומדערגרייכבאַרסטע פאַרקערפּערונג פון אבסאָלוטן צדק און יושר, צוליב דעם, וואָס יחזקאל האָט געוואָלט איינפלאַנצן ווירדיקע אָנשויאונגען ביי די אידן פון זיין דור וועגן די וועגן פון גאָט און די פירונגען זיינע מיט די מענטשן, און נאָך מער צוליב דעם, וואָס ער האָט עס באַדאַרפט האָבן צוליב דער „לחזק ידים רפות וברכים כושלות״ טעטיקייט זיינער, זייער מוט און גלויבן צו שטאַרקן און זייער פאַרצווייפלונג צו פאַריאָגן, האָט ער די אידייע פון אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אידן פון זיין דור פּראָקלאַמירט, גלויבנדיק, אַז ער קען עס טאָן, ווייל די דאָזיקע אידייע איז אין אנקלאַנג מיט דעם גאַנצן גייסט פון דער תורה, אין פולער האַרמאָניע מיט די אלע שטעלן, וואו עס רעדט זיך אין איר וועגן „מדותיו של הקדוש ברוך״. ער האָט געמוזט זיין שכר ועונש אידייע אָלס לאָגישן פועל יוצא באטראכטן פון דער פאָרשטעלונג, וואָס די תורה וויל, מיר זאָלן וועגן גאָט האָבן. זי באַזירט אויף די „הצור תמים פעלו״, אל אמונה ואין עול בו״ און די אלע אנדערע אלהי החסד והרחמים שילדערונגען, וואָס די תורה גיט אונז וועגן גאָט. און דעריבער האָט ער ניט גענומען די ווערטלעכע באדייטונג פון דער פאָרמולע פון „פוקד עוון אבות״ אָלס אַ זאַך, וואָס איז אַבסאָלוט און איז לדורות געגעבן געוואָרן. און דעריבער האָט ער ניט באַטראַכט דעם אינהאַלט אירן אלס א וויכטיקן אמונה־יסוד בנוגע די באַשרייבונגען פון די אטריבוטן פון גאָט. ער האָט געגלויבט, אז זי איז ניט געזאָגט געוואָרן לדורות, נאָר לשעה, איידער די אידן האָבן געזינדיקט, אז מער, ווי זי איז געזאָגט געוואָרן מיט דעם צוועק א חירקלעכן אַטריבוט פון גאָט צו באַשרייבן, איז זי געזאָגט געוואָרן מיט דעם צוועק די אידן פון זינד אָפּהאַלטן, כל זמן זיי האָבן נאָך ניט געזינדיקט, דורך אָנשרעקן זיי וואָס מער. פונקט ווי ער איז אויסן געווען דורך זיין שכר ועונש טעאָריע דעם וועג צו תשובה פאַר זיי גרינג צו מאַכן, אזוי איז די תורה אויסן געווען מיט דער פאָרמולע פון „פוקד עוון אבות על בנים״ צו מאַכן שווער פאַר זיי דעם וועג צו זינד. ער האָט דעם „פוקד עוון אבות״ פון דער תורה געקענט אויף אַזאַ אופן נעמען, כדי ער זאָל ניט סותר זיין פילע אַנדערע שטעלן אין איר, וואָס איבערוויגן אים. און דעריבער איז אים שוין אויך ניט אויסגעקומען א סתירה אין איר צו געפינען צו דער אידייע פון אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ער האָט פּראָקלאַמירט.

לויט דעם איינפאַכסטן פשט זיינעם. ער זאָגט דאָך דאָס בפירוש דאָרטן.

און אזוי ארום זעט עס אין פלוג ווירקלעך אויס, אז די סתירה איז שוין גאָר אינגאנצן פארענטפערט. נאָך אביסל מער פארטיפונג אָבער, זעט מען, אז גאָר אין גאנצן איז די סתירה נאָר פאָרמעל פארענטפערט. אין איר גאנצן תוך אָבער איז זי נאָר טיילווייז — כאָטש אמת אין איר גרעסטן און וויכטיקסטן טייל — פארענטפערט. פון דעם גאנצן אופן, ווי יחזקאל פאָרמולירט דאָס פראָבלעם, און פון דעם, ווי ער מאָטיווירט זיין שכר ועונש דאָקטרין, איז ניט צו זען, אז ער זאָל די אידייע זיינע וועגן אינדיווידועלער פאראנטוואָרט־לעכקייט, וואָס ער האָט פּראָקלאמירט, פון געוויסע אומשטענדן באַ־גרעניצן, אז מען זאָל קענען קומען צו דער מסקנא, ווי דאָס איז נויטיק צו טאָן, כדי מען זאָל זיין שכר ועונש אָנשויאונג אין פולער האר־מאָניע ברענגען מיט דער פון דער תורה, אז ווען די קינדער גייען יאָ אין די שלעכטע וועגן פון זייערע עלטערן, זיינען זיי דאַן אויך לויט יחזקאל ניט באפרייט פון דער פאראנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף זיי פאר די זינד פון די עלטערן.

רבי איזיק הירש ווייס שרייבט אפילו, אז „פון די משלים, מיט וועלכע יחזקאל אילוסטרירט זיין געדאנק, זעט מען, אז ער זוכט צו פארענטפערן דעם ווידערשפּרוך צווישן זיין פרינציפּ און דער אַנגענומענער מיינונג, וואָס איז געשטיצט אויף דער תורה. דעם „פוקד עוון אבות על בנים" וואָס שטייט אין דער תורה, נעמט ער אָן אין דעם זין, ווי דאָס איז טאַקי שפּעטער דערקלערט געוואָרן אין תלמוד, „אז דאָס גייט נאָר אויף דעם פאַל, ווען די קינדער האָבן זיך אָפּגעלערנט די שלעכטע מעשים פון זייערע עלטערן". דאָס אלעס איז אָבער זייער מאָדנע. פון וואנען האָט ער גענומען, אז יחזקאל האָט אין דעם זין דעם פוקד עוון אבות גענומען? יחזקאל דערמאָנט ניט דעם פוקד עוון אבות על בנים פון דער תורה און מען קען אויך ניט ארויסדרינגען פון זיינע רייד, אז ער האָט אים אין זיינען געהאט און האָט אים אויף אָט יענעם אופן אויסגעטייטשט, כדי מיר זאָלן קענען זאָגן, אז דורך דעם האָט ער אליין אונז געצוואונגען פון

דעם לאו פון זיין „לא ישא הבן בעוון האב" א „הן" ארויסדרינגען אין פאל ווען די קינדער גייען אין די שלעכטע וועגן פון זייערע עלטערן.

וואס ער דערמאנט יא איז דעם משל „האבות יאכלו בוסר", דאס הייסט, די אנגענומענע מיינונג וועגן דער פאראנטווארטלעכקייט פון די קומענדע דורות פאר די זינד פון די פריערדיקע. און דערמאנען דערמאנט ער זי ניט כדי זי צו פארענטפערן און ברייננגען זי אין הארמאניע מיט זיינע אנשויאונגען וועגן דאזיקן ענין, נאר כדי צו באקעמפן זי איבער דעם גאנצן פראנט אירן אין נאמען פון אלע רייד זיינע וועגן דעם פרינציפ, פאר וועלכן ער קעמפט. פון אלע רייד זיינע וועגן דעם דאזיקן ענין איז צו באמערקן, אז ער קימערט זיך ווייניק וועגן דער אנגענומענער מיינונג, און מיט אנגעשטרענגטער עקשנות זוכט ער אין די אלע שטעלן, וואס ער ווידמעט דעם דאזיקן ענין, צו איבערצייגן די צוהערער זיינע, אז זי איז ווילד און אומגערעכט, אז זי באזירט ניט אויף לאגיק און יושר, דאן, ווען זיין פרינציפ באזירט יא אויף דעם אלעם.

און די מפרשים אונזערע האבן פיל מער „מדייק בלישנא" געווען, ווי ווייס האט עס געטאן. זיי האבן ניט געזאגט, אז יחזקאל האט דעם „פוקד עוון אבות" אין זין, וואס די חז"ל האבן אים אויסגעטייטשט, געמומען. זיי האבן גאר דאס געטאן — כדי צו פארענטפערן ווי ווייט מעגלעך די סתירה, וואס צווישן דעם פוקד עוון אבות און צווישן דעם שכר ועונש פרינציפ פון יחזקאל, האבן זיי געזאגט, אז מען באדארף דעם פוקד עוון אבות אין אט יענעם זין פארשטיין.

און אינטערעסאנט איז אויך דאס: וויס האט ניט געפילט, אז אט די אויבן־ציטירטע ווערטער זיינען א סתירה צו דעם אופן, ווי ער האט פארמולירט די אנשויאונג פון דער תורה וועגן דעם ענין פון שכר ועונש, אז לויט דעם, ווי ער האט אט די שכר ועונש אידייע פארמולירט, איז אט די פארענטפערונג, וואס ער גיט אין נאמען פון יחזקאל גאר קיין פארענטפערונג ניט, אז זאגן, אז

יחזקאל האָט אזוי ארום געזוכט צו פאַרענטפערן די סתירה, וואָס צווישן זיין פרינציפּ און דעם פּרנציפּ פון דער תורה, הייסט ווידער אויף דעם זעלבן אָרט שטיין בלייבן, הייסט זאָגן ווידער אמאָל, אז יחזקאל האָט פּראָקלאַמירט א פּרינציפּ, וואָס איז אין אבסאָלוטן קעגנזאַץ צום פּרינציפּ פון דער תורה וועגן זעלבן ענין.

סיי ווי אָבער, וואָס אמבאלאַנגט דעם עצם ענין, וואָס יחזקאל האָט באַדאַרפט געפינען א סתירה צו זיין פּרינציפּ אין דער תורה, און איר פאָרמולא פון „פוקד עוון אבות על בנים", קען מען זיך פאָרשטעלן זיין געדאַנקענגאַנג, ווי איך האָב שוין פריער אייניקע מאָל דערקלערט.*)

---

*) געבנדיק איצט אין בוך פאָרם מיינע עסייען איבער „די וויכטיקסטע פיגורן און מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע", וועלכע זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין א משך פון א פּאָר יאָר, אין „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק, האָבן מיר אויסגעלאָזט א גאַנץ קאַפּיטל, דאָס קאפיטל ז', וואָס טראָגט דאָרטן — אין „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק — דעם נאָמען „די פאַרשיידענע אויסטייטשונגען פון די חז"ל און די מפרשים בנוגע דעם „פוקד עוון אבות על בנים".

דער הויפּט מאָטיוו, וואָס האָט מיך באַוועגט צו שרייבן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, איז געווען צו ענטפערן אויף א בריוו, וואָס דער פאַרשטאָרבענער באַרימטער רב, הרב חיים לאַבאָוויץ, האָט געלאָזט דרוקן אין „מאָרגען זשורנאַל" אין צוזאַמענהאַנג מיט די אָפּהאַנדלונגען מיינע וועגן דעם „פוקד עוון אבות פּראָבלעם", וועלכע זיינען מיט א יאָר 17 צוריק אין יענער צייטונג געדרוקט געוואָרן.

און געדענקט האָב איך, בעת איך בין צוגעטראָטן צו ענטפערן אויף דעם דאָזיקן בריוו, אַז עס וועט מיר מיט א פּאָר קורצע באַמערקונגען זיך איינגעבן דעם גאַנצן ענין צו ערליידיקן. אויסגעלאָזט האָט זיך אבער אנדערש. די „שקלא וטריאס", וואָס איך האָב באַדאַרפט פירן מיט דעם ווירדיקן רב, זיינען זיך שטארק צעוואַקסן און איך האָב געמוזט פאר זיי פילע זייטן פון „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק אוועקגעבן. אויסער דעם האָט דורך דעם פאַרטיפן זיך אין דעם דאָזיקן ענין, דערוואַכט ביי מיר א פאַרלאַנג צו דערגעענצן די „שקלא וטריא" מיינע מיט א סיסטעמאַטישער און אויספירלעכער דאַרלעגונג פון די פאַרשיידענע שיטות, וואָס מיר געפינען ביי די חז"ל און די מפרשים בנוגע דעם, ווי מען בעדאַרף פארשטיין און אויסטייטשן די פאָרמולע פון „פוקד עוון אבות על בנים", וואָס די תורה גיט אונז.

דער דאָזיקער טייל איז זיך אויך צעוואַקסן, און צוזאַמען מיט דעם ערשטן טייל, וואָס ענטהאַלט די פּאָלעמיק מיינע מיט הרב לאַבאָוויץ, פאַרנעמען זיי עטלעכע נומערן אין דער „דאָס וואָרט" ביבליאָטעק אונזערער. זיי פאַרנעמען א 182 זייטן. דאָס אויסגעלאָזטע קאַפּיטל שטעלט אזוי ארום פאַר מיט זיך א גאַנצן בוך, א בוך, וואָס לויט דעם גאַנצן כאַראַקטער זיינעם, וואָס אי לויט דעם אינהאַלט זיינעם, אי לויט זיין פאָרם, פּאַסט זיך בשום אופן ניט אריין אין דעם דאָזיקן ווערק אונזערן, ווען עס ווערט געגעבן אין בוך פאָרם.

דער נאָמען און דער פּלאַן און דער געבוי פון אונזער ווערק דערלויבט אונז, אמת, געוויסע ארויסטרעטונגען פון די ראַמען, אין וועלכע מען בעדאַרף זיך געוויינלעך האַלטן, ווען מען שרייבט איבער געשיכטע. אין געוויסע גרעניצן מוזן אויך מיר זיך אָבער האַלטן. און דאָס אריינעמען אַזאַ גאַנצן — כמעט זייטיקן ספר — אין אונזער ווערק, ווען עס ערשיינט אין בוך פאָרם, וואָלט געהייסן אריבער־צוטרעטן די דאָזיקע גרעניצן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן אויסצולאָזן דערוויל דאָס דאָזיקע קאַפּיטל. מיט פילע אנדערע הוספות, וואָס וועלן צוגעגעבן ווערן צו ענדע פון ווערק, נאָכדעם, וואָס עס וועט אין זיינע אלע טיילן ערשיינען, וועט דאַן אויך דאָס דאָזיקע קאַפּיטל צוגעגעבן ווערן.

דער בריוו פון הרב לאבאוויץ וועגן וועלכן מיר האָבן גאָר אין אָנהויב גערעדט, לייענט זיך ווי פאָלגט:

ווערטער רעדאַקטאָר:

איך האָב געלייענט אין אייער חשובע צייטונג א בריוו צום רעדאַקטאָר אונטערן קעפּל: „לא אמר כלום" איבער דער געוויסער פראַגע פון פוקד עון אבות על בנים, וואָס מיינט אז מען שטראָפט די קינדער פאַר די עלטערנס זינד, ווען אוחזין מעשה; אבותיהם בידיהם, לויט דער גמרא. אויף דעם פרעגן א סך: נו, אז אוחזין מעשה אבותיהם איז שוין דען רעכט, דאַכט זיך אז עס איז גאַנץ נאַטירלעך אַז די קינדער זאָלן גיין אין טאַטענס דרכים? דאַרויף ענטפערט דער בריוו־שרייבער, הרב קויפמאַן, אז די אלע מפלפלים בדבר האָבן במחילה א טעות אין פשט פון די ווערטער פוקד עוון אבות על בנים, ווייל דאָס גייט נאָר, זאָגט ער, אויף דעם חטא פון עבודה זרה. אויף דעם פרעגט אייער רעדאַקציע, און מיט רעכט: נו, אַז עבודה זרה איז שוין דען א יושר אז די קינדער זאָלן ליידן פאר דעם פאָטערס זינד? און דער רעדאַקטאָר באַקעפּלט טאַקע דעם בריוו מיט „לא אמר כלום", ווייל ער פאַרענטפערט ווירקלעך גאָר ניט, כאָטש דאָס וואָס ער זאָגט איז אמת לאמתו. עס איז ריכטיק אז דער פוקד עוון אבות באַציט זיך נאָר אויף עבודה זרה, אבער דאָס איז ניט רב קויפמאַנס אנטדעקונג, נאָר דאָס זאָגט דער רמב"ם אין הלכות מלכים, הובא אין מלב"ים, יתרו כ' אין יחזקאל י"ח. און אזוי איז בפרוש מוכח פון מכילתא יתרו: „כיצד? אמר ר' נתן: כגון קוצץ בן קוצץ, בן קוצץ". און קוצץ מיינט —קוצץ בנטיעות, היינו: עבודה זרה.

איצט צום עיקר: פאַרוואָס באַשטראָפט מען דעם קינד פאַר דעם טאַטענס זינד? מיין ענטפער איז, אַז עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, אַז מען באַשטראָפט גאָר ניט. ניט נאָר שטראָפט מען ניט די קינדער, זאָנדערן אויך ניט דעם טאַטן, ווייל קיין גרעסערער אבסורד ווי טויט־שטראָף איז גאָר ניטאָ. ווארום ווען מען שטראָפט מען דאָ, אויב מען טויטעט אים? איז טאַקע אין דער תורה ניטאָ קיין טויט־שטראָף, עס איז דאָ משפט מות אבער ניט קיין עונש מות. עונש איז נאָר דאָ ביי געלט: „ויסרו״ (משפטים כ״א). אויך ביי די מלקות איז דאָ אן אויסדרוק פון שטראָף, (דברים כ״ב), אָבער ניט ביי טויט. ביי טויט שטייט: „ובערת הרעה מקרבך״, דאָס מיינט: אויסראָטן די שלעכטס, דעם שלעכטן אבר דארף מען אויס־שניידן פון אידישן קערפּער. איצט איז שוין פאַרשטענדלעך אז שניידנדיק, שניידט מען מיט אויך די קינדער, ווייל אזוי איז אָפּט די געשיכטע ביי אַן אָפּעראַציע. ווען מען אָפּערירט א קאַנסער, צום ביישפּיל, שניידט מען אויס אויך געזונטע פלייש ארום אים, ווייל די באַצילן זיינען שוין דאָרט פאַרשפּרייט.

עבודה זרה איז א גייסטיקער קענסער, ווייל ווען א איד פאַנגט אָן דינען עבודה זרה שטאַרבט ער דאָך אין גאַנצן אָפּ אלס איד. און אז די באַצילן האָבן זיך פאַרשפּרייט ווייטער זען מיר דאָך שוין פון דעם פאַקט וואָס די קינדער זיינען אוחזין מעשה אבותיהם. אלזא מוז מען שניידן ווייטער. אבער דער מלב״ים זאָגט אז אפילו אזוי איז מען פוקד עוון אבות על בנים, נאָר דאַן ווען דער אלטער לעבט נאָך, ווארום א ניט וואָלט דאָך געדאַרפט שטיין דור שלישי, דור רביעי, אָבער שלשים און רבעים מיינט, אז דער ערשטער לעבט נאָך ווי ביי יוסף, סוף ויחי: שלשים ורבעים יולדו על ברכי יוסף, ווייל אז ניט איז דאָך גאָר ניט מעגלעך קיין דור שני, ווייל יעדערער איז דאָך א דור ראשון, נאָר דאָס מוז מען צולייגן צום מלבי״ם, אז די ארבעט פון דעם ערשטן איז ניט גלייך צום אנדערן, ווייל אויב גלייך איז דאָך ווידער דער צווייטער דור אַן ערשטער. נאָר די גמרא פאַרהיט דאָס דערמיט וואָס זי זאָגט נאָר אוחזין מעשה אבותיהם בידיהם. דאָס מיינט, אז דער ערשטער איז דער איניציאַטאָר און די איבעריקע דורות ציען זיך נאָך זיין השפעה, דעריבער מאַכט מען עס די אָפּעראַציע אויף דעם ערשטן צוזאַמען מיט די קינדער אום אויסצושניידן די פאַרגיפטעטע פליישן. אָבער דאָס אלעס איז ניט בבחינת שטראָף. הגע בעצמך אז בעלי חיים און דוממים פאַרניכטעט מען אויך ביי ע״ז. ביי עיר הנדחת (דברים י״ג) ביי זיי איז דאָך געוויס ניט שייך קיין שטראָף, נאָר מען וואַרצלט עס אויס, אז קיין זכר זאָל דערפון ניט בלייבן.

הרב חיים לאכאָוויץ

ז—ח

דער איסור פון אכילת נבילות און טריפות אין דער תורה און אין יחזקאל

די סתירות, וואָס געפינען זיך אין יחזקאל צו די רייד פון דער תורה בנוגע די דינים און מצוות, וואָס האָבן מיט דעם איסור פון אכילת נבילות וטריפות צו טאָן. — אויגנשיינלעכע סתירות, וואָס געפינען זיך אין דער תורה אליין וועגן דאָזיקן ענין. — רבי אייזיק הירש ווייס שיטה. — „לאוון", וואָס מען בעדאַרף אויספאָלגן, און „לאוון", וואָס מען מעג הערן, ווי דעם פּאַראַ־יאָריקן שניי. — דער ריכטיקער וועג, ווי אזוי איינצושטעלן דעם גאַנצן ענין.

די איבעריקע סתירות וואָס געפינען זיך אין יחזקאל צו די רייד פון דער תורה, זיינען אויף דעם געביט פון דינים און מצוות, און זיי געפינען זיך אַלע כמעט אין דעם טייל, וואו יחזקאל רעכנט אוים די אַלע ספּעציעלע דינים און מצוות, וואָס די כהנים דאַרפן אין זיי נזהר זיין.

אייניקע פון די דאָזיקע סתירות, אויף וועלכע זיי האָבן זיך נאָך אין תלמוד אָפּגעשטעלט, איז די פאָלגנדע:

אין יחזקאל קאַפּיטל מ"ד ווערט צווישן די אַלע אנדערע איסורים, אויף וועלכע יחזקאל איז מזהיר די כהנים, אויך דער איסור פון אכילת נבילות וטריפות דערמאָנט.

דאָס אויבנדערמאָנטע קאַפּיטל ענדיקט זיך מיט דעם פאָל־גענדן פּסוק: „כל נבלה וטרפה מן העוף ומן הבהמה לא יאכלו הכהנים". קיין שום נבילה אדער טריפה פון עופות און בהמות זאָלן די כהנים ניט עסן. אין דער תורה אָבער ווערט אַלע אידן פאַרבאָטן צו עסן נבילות וטריפות, ניט נאָר די כהנים אליין.

און רבי אייזיק הירש ווייס האָט גוואַלדיק געגרייזט אין דעם דאָזיקן ענין. זיין מיינונג איז, אז דערפון, וואָס יחזקאל האָט גע־

זאָגט: „כל נבלה וטרפה מן העוף ומן הבהמה לא יאכלו הכהנים", דאַרף מען טאַקי פאַרשטיין, אַז ניט קיין כהנים מעגן יאָ עסן נבילות וטריפות. און וואָס אמבאַלאַנגט דער סתירה, וואָס מען באַדאַרף געפינען אין דעם צו דער תורה, באמת ער זיך אויסצובריען, אַז אויך דער איסור פון דער תורה בנוגע נבילות וטריפות בנוגע צו ניט כהנים באַדאַרף מען ניט אין דער פאָרם פון א ווירקלעכן לאו פאַר־שטיין, נאָר אין דער פאָרם פון א פרומען וואונש. די אלע „לא תאכלום", וואָס ווערן געזאָגט אין דער תורה וועגן נבילות וטריפות אין באַצוג צו ניט כהנים, באַדאַרף מען נעמען ניט אין דער באַדייטונג פון „איר טאָרט ניט עסן", נאָר אויך אין א מער מיל־דערער אפילו באַדייטונג, ווי „איר זאָלט ניט עסן".

דורך זיין בריען אָבער האָט ער גאָר ניט דערגרייכט אויסער דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין א גרויסער נעץ פון אומגעלומפּערטע טעותן, וואָס זיינען פשוט צום שטוינען.

ער קומט צו דער דאָזיקער פאַלשער מיינונג זיינער דורך די פאָלגנדע ראיות: א) אין ויקרא ז' שטייט געשריבן—לויט ווי וויים ציטירט: — „וחלב נבלה וחלב טרפה לא תאכלו", איז דאָך א סימן, היסט עס, אַז דאָס פלייש קען מען יאָ עסן. ב) אין ויקרא י"א שטייט געשריבן — ווידער, ווי וויים ציטירט: — „און דער, וואָס וועט עסן פון איר טויטן קערפּער, פון דעם טויטן קערפּער פון א בהמה, וואָס פאַלט אוועק — זאָל זיין אומריין ביז אוונט". איז פון די דאָזיקע צוויי פסוקים צו זען, אלזא, אַז דאָ איז ניטאָ קיין אבסאָלוטער באַפעל, אַז מען טאָר קיין נבילות וטריפות ניט עסן, נאָר עס קומט נאָר אויס, כמעט, ווי פאַרקערט: די תורה שליסט ניט אויס די מעג־לעכקייט, אַז עמיצער זאָל עסן א נבילה אדער א טריפה: זי זאָגט נאָר אָן, אַז דאָס וועט אים מאכן אומריין.

איז אָבער די מעשה, אַז אין יעדער ציטאַטע האָט ער אויסגעלאָזט א וואָרט אָדער א פּאָר ווערטער, וועלכע ער האָט אפּנים געהאַלטן פאַר ניט וויכטיק: אין אמתן אָבער זיינען זיי זייער און זייער וויכטיק צו באַווייזן דורך זיי די אומגעלומפּערטע פאַלשקייט פון זיין אופן אויסטייטשן די פסוקים.

דער ערשטער פסוק לייענט זיך אזוי: „וחלב נבלה וחלב טריפה יעשה לכל מלאכה, ואכל לא תאכלוהו". און פריער מיט א פסוק שטייט: „כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו" — און יעדן חלב פון אן אָקס, א שאָף און א ציג זאָלט איר ניט עסן. אין דעם פאַל, אלזא, רעדט ניט די תורה נאָר וועגן דעם חלב פון א נבילה און א טריפה באַזונדער גענומען. די תורה גיט אונז ניט דאָ גלאַט אזוי א דין וועגן נבילות וטריפות, אז מען טאָר זייער חלב ניט עסן, וואָס דאַן וואָלט מען געקענט זאָגן, אז ווען זי דערמאָנט נאָר דעם חלב, איז א סימן, אז דאָס פלייש מעג מען יאָ עסן. זי דערמאָנט דאָ וועגן דעם חלב פון נבילה וטריפה, ווייל זי רעדט דא בכלל וועגן ענין חלב. ווייל זי האָט פריער געזאָגט: „כל חלב שור כשב ועז לא תאכלו", גייט זי נאָכדעם איבער אויך צום חלב פון א נבילה וטריפה. און עס וואָלט אלעם רעכט געווען, מען וואָלט כלל ניט געקענט אויס־דרינגען דערפון, אז דאָס פלייש אבער פון א נבילה וטריפה, מעג מען יאָ עסן, אפילו, ווען די תורה וואָלט אונז אין דעם פסוק געקור־מען דערציילן נאָר דאָס, אז דעם חלב פון א נבילה און טריפה טאָר מען אויך ניט עסן. מיר וואָלטן געזאָגט, ווי איך האָב דאָס שוין דערקלערט, אז ווייל זי רעדט וועגן חלב, האָט זי געפונען פאַר נויטיק אויך צו דערמאָנען דעם נבילה וטריפה חלב. זי איז געווען זיכער, אז מען וועט אויף אַט אזא אופן דעם מאָטיוו פון איר דערמאָנען אים פארשטיין, ניט מורא האָבנדיק כלל, אז מען זאָל ארויסדרינגען דערפון א הכשר אויף נבילה וטריפה פלייש, ווייל זי האָט דאך עס שוין מיט א שטרענגען לאו געאסרט.

דער אמת אָבער איז, אז דער דאָזיקער פסוק קומט דאָ כלל ניט צוליב דעם, צו דערציילן אונז, אז מען טאָר ניט עסן דעם חלב פון א נבילה און א טריפה. דער אמת איז, אז דער גאנצער ענין פון נבלה וטריפה חלב ווערט דאָ דערמאָנט ניט צוליב דעם פארבאָט צו עסן אים, נאָר צוליב דעם „חדוש שבדבר", אין באצוג צום חלב פון „שור כשב ועז", צוליב דעם „יעשה לכל מלאכה" זיינעם, וואָס איז פון ווייס אויסגעלאָזט געוואָרן. מער, ווי מען באַדאַרף לייענען דעם דאָזיקן פסוק אין אויבנדערמאָנטן זין, אז ער קומט אונז צו פארבאָטן דאָס עסן פון חלב פון א נבילה אָדער א טריפה, באַדאַרף מען אים אזוי פארטייטשן: (אָבער) יעדער חלב פון א נבלה און

א טריפה קען באנוצט ווערן פאר א מלאכה און נאָר עסן איז מאָרט איר ניט. דער פסוק קומט אין פארבינדונג מיט דעם ערשטן פסוק: „כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו", מיט יענעם חלב טאָר מען אויך ניט כל מלאכה טאָן.*) קומט ער אויסטיילן דעם נבלה וטריפה חלב אלס א באַזונדער קלאַס, מיט וועלכן מען מעג זיך יאָ באנוצן לכל מלאכה. די הויפּט זאך איז דאָ, אלזא, דער „יעשה לכל מלאכה", און דער „ואכל לא תאכלוהו" שטרייכט נאָר דעם „יעשה לכל מאלכה" אונטער. און א פשיטא שוין, אז זי קומט דאָ ניט אויסשעפּן די אַלע דינים, וואָס עקזיסטירן בנוגע צו נבילות וטריפות, וואָס דו זאָלסט קענען פרעגן, אמאי האָט זי דעם איסור פון נבלה וטריפה אויס־געלאָזן.

וואָס אמבאַלאַנגט דער צווייטער ראיה פון דעם פסוק: „און דער, וואָס וועט עסן פון איר טויטן קערפּער (פון א נבילה) זאָל זיין אומריין ביז אוונט" — זיינען דא אויך אויסגעלאָזט אייניקע וויכ־טיקע ווערטער: „ער זאָל צעוואַשן זיינע קליידער". דער פסוק לייענט זיך אין דער תורה, ווי פאָלגט: „און דער, וואָס וועט עסן פון איר נבילה (פון דער נבילה פון א בהמה, וואָס פאַלט אוועק). זאָל צעוואשן זיינע קליידער און זאָל זיין אומריין ביז אוונט". און נאָך דעם מאמר קומט דער פאָלגנדער: „און דער, וואָס וועט טראָגן איר נבילה, זאָל וואשן זיינע קליידער און זאָל זיין אומריין ביז אָוונט". און פאר אים קומט פאָלגנדער פסוק: „און אז עס וועט אוועקפאלן פון דער בהמה, וואָס איר מעגט עסן — איז דער, וואָס רירט זיך אָן אין איר נבלה, זאָל זיין אומריין ביז אוונט".

עס איז קלאָר, אלזאָ, אז עס איז דערפון כלל ניט געדרונגען, אז די תורה איז מתיר אָדער פארבאָט ניט צו עסן א נבילה. עס איז דערפון נאָר געדרונגען, אז טראָגט דעם, וואָס זי האָט געאסרט צו עסן א נבילה, שליסט זי דאָך ניט אויס די מעגלעכקייט, אז עמיצער זאָל דאָך נכשל ווערן אין דעם איסור בשוגג — ער האָט ניט געוואוסט, למשל, אז דאָס פלייש איז פון א נבלה געווען — אדער במזיד אפילו, און זי קומט אונז דערציילן, ווען זי רעדט פון די עניני טומאה,

---

*) אָט אַזוי בעדאַרף מען דעם „כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו" אויך לויט דעם תרגום יונתן פארשטיין. און זע קאַפּיטל י.

אז אויסער דעם איסור אכילה איז דא ביים ענין פון נבילה אויך דער ענין פון טומאה.

און נאר אזוי וואלט מען דעם דאזיקן פסוק באדארפט פארשטיין, ווען ער וואלט אפילו נאר אליין זיך געפונען, ניט גייענדיק צוזאמען מיט די אנדערע צוויי אויבנדערמאנטע פסוקים. אויך דאן וואלט ניט געקענט זיין דער פשט פון „כל האוכל מנבלתה", און אין פאל, „ווען איינער וועט עסן פון איר נבילה, ווייל מען מעג", נאר: און אין פאל, ווען איינער וועט עסן פון איר נבלה, טראָג דעם, וואס מען טאר ניט. און אפשיטא שווין אז עס קען ניט זיין אנדערש דער פשט צוליב דעם, וואס ער גייט צוזאמען מיט די צוויי ציטירטע פסוקים און צוליב דעם, וואס עס שטייט ביי אים „ויכבס בגדיו". די תורה רעדט ניט דא ווענן נבילות מצד זייער איסור אכילה, נאר מצד דעם ענין פון טומאה. דערציילט זי אונז, אז עס זענען אין דעם ענין פון טומאה צוויי מדרגות פאראן, און זי הויבט אן פון גרינגערן און גייט איבער צום הארבערן. ווען איינער רירט זיך נאר אן אין א נבילה איז ער אומריין ביז אין אוונט. ווען איינער עסט אבער אדער ער טראגט עפים פון איר, דארף ער שוין אויך די קליידער זיינע וואשן.

און אויך אין דריטן פסוק, וואס ער ברענגט אלס ראיה, האט ער דורכגעלאזט די ווערטער „באזרח ובגר", וועלכע זענען זייער וויכטיק צו באווייזן דורך זיי די פאלשקייט פון זיין ארויסטייטשונג.

דער דאזיקער פסוק לעזט זיך, ווי פאלגט: „און יעדער פערזאן, וואס וועט עסן נבילה און טריפה, פון די אלטגעזעסענע און פון די פרעמדע, זאל ער צוואשן זיינע קליידער און זאל זיך וואשן אין וואסער און ער וועט בלייבן אומריין ביז אין אוונט און נאכדעם וועט ער ווערן ריין.*) און ניט צוליב דעם, נאטירלעך, כדי אויסצושעפן דורך דעם די אלע דינים, וואס קענען געזאגט ווערן בנוגע צו נבילות וטריפות, איז דא אט דער ענין דערמאנט געווארן, נאר טאקי צוליב אט דעם „בגר ובאזרח". פריער רעדט ער ווענן דעם איסור פון אכילת דם, וואס איז אויף א גר חל, דערמאנט ער דא, אז דער ענין פון טמא ווערן פון עסן נבילה פלייש איז אויך ער, ווי

*) ויקרא י"ז.

אכילת דם, אפילו אויף א גר חל, כאָטש דאָס עסן אליין פון א נבילה איז אים ניט פאַרבאָטן.

דער דאָזיקער „וכל נפש אשר תאכל נבילה וטריפה" קומט דאָ, אַלזאָ, ניט אין א וועג, אז מען זאָל קענען אויסדריינגען פון אים, אז ניט קיין כהנים מעגן נבילות וטריפות עסן, נאָר ער קומט דאָ דורכאויס צוליב דעם חידוש שבדבר בנוגע דעם גר, אז אפילו דער גר, וואָס איז מותר באכילת נבילה, ווערט אָבער אויך ער טמא דורך דעם עסן. און זי, די תורה האָט דאָס דאָ אין דעם אָרט געשטעלט, ווייל זי האָט פריער פון איסור אכילת דם גערעדט אין צוזאמענהאנג מיט דעם גר.

און נאָכדעם, וואָס די דאָזיגע ראיות זיינען זיך אין שטויב צע־פאַלן, איז קלאָר, אז ניט מיר קענען און ניט מיר דארפן זאָגן, אז אין יענע צוויי ערטער פון דער תורה, וואו עס ווערט יאָ אויסגע־טייטשט בפירוש, אז מען זאָל ניט עסן קיין נבילה און קיין טריפה, איז דאָס געמיינט געוואָרן נאָר אין דעם זין פון א פאַרלאַנג און א וואונש, נאָר מיר זיינען געצוואונגען זיי נעמען, ווי זיי זיינען, אלס אבסאָלוטע באַפעלן, ווי אַלע אנדערע „לאווען". איבעריגנס איז די גאַנצע המצאה זיינע, איינצוטיילן די „לאווען" אין אזוינע, וואָס מען מוז אויספאָלגן, און אין אזוינע, וואָס מען מעג הערן, ווי דעם פאַ־ראַיאָריקן שניי, סיי ווי סיי אָ פאַלשע, אָפּגעזען דערפון, צי די ראיות זיינע האָבן א האפט, אדער ניט. אפילו, ווען מען זאָל מוזן אויס־טייטשן די פסוקים, פון וועלכע ער ברייננט די ראיות, דווקא ווי ער וויל האָבן, וואָלטן מיר אויך דאַן נאָר געצוואונגען געווען קומען צו דער מסקנה, אז עס עקזיסטירט א סתירה אין דער תורה בנוגע צום דאָזיקן ענין, וואָס מוז מיט א „תיקו" איבערגעלאָזן ווערן, אבער ניט צו דער מסקנה, אז מען מוז צוליב דעם די צוויי לאווען פון דער תורה, וואָס פאַרבאָטן בפירוש דאָס עסן פון נבילות און טריפות אויף אידן אין אן עצה טובה פאַרוואַנדלען. א „לאו" בלייבט א „לאו" אונטער אַלע אומשטענדן. עס קען איינער פון זיי צו א העכערן פונקט פון „מעלין בקודש" שטייגן. עס קען אָבער קיינער ניט פון זיי ביז צו א פונקט פון „מורידין" פאַלן. ווען עס ווערט איין „לאו" באַזונדערס שטרענג אונטערגעשטראָכן, איז נאָר „ללמד על עצמו" קומט דאָס דאָזיקע אונטערשטרייכן. עס קומט אָבער ניט דערויף,

מען זאָל דרינגען דערפון, אז מען דאַרף דעם אנדערן „לאו", וואָס איז נים אזוי אונטערגעשטראָכן, אלס „בטל ומבוטל" באטראכטן.

און וואָס אמבאלאנגט דעם עצם ענין פון פארענטפערן דעם „ורמינהו", וואָס געפינט זיך צו די רייד פון דער תורה, בעדאַרף מען זוכן דעם וועג דערפאר אין דעם, וואָס דער דאָזיקער „ורמינהו" געפינט זיך אין דער תורה אליין טאקי.

אין ויקרא, כ"ב, וואו עס רעדט זיך וועגן די ענינים פון קדושה און טהרה, אין וועלכע די כהנים באדארפן נזהר זיין, געפינט זיך די פאָלגנדע שטעלע: „נבלה וטריפה לא יאכל לטמאה בה" — קיין נבילה און קיין טריפה זאָל ער (דער כהן) נים עסן צו ווערן דורך דעם אומריין.

דורך דעם קריגן מיר די מעגלעכקייט צו קומען צו דער איבערצייגונג, אז דערפון, וואָס יחזקאל האָט געזאָגט: „כל נבילה וטריפה מן העוף און הבהמה לא יאכלו הכהנים", איז נאָך נים קיין סימן, אז עס קומט אוים לויט אים, אז נים קיין כהנים מעגן יאָ עסן נבילות וטריפות, אז דער איסור פון אכילת נבילות וטריפות איז א ספעציעלער כהנים איסור, ווארום אויב ער וואָלט דאָס נים זיין, אויב ער, יחזקאל, וואָלט אים דערמאָנט נים דערפאר, ווייל ער איז א ספעציעלער כהנים איסור, נאָר ווייל ער איז אויך א כהנים איסור, איז דאָך א קשיא פארוואָס האָט ער אויך אנדערע, אלגעמיינע איסורים נים דערמאָנט?

ווארום מען קען די דאָזיקע קשיא פארענטפערן אויף דעם פאָלגנדן אופן. קיין ספעציעלער כהנים איסור, ווי די אלע אנדערע איסורים, וואָס ווערן צוזאמען מיט אים אויסגערעכנט, איז ער טאקי נים, נאָר ווייל עס איז אין אים א „דבר קדושה" פאראן — ביים פארבאָט פון אכילות נבילות וטריפות ווערט אָנגעגעבן אין דער תורה דער טעם פון „עם קדוש תהיו לי" — דעריבער האָט יחזקאל דעם דאָזיקן איסור אויסגעטיילט פון אלע אנדערע אלגעמיינע איסורים, וואָס זיינען חל אויף אלע אידן, ווען ער האָט גערעדט וועגן ספעציעלע כהנים ענינים, וואָס זייער מאָטיוו איז דאָס, וואָס די כהנים באדארפן זיך אויסצייכענען מיט זייער ריינקייט און הייליקייט. אויב ער באַלאנגט נים צו יענער קאטעגאָריע לויט זיין אָנווענדונג, באַלאנגט ער צו זיי לויט זיינע מאָטיוון.

און מען וואָלט געקענט אַזוי אַרום פון דער שיינבאַרער סתירה זיך באַפרייען, אפילו, ווען עס וואָלט זיך ניט אויך אין דער תורה אַליין דער זעלבער „ורמינהו" געפונען. אפילו, ווען מיר וואָלטן ניט האָבן פאַר זיך אָט יענעם אויבנציטירטן פסוק פון דער תורה „נבלה וטרפה לא יאכל לטמאה בה", וואָלטן מיר געקענט אָט יענע דער־קלערונג געבן צו דעם פסוק אין יחזקאל. צוליב אָט יענעם פסוק אָבער אין דער תורה טרעט פאַר אונז די דאָזיקע דערקלערונג ניט נאָר אַלס מעגלעכע אַרויס, נאָר אויך אַלס ריכטיקע, אַלס די איינציקע אין פעלד. ווארום דאָס, וואָס דאָ אין דער תורה, האָבן מיר ניט קיין אורזאַכע, וואָס זאָל אונז צווינגען אדער אפילו מעגלעך מאַכן אויס־צוטייטשן דעם פסוק אַזוי, עס זאָל זיך אין אים אַ סתירה געפינען צו די פילע אנדערע שטעלן פון דער תורה, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן דעם איסור נבילות און טריפות, נאָר, פאַרקערט, טאַקי צוליב אָט יענע שטעלן, ווערט אונז קלאָר, אַז נאָר דערפאַר האָט זי דאָ דער איסור פון נבילות וטריפות דערמאָנט פאַר די כהנים, דער־פאַר, וואָס פונקט, ווי די אַלע אנדערע דיני כהונה, וואָס גייען פאַר אים, באַזירט ער אויך אויף דעם ענין פון טומאה, ווי די תורה אַליין זאָגט עס „לטמאה בה", אָבער ניט דערפאַר, וואָס פונקט, ווי די אַלע דאָרטן אויסגערעכנטע דינים איז ער אויך נאָר אַ ספּעציעלער איסור פאַר די כהנים — אָט דאָס אַלעס צווינגט אונז אויך דעם פסוק פון יחזקאל נאָר אויף דעם דאָזיקן אופן צו דערקלערן.

און אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס רבי אייזיק הירש ווייס האָט גראָדע ניט פאַרזען דעם אויבנגעבראַכטן פסוק פון דער תורה: „נבילה און טריפה זאָל ער — דער, וואָס שטאַמט פון אהרן — ניט עסן צו ווערן דורך דעם אומריין, דורך וועלכן מען קען שוין פונקט דיזעלבע סתירה צו די לאַווען, אין וועלכע די תורה פאַרבאָט עסן די אידן נבילות און טריפות, ניט נאָר אין יחזקאל אַליין געפינען, נאָר אויך טאַקי ביי איר גופא. נאָר אנשטאָט צו זוכן אין דעם פאַקט דעם שליסל גאָר די גאַנצע סתירה צווישן יחזקאל און דער תורה פאַר אויס סתירה צו מאַכן, ווי מיר האָבן דאָס אויבן דערקלערט, דינט ער אים אַלס אַ מיטל נאָך מער דעם ענין צו פאַרפּלאָנטערן, צו באַ־פעסטיקן דורך איר זיין מיינונג, אַז אויך די תורה האָט ניט פאַר־באָטן דאָס עסן פון נבילות וטריפות פאַר ניט כהנים. דער נוסח,

אין וועלכן עס ווערט געשריבן דער לאו פאר די כהנים אין דער תורה, גיט אים די מעגלעכקייט צו גלויבן, אז די צוויי לאוען, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן איסור אכילת נבילות וטריפות אויך פאר ניט כהנים זיינען „כלא חשיבא״. וואס איז? דער לאו ווערט מאָטיווירט מיט די ווערטער „לטמאה בהם״. דערפאר איז ער אן אבסאָלוטער באפעל. יענע לאוען אבער ווערן מאָטיווירט דערמיט, וואס גאָט וויל, אז די אידן זאָלן א הייליק פאָלק זיין, דעריבער באַ־דאַרף מען זיי ניט אלס אן אבסאָלוטן באפעל באטראכטן. דאס איז אָבער מער ניט, ווי א פלפול של הבל. דיביידע מאָטיוון זיינען איינס און דאס זעלבע אדער כמעט איינס און דאס זעלבע. ווארום אלנפאלס קען דער אונטערשייד ניט זיין אזוי גרויס, ער זאָל קענען דאס אנולירן פון א לאו אין זיך אריינגעמען. און עס איז קלאָר, אז ניט דערפאר אָפּערירט די תורה ביי די כהנים מיט דעם מאָטיוו פון „לטמאה בה״ כדי מען זאָל דרינגען דערפון, אז דאָרטן, וואו זי וועט אָנגעבן דעם זעלבן מאָטיוו, נאָר ניט אין נעגאַטיווער, נאָר אין א פּאָזיטיווער פאָרם פון „הייליק זאָלט איר מיר זיין״, איז א סימן, אז דער לאו איז נאָר א פרומער וואונש, נאָר, פשוט, דערפאר, ווייל עס רעדט זיך דאָרטן פריער וועגן טומאה כסדר, און פונקט, ווי עס פּאסט זיך דאָ לויט דעם גאנצן ענין דער מאָטיוו פון ניט טמא ווערן אָנצוגעבן, אזוי פּאסט זיך ביי יענע לאוען דעם מאָטיוו פון קדושה אָנצוגעבן. און איינער באדאַרף זיך גאָר ניט אין קיין טיפן אנאַליז אריינלאָזן דאָרויף, ער זאָל קענען תופס זיין, אז פון דער פּסיכאָלאָ־גישער זייט דאַרף ווירקלעך דער אייגענער און זעלבער מאָטיוו ביי די כהנים אין א נעגאַטיווער פאָרם און ביי די ניט כהנים אין א פּאָזיטיווער פאָרם געגעבן ווערן *).

---

*) אין צוזאַמענהאנג מיט דער דאָזיקער אָפּהאנדלונג מיינער וועגן די באַ־שפּראָכענע אין איר ענינים — וויל איך ברענגען דאָ א בריוו צו רעדאקטאָר, וואָס איז געדרוקט געוואָרן בשעתו אין „מאָרגן זשורנאל״, וואו א גרויסער טייל פון מיינע איצטיקע „פיגורן און מאָמענטן״ האָבן זיך — צוריק מיט א 15 יאָר — אין משך פון א פּאָר יאָר אין זייער „מהדורא ראשונה״ געדרוקט — פון דעם פאַרשטאָרבענעם געלערענטן הרב חיים הערשענזאָהן. מיר האלטן פאר ווערטפול צו דרוקן אים צוליב דעם ספּעציפישן און אינטערעסאנטן כאַראַקטער זיינעם, צוליב

זיין אייגנאַרטיקן היסטאָרישן אינטערעס, צוליב דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל, וואָס ער ענטהאלט בנוגע דער פּערזענליכקייט פון דעם גרויסן רבי אייזיק הירש ווייס.

דער בריוו לייענט זיך ווי פאָלגט:

דערלויבט מיר צו מאַכן א פּאָר באַמערקונגען וועגן דעם אַרטיקל פון ש. צ. זעצער אין זונטיקדיקן „מאָרגן זשורנאַל״ איבער דעם „איסור פון נבילות וטריפות״.

אין אמתן געדעדט האָט דיזער אַרטיקל ניט באַדאַרפט קומען אין „מאָרגן זשורנאַל״. די גאַנצע חקירה איבער די סתירות פון די פסוקים געהערט נאָר ספּעציעלע געלערטע, ניט צו די מאַסן, באַזונדערס צו דעם אַמעריקאַנעם אידישן המון, וואָס דענקט ליידער זייער איבערפּלעכלעך און זיין לאָגיק איז שטאַרק געבונדן אין דעם רצון. פילע וועלן זיך גיכער אָנכאַפּן אין די קשיות, כדי צו רעכטפערטיקן זייערע מעשים, אָבער צו די תירוצים וועלן זיי ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט.

נאָר אָבער איצט, אז דער אַרטיקל איז שוין יאָ געדרוקט, וויל איך איבערגעבן דאָס, וואָס איך האָב מיט רבי אייזיק הירש ווייס אַליין וועגן דעם גערעדט, ווען איך האָב אים באַזוכט אין ווין און ווען נאָך אַלע זיינע אפּיקורסישע אָנשויאונגען, האָב איך געטראָפן זיין פרוי זאַלצנדיק פלייש און שיטן צופיל זאַלץ. איך האָב אויף דעם באַמערקט דעם מאמר פון דער גמרא „יכול תבינהו״ און מענין לענין האָבן מיר פאַרקניפּט א געשפּרעך מכח איסור חלב און דעם איסור נבילה וטריפה. ער האָט דאַן אויסגעלייגט פאַר מיר זיין שיטה וועגן די סתירות פון די פסוקים בנוגע איסור נבלה וטריפה, וועלכע ה׳ זעצער האָט אין זיין אַרטיקל געבראַכט. איך האָב אים באַמערקט, אז די גמרא איז זיך משתדל די אַלע סתירות צו פאַר־ענטפערן. האָט ער מיר געזאָגט, אז די תירוצים זיינען נאָר בדרך דרש. דאַן האָב איך ערווידערט, אז אויב בדרך פשט — איז איבערהויפּט קיין סתירה ניטאָ אין די פסוקים פון דער תורה, ווייל סיי נאָך דעם מאן דאמר „התורה מגלה מגלה נתנה״ און סיי נאָך דעם מאן דאמר התורה „חתומה נתנה״ איז דער פשט „ניתנה להכתב״. איבערגעזאָגט געוואָרן אבער צו די אידן איז זי געוויס אין מגלות מגלות אין משך פון די מסעי בני ישראל(עיין גטין ד״ס ובתוספות ד״ה תורה) און דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די מצוות הכהנים זיינען פריער אָנגעזאָגט געוואָרן צו די כהנים איידער א סך מצוות זיינען געזאָגט געוואָרן צום כלל ישראל. און ווען עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן די כהנים אויף איסור נבילה וטריפה זיינען נאָך די אידן מותר געווען אין איברי בשר נחורה און קדלי דחזירא און דאָס גלייכן, וואָס זיינען שפּעטער געאַסרט געוואָרן אין משך פון די שנות המדבר, ואין מוקדם ומאוחר בתורה.

נאָר אויף דער סתירה פון יחזקאל, וואָס ה׳ זעצער ברייגגט, האָב איך פאַר רבי אייזיק הירש ווייס געזאָגט א תירוץ, וואָס איז אַמבעסטן פאַרשטענדלעך אין אַמעריקע. איך גיב דעם תירוץ איבער לויט נוסח אַמעריקע. ווען מיר זעען, אַז די זאַגענאַנטע רעפאָרמירטע טראָגן אום שבת אָדער זיינען ניט נזהר אין איסור מוקצה א. ד. ג. און מיר ווילן זיך אויף זיי אָנבייזערן, זאָגן מיר: פוי, רעפאָרמירטע באַדאַרפן

ניט זיין קיין מחללי שבת. קען דען עמיצער פון דעם באשליסן, אז אנדערע אידן מעגן יאָ מחלל זיין. ווען דער זעליקער דר. שעכטער האָט איבערגענומען דעם ראַבינער סעמינאר, זיינען דאן פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די צייטונגען די תקנות, איינע פון וועלכע איז געווען, אז די תלמידים מוזן עסן נאָר אין כשרע רעסטאָ־ראַנען. קיין מענטש האָט אָבער פון דעם ניט געקענט שליסן, אז אנדערע אידן מעגן עסן אין טריפה רעסטאָראַנען. מען האָט נאָר פון דעם געקענט שליסן, אז כשרות שטייט ליידער אין אמעריקע בשפל המצב און מען פאַרלאַנגט כאָטש, אַז די צוקונפטיקע ראבייס זאָלן היטן כשרות.

און דאָס איז די כוונה פון יחזקאל: „כל נבלה וטריפה לא יאכלו הכהנים". פריער רעדט ער פון די תועבות פון די כהנים ערלי לב, וואָס געהערן ניט צו די בני צדוק: „בהקריבכם את לחמי חלב ודם ויפרו את בריתי אל כל תועבותיכם וגו'". נאָכדעם זאָגט ער: „והכהנים והלויים בני צדוק אשר שמרו את משמרת מקדשי בתעות בני ישראל מעלי — המה יקרבו על שלחני לשרתני" און ער ענדיקט מיט „כל נבלה וטרפה לא יאכלו הכהנים". עס הייסט, אז די כהנים בני צדוק וועלן ניט זיין קיין טרייפניאקעס, ווי די כהנים ערלי לב. איך האָב נאָך דאַמאָלסט אמעריקע ניט געקענט און מיין משל האָט געלויטעט אביסל אנדערש. און רבי אייזיק הירש וייס, האָט אין גרונד מודה געווען אויף מיין דערקלערונג, אָבער ער האָט באמערקט, אז די ביבל קריטיקער בויען נאָר אויף פאַקטן.

עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אַז אויף די ניט מאמינים וועלן מיינע רייד ניט ווירקן. אָבער פאר אונז שלומי אמוני ישראל זיינען זיי געווען ריכטיק און וויכטיק.

ט

דער כהנים אינסטיטוט ביי יחזקאל

נאָך סתירות צווישן יחזקאל און דער תורה. — לויט דער תורה מעג א כהן הדיוט נעמען אן אלמנה. — לויט יחזקאל מעג ער נאָר אן אלמנה פון א כהן נעמען. — זיין פאַנאַנדערטיילן די כהנים פון זיין צייט אין מער פריווי־לעגירטע און ווייניקער פריווילעגירטע. — דער ראַנג כהן גדול געפינט זיך אין גאַנצן ניט אין יחזקאל. — אין איינציקע פלעצער שיינט ער צו מיינען מיט דעם טערמין „נשיא", מיט וועלכן ער אָפּערירט, דעם כהן גדול. — כהנים און לויים. — לויט יחזקאל קומט אויס, אז א כהן טאָר זיך אויך צו זיין אייגענער פרוי ניט מטמא זיין. — די דיגי אבלות, וואָס מיר לערנען ארויס פון ספר יחזקאל.

א סתירה צווישן דעם ספר יחזקאל און דער תורה איז אויך פאַראַן אין באצוג צו דעם, מיט וועמען א כהן מעג חתונה האָבן. אין דער תורה ווערט דעם כהן גדול פאַרבאָטן צו נעמען אן אלמנה, אָן אונטערשייד, צי איר פאַרשטאָרבענער מאַן איז געווען א כהן אָדער ניט. דאַגעגן אָבער געפינט זיך אין איר ניט קיין פאַרבאָט פאַר ניט קיין כהן גדול אן אלמנה צו נעמען. אין יחזקאל אָבער ווערט אפילו אויך פאַר אזוי א כהן פאַרבאָטן אן אלמנה צו נעמען, אויב איר פאַרשטאָרבענער מאַן איז ניט געווען קיין כהן.

און רבי אייזיק הירש וויים פּרובט זיך צו פאַרענטפערן „געמאַ־טערטערהייד" — ווי ער אליין שרייבט — די דאָזיקע סתירה אויף פאָלגענדן אופן: די תורה האָט ניט אריינגענומען דעם פאַרבאָט פאַר אזוי א כהן צו נעמען אן אלמנה אָט טאַקי צוליב דעם, וואָס די אלמנה פון א כהן מעג ער דאָך יאָ נעמען. ביי סתם א כהן —

זאָגט ער — ווערט דאָס געזעץ אין דער תורה אויסגעדריקט נאָר אין א נעגאַטיווער פאָרם: עס ווערט ניט געזאָגט, ווען ער זאָל יאָ נעמען פאר א ווייב. עס ווערט נאָר אויסגערעכנט, מיט וועמען ער טאָר ניט חתונה האָבן. און היות ניט יעדע אלמנה איז פאר א כהן אויסגעשלאָסן, דאריבער האָט ער צווישן די, מיט וועמען סתם א כהן טאָר ניט חתונה האָבן, קיין אלמנה ניט אריינגערעכנט.

דער דאָזיקער תירוץ איז אָבער אפילו געמאַטערטערהייד קיין תירוץ ניט. ווארום פונקט, ווי די תורה האָט ניט געקענט אויך אן אלמנה אריינרעכענען צווישן די, פאר וועמען א כהן טאָר ניט חתונה האָבן, כדי מען זאָל ניט אויסטייטשן, אז אויך די אלמנה פון א כהן אפילו טאָר ער ניט נעמען, אזוי וואָלט זי אויך ניט באַדאַרפט גאָר אין גאנצן דעם ענין פארשווייגן, כדי מען זאָל ווידער דערפון ניט ארויסטייטשן, אז ער מעג אפילו די אלמנה פון ניט קיין כהן נעמען. זי וואָלט דאריבער אין א קלאָרער פאָרם באַדאַרפט דעם דין דערקלערן פונקט ווי יחזקאל האָט עס געטאָן. ווען זי האָט עס אָבער ניט געטאָן, איז עס א סימן, אז לויט איר, מעג טאַקי א כהן נעמען די אלמנה פון ניט קיין כהן אפילו.

נאָר אויב מען מוז דוקא פארענטפערן די סתירה, קענען מיר זי אויך א פיל איינפאכערן וועג פארענטפערן. מיר קענען זי פאר־ענטפערן אויף פאָלגענדן אופן. אין אמתן מעגן סתם כהנים טאַקי יאָ נעמען, לויט די תורה, די אלמנה פון ניט קיין כהן פאר א פרוי. לויט איר נאָך איז קיין אונטערשייד ניטאָ צי דער פארשטאָרבענער מאַן פון דער אלמנה איז יאָ געווען אדער ניט געווען קיין כהן. אָבער ישראל קדושים הם, האָבן די כהנים נוהג קדושה געווען בעצמם. עס איז זייער טראַדיציע געוואָרן לקדש את עצמם במותר להם און האָבן זיך נוהג געווען ניט נאָר פאר קיין גרושה ניט חתונה צו האָבן, נאָר אויך ניט פאר קיין אלמנה, אויב איר פארשטאָרבענער מאַן איז ניט געווען קיין כהן. אז זיי האָבן עס געקענט טאָן, קען יעדער פארשטיין אליין, אָן דעם, מען זאָל עס דאַרפן דערקלערן. עס איז דאָ ניט שייך דער ענין פון עובר זיין על דברי תורה. די תורה האָט ניט פארבאָטן א כהן צו נעמען די אלמנה פון ניט קיין כהן. זי האָט אָבער אויך ניט געזאָגט, אז עס איז א מצוה, ער זאָל זי יאָ נעמען.

עס איז דאָ אויך דער ענין פון „לא תוסיפו" ניט שייך. עס איז ווירקלעך גאָר א לקדש את עצמם במותר להם ענין, א זאך, וואָס האָט א שייכות מיט דעם ענין פון סייגים און גדרים לתורה צו מאַכן. נאָר דערמיט דערקלערט זיך, פאר וואָס די תורה האָט ניט אריינגערעכנט די אלמנה פון ניט קיין כהן צווישן די, וואָס סתם א כהן טאָר ניט נעמען פאר קיין ווייב, און ביי יחזקאל געפינען מיר יאָ אזא איסור. וועון יחזקאל האָט זיי מזהיר געווען אויף די אלע זאכן, אין וועלכע זיי דארפן זיין נזהר, כדי זיך היילים צו האלטן, האָט ער זיי פארזאָגט אויך אויף דעם, וואָס די טראדיציע האָט אויף זיי זיין אויטאָריטעט ארויפגעצוואונגען.

אויך וואָס אמבאלאנגט זיין פאנאנדערטיילן די כהנים אין מער פריווילעגירטע און ווייניקער פריווילעגירטע איז — אויב ניט קיין בוכשטעבליכע סתירה צו דער תורה — איז זי אלענפאלס ניט אין גאנצן אין איינקלאנג מיט איר. די תורה טיילט נאָר אוים דעם כהן גדול אין זיינע פליכטן און פריווילעגיען, ווייטער זיינען אלע כהנים גלייך צווישן זיך. דאַגעגן געפינען מיר אבער ביי יחזקאל נאָר אינגאנצן ניט דעם טערמין כהן גדול. אנשטאָט דעם דאָזיקן טערמין געפינען מיר ביי אים אין א פּאָר פלעצער דעם טערמין „נשיא". און דער נשיא ביי אים טרעט ארוים אין א סך ווייניקער וויכטיקייט, ווי דער כהן גדול אין דער תורה. נאָר די העכערע אויפזיכט איבער דעם בית המקדש דארף אין זיינע הענט ליגן. ווייטער איז כמעט קיין אונטערשייד ניט פאראן צווישן אים און די איבעריקע כהנים. אין די ענינים פון מטמא זיין זיך צו א מת, ווי אויך בנוגע צו דעם מיט וועמען א כהן מעג חתונה האָבן, מאכט יחזקאל קיין אונטערשייד ניט צווישן א כהן גדול און אזוי כהנים.*) דערפאר אבער טיילט יחזקאל בכלל איין די אלע כהנים אין צוויי באזונדערע קאטעגאָריען. ער האָט באשטימט, אז ניט אלע, וואָס שטאמען פון אהרנען זאָלן האָבן א צוטריט צום מזבח. צום דינסט ביים מזבח האָט ער צוגעלאָזן נאָר אייניקע פון זיי — די כהנים פון

*) נאַטירלעך איז דאָס נאָך אלץ ניט קיין זיכערער סימן, אַז עס האָט ווירקלעך פאַר אים אַזאַ אונטערשייד ניט עקזיסטירט. ווייל ער האָט גערעדט נאָר וועגן די כהנים בכלל, האָט ער ניט דערמאָנט די ספּעציעלע דינים פאר א כהן גדול.

צדוקס פאמיליע. די איבעריקע כהנים, ניט פון צדוקס פאמיליע, האט ער געהייסן באזייטיקן. פאר זיי לאזט ער איבער נאר די פראסטע הויז־ארבעט אין בית המקדש.

„די דאזיקע פאנאנדערטיילונג זיינע, — דערקלערט ריכטיק רבי אייזיק הירש ווייס, — האט אים דיקטירט זיין ריכטונג אין דעם אויסטייטשן די געזעצן פון דער תורה, זיין נייגונג ארייןצודרינגען אין תוך אריין, כדי צו דערגיין וואס אייגנטלעך דאס געזעץ האט באצוועקט. ער האט אין דעם פאל אויסגעפונען, אז די כהונה איז ניט עפעס א פערזענלעכע פריווילעגיע פון יעדן, וואס שטאמט נאר פון אהרנען. דאס, וואס איינער שטאמט פון א משפחה פון כהנים, בארעכטיקט אים צו דער כהונה נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל ער פארמאגט די מאראלישע אייגנשאפטן, מיט וועלכע אהרנס משפחה האט זיך געדארפט אויסצייכענען. פעלט אים אבער די נויטיקע מעלות, דאן פארלירט ער זיין זכות. און אזוי ווי צדוקס משפחה איז געווען די איינציקע, וואס איז שטענדיק געבליבן טריי צו דער תורה, בעת די אנדערע כהנים האבן צייטנווייז אין אלצדינג איינגאנצן פארגעסן, האט יחזקאל נאר די אנגעהעריקע פון צדוקס משפחה אנערקענט פאר פולבארעכטיקטע כהנים, וועמען מען קען אנטרויען די עבודה. די איבעריקע אבער האט ער פון דער עבודה באזייטיקט, איבערלאזנדיק פאר זיי נאר די הויז־ארבעט".*)

און אינטערעסאנט איז אויך דאס, וואס די פארזינדיקטע כהנים האט יחזקאל נימ נאר פון זייערע פריווילעגיעס בארויבט, נאר ער האט זיי אויך בארויבט, כמעט, פון דעם נאמען כהנים. ער האט זיי ניט געוואלט דערלויבן, זיי זאלן זיך גאר אינגאנצן מיט דעם נאמען כהנים רופן. אין אנהויב, ווען ער רעדט וועגן דעם בית המקדש רופט ער אן אי די, אי יענע מיט דעם נאמען „כהנים". ער אונטערשיידעט זיי אין זיין באצייכנונג נאר דורך דעם, וואס די פארזינדיקטע כהנים רופט ער „כהנים שומרי משמרת הבית" און די פריווילעגירטע „כהנים שומרי משמרת המזבח". שפעטער אבער באצייכנט ער שוין די פארזינדיקטע כהנים, וועלכע ער וויל ניט

---

*) אייזיק הירש ווייס, דור דור ודורשיו, ספר ראשון, פרק ה'.

צולאָזן צום מזבח מיט דעם נאָמען לויים. דעם נאָמען כהנים האָט ער שוין דאַן אויסשליסלעך נאָר פאַר די ניט פאַרזינדיקטע כהנים אַליין.

פון ספר יחזקאל דערוויסן מיר זיך אויך, אַז זיי האָבן געהאַט בקבלה אין וואָס פאַר אַ פאָרמען עס בעדאַרף זיך די אבילות נאָך אַ מת אויסדריקן.*)

צולעצט דאַרף נאָך אויך דערמאָנט ווערן, אַז די ערגענצונגען צו דער תורה, ווי אויך אין די אויסטייטשונגען אירע, וואָס מיר געפינען אין יחזקאל, שטימען אַמאָל יאָ — מער יאָ — מיט דעם וואָס די בעלי התלמוד זאָגן וועגן זעלבן ענין, און אַמאָל ניט.

צו די לעצטע רעכנט צו רבי אייזיק הירש ווייס אויך די דינים, וואָס מיר געפינען ביי יחזקאל וועגן מטמא זיין זיך צו אַ מת. ווען די תורה רעכנט אויס די קרובים, צו וועלכע אַ כהן מעג זיך מטמא זיין, ווערט די פרוי פון כהן ניט דערמאָנט. די גמרא האַלט אָבער אַז אַ כהן מעג זיך יאָ מטמא זיין צו זיין פרוי. זי זאָגט, אַז די ווערטער לשארו הקרוב אליו פון די פסוקים: „לנפש לא יטמא בעמיו. כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו לאביו ולבנו ולבתו ולאחיו",**) באַדאַרפן ניט פאַרשטאַנען ווערן אַלס דער כלל פון די ווייטערדיקע פרטים, נאָר ער מוז באַטראַכט ווערן אַלס פרט נוסף צו די אַנדערע אויסגערעכנטע פרטים. זיי גלויבן, אַז אויך דער „לשארו הקרוב אליו" באַצייכנט אַ באַזונדערע מדרגה פון פאַרוואַנדשאַפט און זיי זאָגן, אַז „שארו — זו אשתו". ביי יחזקאל אָבער זעען מיר, אַז ער רעכנט אויס נאָר די זעלבע פרטים, וואָס מיר געפינען אין דער תורה, און דעם „לשארו הקרוב אליו" דערמאָנט ער גאָר אינגאַנצן ניט. דרינגט דערפון ווייס, אַז ער האָט פאַרשטאַנען דעם „לשארו הקרוב אליו" פון דער תורה אַלס דעם כלל, וואָס גייט פאַר דעם

---

*) מיר געפינען אין תלמוד אָפטמאָל, ווי זיי זאָגן: דבר זה מתורת משה לא למדנו: מדברי יחזקאל בן בוזי למדנו". אָט דאָס־אָ האָבן מיר פון תורת משה ניט ארויסגעלערנט: פון די רייד פון יחזקאל בן בוזי האָבן מיר דאָס געלערנט. באַזונדערס האָבן זיי פיל געלערנט פון יחזקאל בנוגע דעם, אין וואָס דער ענין פון אבילות בעדאַרף באַשטיין.

**) ויקרא, כ"א.

פרט, אָבער ניט אלס באזונדער פרט, וואָס אויך ער באצייכנט א געוויסע מדרגה פון קרובהשאפט. דעריבער האָט ער ניט אריינגערעכנט די פארשטאָרבענע פרוי פון כהן צווישן די קרובים, צו וועלכע ער מעג זיך מטמא זיין.

ברוחק אָבער וואָלט מען געקענט אָפּווישן די סתירה, וואָס מיר געפינען אין יחזקאל דורך דעם, וואָס מיר זאָלן זאָגן, אז דאָס, וואָס ביי יחזקאל איז ניט אריינגערעכנט געוואָרן די פארשטאָרבענע פרוי פון א כהן צווישן די אלע איבעריקע קרובים, צו וועלכע ער מעג זיך מטמא זיין, איז ניט מער, ווי א נאָר אן אומאבזיכטלעכע השמטה. די פסיכאָלאָגישע מעגלעכקייט פאר אזא השמטה דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די קרובהשאפט פון א פרוי, איז פון איין באזונדער קאטעגאָריע, דאן, ווען אלע אנדערע קרובהשאפטן, די אלע פרטים וואָס ווערן אין יחזקאל און אין דער תורה אויסגערעכנט: א מוטער, א פאָטער, א זון, א טאָכטער, א ברודער, א מיידעל־שוועסטער — באלאנגען אלע צוזאמען ווידער צו אן אנדער קאטעגאָריע. די קרובהשפט פון די לעצטע קומט אויטאָמאטיש, פון זיך אליין, אָן דער פארמיטלונג פון א ספּעציעלן געמיינשאפטלעכן אקט מצד די סוביעקטן פון דער פארוואנדשאפט, און ווערט שוין אויך קיינמאָל ניט בטל. די צווייטע קרובהשאפט אָבער קומט ניט פון זיך אליין און קען אויך ניט בטל ווערן. זי קומט בידי אדם און קען אויך בטל ווערן בידי אדם. די ערשטע איז א נאטירלעכע. איינער — אלנפאלס — פון די צדדים ווערט געבוירן מיט איר. די צווייטע אָבער איז א דערוואָרבענע. מען ווערט מיט איר ניט געבוירן. דעריבער האָט יחזקאל געקענט דורכלאָזן די פרוי פון א כהן, ווען ער האָט אויסגערעכנט די אלע אנדערע קרובהשאפטן, וואָס זיינען פאראייניקט אין איין קאטעגאָריע.

אזוי צי אזוי. אָט די אלע ענינים פון ספר יחזקאל, אויף וועלכע מיר האָבן זיך ביז איצט אָפּגעשטעלט, באשטעטיקן ביז צו דער העכסטער מאָס דאָס, וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, אז אין ספר יחזקאל געפינען מיר א פולשטענדיקע באשטעטיקונג דאָרויף, אז די תורה שבעל פה אין דער פאָרם, אין וועלכער זי אנטפּלעקט זיך פאר אונז אין תלמוד, האָט זיך גלייכצייטיק, כמעט מיט דער תורה

שבכתב אָנגעהויבן צו פאָרמירן. שוין אין ספר יחזקאל געפינען מיר די אַלע הויפּט פאַזן פון דער שפּעטערער שוין פאָלקאָם פאָרמירטער און אנטוויקלטער תורה שבעל פה. מיר זעען, אז שוין אזוי פרי, ווי אין די צייטן פון יחזקאל, האָבן די אידן געהאט פארשיידענע קבלות, וואָס האָבן זיך אין דער תורה ניט געפונען.

אויסער דער גרויסער ווערט פון ספר יחזקאל אָן און פאַר זיך, איז דעריבער אויך אומשעצבאַר די ווערט זיינע דורך דער באַלייכטונג, וואָס ער גיט אונז בנוגע דער אנטוויקלונג פון דער רעליגיעזער קולטור פון אידישן פאָלק.

ו

דערגענצונגען צו די פריערדיקע קאַפּיטלען

די אויבנאויפיקע סתירה צווישן תרגום יונתן און די חז״ל. — דער איסור חלב, ווי ער זעט אויס אויבנאויף לויט דעם אבן עזרא. — דער רמב״ן גרייפט אים אָן. — די מחלוקת צווישן רבי אבהו און חזקיה בנוגע דעם, צי די „לא תאכלוס״ אין דער תורה ענטהאלטן אויך אן איסור הנאה אין זיך, אדער נאָר אן איסור אכילה. — דער איסור חלב לויט די חז״ל.

לויט, ווי עס ווייזט אוים פון דעם המשך פון די פסוקים דאָרטן*) איז אויף דעם חלב פון א שור וכשב ועז, וואָס זיינען ניט קיין נבילות וטריפות, ניט חל דער היתר פון עשיית מלאכה.

דער טעם דערפון קען זיין דערפאַר, וואָס מען באַדאַרף אָננעמען, אז מיט דעם חלב פון שור וכשב ועז, וועגן וועלכן די תורה רעדט דאָ, מיינט זי, ווי דער אבן עזרא וויל האָבן, ווי ס'קען אויבנאויף אויסזען**) — אז נאָר דעם חלב פון דעם שור אָדער דעם כשב אָדער דעם עז, וואָס ווערן פאַר א קרבן געבראַכט, טאָר מען ניט עסן. צוליב דעם זעלבן טעם דעריבער, וואָס מען קען ניט עסן דעם דאָזיקן חלב — ווייל מען דאַרף דאָך דעם חלב לגבוה אוועקגעבן — צוליב דעם זעלבן טעם טאָר מען אים אויך ניט נוצן פאַר קיין מלאכה.

---

*) די דאָזיקע שקלא וטריא קומט אין צוזאַמענהאנג מיט דעם, וואָס איך האָב אין אַכטן קאַפּיטל געזאָגט, אז דער „וחלב נבילה וטריפה״ ענטהאלט אין זיך א שלילה בנוגע דעם חלב פון פסוק „כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו.״

**) איך שרייב, „ווי עס קען אויבנאויף אויסזען״, ווייל אין אמתן האלט ניט דער אבן עזרא אזוי, כאָטש דער רמב״ן איז אים אין דעם יאָ חושד און ער גרייפט אים אָן דערפאַר. ער שרייבט — ויקרא ג׳, ו׳ — „ועוד אזכיר טעות גדול שטעה רבי אברהם בטענותיו עמהם — מיט די צדוקים — הרע לומר מהם״. און אין די מלואים און הוספות צום סוף פון ווערק וועל איך זיך אָפּשטעלן צו באהאנדלען דעם דאָזיקן ענין.

און אויב מיר זאָלן זאָגן, אז לויט דער תורה איז אויך דער חלב פון בהמת חולין אסור — וועט זיין דער טעם — אויב מיר זאָלן אָננעמען צוזאמען דערמיט, אז לויט דער תורה דאַרף מען דענקען, איז דער חלב פון א בהמת חולין ניט נאָר אסור באכילה, נאָר אויך לעשיית מלאכה — דאָס, וואָס היות ער איז דאָך פון א בהמה כשרה, וואָס אַלע אַנדערע טיילן מעג מען עסן, קען מען נאָך געשטרויכלט ווערן אין עסן אויך דעם חלב. אויב מען וועט מעגן זיך באַנוצן מיט אים פאַר א מלאכה; אדער, אפשר, ווייל דער חלב איז אזא, וואָס ער איז ראוי לגבוה אוועקגעגעבן צו ווערן — טאָר מען דעריבער זיך מיט אים אויך פאַר קיין מלאכה ניט באַנוצן. וואָרום דער עיקר טעם פון איסור חלב איז דאָס, וואָס פון א קרבן שלמים דאַרף מען דעם חלב פאַר גאָט מקריב זיין.

און דער תרגום יונתן בן עוזיאל האלט אויך, אז דער יעשה לכל מלאכה מיינט דאָ נאָר דעם חלב פון א נבילה וטריפה דוקא. דאָס מיינט אָבער ניט, אז מען מוז זאָגן, אז אויך ער האלט, אז דער חלב פון בהמות חולין איז ניט נאָר אסור באכילה, נאָר אויך לעשיית מלאכה. נאָך דער איבערזעצונג זיינער פון יעשה לכל מלאכה — גיט ער צו: „דער חלב אבער פון שור וכשב ועז" — פון דעם שור כשב ועז, וואָס די תורה דערמאָנט פריער — „מוז פאַרברענט ווערן אויפן מזבח". פון דערפון איז צו זען, אז דאָס, וואָס ער שטרייכט אונטער, אז דער „יעשה לכל מלאכה" באַציט זיך נאָר אויף דעם חלב פון א נבילה אָדער א טריפה, איז נאָר דערפאַר, וואָס אויך ער האלט, אז פריער אין דעם פסוק „כל חלב שור וכשב ועז" ווערט גערעדט וועגן אזא שור אָדער כשב ועז, וואָס ווערן געבראַכט פאַר זבחי שלמים.

קומען ווידער צום באשלוס, אז אויב אזוי מוזן מיר זאָגן, אז לויט אים נאָך איז דער חלב פון בהמות חולין ניט נאָר לעשיית מלאכה מותר, נאָר מען מעג אים אויך עסן, אז אויך ער האלט, ווי דער אבן עזרא — לויט ווי עס קען זיך אויסהרוכטן אויבנאויף — האלט, אז די תורה איז מתיר דעם חלב פון בהמות חולין אויך אויף צו עסן — באַדאַרף מען אויך ניט. עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן, אז צווישן אים און די חז"ל זאָל אזא גוואַלדיקע גרויסע סתירה קענען זיין.

מען קען אָננעמען, אז מיט דעם, וואָס ער זאָגט, אז דער חלב פון די בהמות טהורות באַדאַרף אויף דעם מזבח פאַרברענט ווערן,

האָט ער גאָר געוואָלט זאָגן, אַז טראָץ דעם, וואָס פּאַקטיש איז יעדער חלב — אפילו פון בהמות חולין — אסור באכילה — און ווייל אַזוי מוז — ווי אויך צוליב דעם, וואָס דער כל קען דאָך ניט אַנדערש, ווי נאָר אויך אָט אַזאַ חלב איינשליסן — דער דאָזיקער „כל חלב שור וכשב ועז" אומדירעקט — אויף וויפיל ער שטעלט מיט זיך דאָך א לאו בנוגע חלב פּאַר, אפילו, ווען ניט אין קיין דירעקטן וועג — אויך אָט יענעם חלב מיינען, צווינגט אָבער אַרויף אויף אונז דעם צוזאַמענהאַנג, אין וועלכן ער קומט אין דער פרשה, אין וועלכער ער געפינט זיך, די באַהויפּטונג, אַז זיין דירעקטער מיין איז דאָך נאָר דער חלב פון קדשים. אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער אויסטייטשונג קען מען אָנעמען, אַז ער האַלט, אַז דער צוועק פון דעם דאָזיקן „כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו" איז ניט אַן איסור אויף חלב צו פּראָקלאַמירן, אַז ער איז ניט קיין לאו, וואָס באַציט זיך בכלל אויף דעם ענין פון חלב, נאָר ער איז ניט מער ווי א דערגאַנצונג צום פריערדיקן ענין: אַזוי ווי זי — די תורה — האָט פריער גערעדט וועגן דעם, אַז דער חלב פון די שלמים קרבנות באַדאַרף מען מקריב זיין צו גאָט — פּאַרענדיקט זי: „כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו" — עסן אָבער טאָרט איר אים ניט, צו וועלכן עס באַדאַרף אין געדאַנק צוגעגעבן ווערן: „וואָרום איר באַדאַרפט אים, ווי עס איז פריער געזאָגט געוואָרן, נאָר צו גאָט מקריב זיין".

מיט דעם אויבנדערמאָנטן צוגאָב זיינעם מיינט דער תרגום יונתן אַזוואָרום ניט צו באַהויפּטן, אַז די תורה איז מתיר דעם חלב פון בהמות חולין אפילו צו עסן, נאָר אויף אַן אַנדער וועג צו פאַרענטפערן דאָס, וואָס עס שטייט ניט „יעשה לכל מלאכה" ביים „כל חלב שור וכשב ועז" — אויף א וועג, וואָס זאָל אויסשליסן די מעגלעכקייט צו מאַכן די באַהויפּטונג, אַז חלב פון בהמות חולין איז אפילו לעשיית מלאכה אסור. ער מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז טראָץ דעם, וואָס יעדן חלב אפילו פון בהמות חולין טאָר מען ניט עסן, פון דער צווייטער זייט ווידער מעג מען מיט אים טאָן א מלאכה, שטייט דאָך ניט ביי דעם „כל חלב שור וכשב ועז" יעשה לכל מלאכה, ווייל דאָ רעדט זיך פּאַרט וועגן חלב פון קדשים, כאָטש,

אמת, כלל ניט מיט דעם צוועק אויף אויסצושליסן דעם חלב פון בהמות חולין פון איסור אכילה.

און אין אמתן איז אָט דער וועג פון צו פארשטיין דעם ענין פון דער תורה, וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ, טאַקע דער ריכטיקסטער. מען בעדארף ווירקלעך ניט זיין געצוואונגען אָנצונעמען, אז די כוונה פון דער תורה איז אויסשליסלעך דאָ דעם ענין פון איסורי חלב צוגעבן און זי מיינט צו זאָגן, אז נאָר דער חלב פון שלמים איז אסור, אָבער דער חלב פון בהמות חולין איז מותר. ווען דאָס זאָל זיין אזוי, וואָלט זי אונז דאָן באַדאַרפט בפירוש אָט דעם היתר אויף דעם חלב פון בהמות חולין געבן. ער קען ניט ארויסגעלערנט ווערן דערפון, וואָס לויט דעם המשך באציט זיך דער חלב שור וכשב ועז אויף דעם חלב פון קדשים. וואָרום פונקט, ווי דער יעשה לכל מלאכה, וואָס שטייט ביי דעם חלב פון נבילה וטריפה, שליסט אוים דעם חלב פון וועלכן עס האָט זיך פריער גערעדט, אָט אזוי מוז איינשליסן אינדירעקט דער פריערדיקער כל חלב שור וכשב ועז יעדן חלב — צוליב דעם כל, וואָס געפינט זיך אין אים — אפילו, אז ער ווערט גענומען אין צוזאַמענהאנג מיט די זבחי שלמים, וועגן וועלכע עס רעדט זיך פריער, כל זמן עס ווערט אונז ניט געזאָגט בפירוש, אז אן אנדער חלב איז מותר. דער דאָזיקער כל חלב וואָלט געקענט אויסשליסן אָט דעם לעצטן חלב — איך מיין — דעם חלב פון ניט זבחי שלמים — נאָר דאַן, ווען עס וואָלטן צום סוף פון פסוק צוגעגעבן געוואָרן די ווערטער מזבחי השלמים. דער דאָזיקער מזבחי השלמים וואָלט דאַן די אבסאָלוטע באדייטונג פון כל אנו־לירט. עס איז קיין אנדער וועג ניטאָ נאָר אָנצונעמען, אז טראָץ דעם, וואָס לויט דעם המשך באדארף ער — דער כל חלב שור וכשב ועז — גענומען ווערן אין צוזאַמענהאנג מיטן פריערדיקן ענין, דאַרף דאָס אָבער דאָך ניט געטאָן ווערן אויף א וועג, אז עס זאָל הייסן, אז די תורה איז מתיר דעם חלב פון בהמות חולין, נאָר אויף אָט יענעם וועג, וועגן וועלכן איך האָב פריער גערעדט. מיר מוזן אויף דעם וועג גיין הויפטזעכלעך אויך צוליב דעם, וואָס דער דאָזיקער לאו געפינט זיך נאָך אין אנדערע ערטער אָן קיינע קוואַליפיקאַציעס.

און פונקט ווי לחומרא, פונקט ווי בנוגע דעם פונקט פון מתיר

זיין דעם חלב פון בהמות חולין, זאָגן מיר, אז ווייל עס געפינט זיך ניט קיין בפירושער היתר אויף אים, קען מען אָט דעם היתר ניט אַרויסדרינגען דערפון, וואָס לויט דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם „כל חלב שור וכשב ועז" רעדט זיך אין אים וועגן זבחי שלמים, אָט אַזוי זאָגן מיר אויך, ווען עס האַנדלט זיך לקולא, אָט אַזוי זאָגן מיר אויך, ווען עס האַנדלט זיך בנוגע דעם ענין פון עשיית מלאכה מיט דעם חלב פון בהמות חולין, אז ווייל עס געפינט זיך ניט קיין בפירושער איסור בנוגע דעם, קען מען אָט אַזאַ איסור ניט אַרויס־דרינגען נאָר דערפון, וואָס לויט דעם המשך פון די פסוקים באַציט זיך דער היתר אויף עשיית מלאכה מיט חלב נאָר אויף דעם חלב פון א נבילה וטריפה. אין דעם פאַל איז פונקט פאַרקערט, ווי אין דעם ערשטן. דאָרטן קען מען קיין היתר ניט אַרויסדרינגען און דאָ קען מען קיין איסור ניט אַרויסדרינגען. דאָרטן וואָלט מען באַדאַרפט א בפירושן היתר דערויף, און דאָ וואָלט מען בעדאַרפט דערויף א בפירושן איסור.

וואָרום אויב דער כל פון דעם פסוק כל חלב שור וכשב ועז איז בכח איינצושליסן דעם חלב פון בהמות חולין, לאיסור אכילה, איז אָבער די טהאָט זיך, וואָס דער יעשה לכל מלאכה קומט אין פסוק אין פאַרבינדונג מיט דעם חלב פון א נבילה וטריפה, ניט בכח דעם חלב פון בהמות חולין פונם היתר לעשיית מלאכה אויסצושליסן. דער מכלל „הן אתה שומע לאו", וואָס מען קען פון דעם דאָזיקן פסוק אַרויסדרינגען, קען זיך באַציען נאָר אויף דעם חלב, וועגן וועלכן עס ווערט פריער גערעדט, דעם חלב פון זבחי שלמים, אָבער ניט אויף דעם חלב פון בהמות חולין, אין פאַרבינדונג פון וועלכן ער קומט גאָר ניט.

און מען קען ניט זאָגן, אז מיר מוזן אָנעמען, אז לויט דער תורה מוז דאָך דער חלב פון בהמות חולין אסור לעשיית מלאכה זיין. וואָרום אויב דירעקט שליסט דער „יעשה לכל מלאכה" נאָר דעם חלב, וועגן וועלכן עס רעדט זיך פריער, אויס, דעם חלב פון זבחי שלמים, אויב דירעקט ענטהאַלט ער ניט קיין „לאו מכלל הן" בנוגע אַנדער חלב, מוז ער אָבער אינדירעקט אָט אַזאַ לאו מכלל הן יאָ ענטהאַלטן, מוז ער אָבער אויך דעם חלב פון בהמות חולין אומדי־

רעקט אויסשליסן דערפאַר, וואָס ער איז דאָך פאַרט מיט דעם חלב נבילה וטריפה פארבונדן.

דאָס זאָגן קען מען ניט. מיר מוזן זאָגן, אז אויף וויפיל ער ענטהאלט יאָ אָט אזא לאו מכלל הן אין זיך — איז דער דאָזיקער לאו אויסשליסלעך נאָר אין באצוג צו דעם חלב, וועגן וועלכן עס רעדט זיך פריער, אז אויף וויפיל עס האנדלט זיך וועגן אן אנדער חלב באציט זיך ניט דער דאָזיקער „יעשה לכל מלאכה" אויף דעם חלב נבילה וטריפה אין אזין, אז ער זאָל אויסגעשלאָסן ווערן פון דעם. די תורה קומט נאָר דערציילן מיט דעם „יעשה לכל מלאכה", אז מען מעג א מלאכה טאָן מיט דעם חלב, וועגן וועלכן זי רעדט דאָ. זי קען אבער ניט מיינען צו זאָגן, אז מען מעג מיט אים א מלאכה טאָן נאָר ווייל ער איז פון א נבילה וטריפה.

און פונקט, ווי מען קען ניט ארויסלערנען אן איסור אויף דעם חלב פון בהמות חולין דערפון, וואָס דער „יעשה לכל מלאכה" בנוגע חלב איז פארבונדן מיט דעם חלב פון נבילה וטריפה, אָט אזוי קען מען אויך ניט ארויסלערנען דעם דאָזיגן איסור דערפון, וואָס עס געפינט זיך דאָך ניט אין דער תורה א בפירושער לעשיית מלאכה היתר אויף דעם דאָזיגן חלב. ווארום פונקט ווי דער כל פון פריערדיקן פסוק — פון פסוק „כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו" שליסט איין אלע מינים פון חלב, וואָס קומט פון בהמות, וואָס פון זייער מין ברענגט מען קרבנות צו גאָט, אָט אזוי שליסט אוים דער „לא תאכלו" פון דעם דאָזיקן פסוק, וואָס באציט זיך אויף אָט יענע אלע מינים פון חלב, דעם פארבאָט פון עשיית מלאכה בנוגע זיי. ווארום דער „לא תאכלו" קען בשום אופן ניט מיינען מער, ווי נאָר ניט עסן. ווארום ער מוז דורכאוים מיינען, אז נאָר עסן חלב איז לויט דער תורה פארבאָטן. ער מוז דורכאוים מיינען, אז עשיית מלאכה מיט אים איז ניט פארבאָטן. דערויף, אז אָט דער אופן פון פארשטיין דעם „לא תאכלו" זאָל קענען פארוואָרפן ווערן, וואָלט נויטיק געווען, אז מיר זאָלן געצוואונגען זיין צו זאָגן, אז ער קען בשום אופן ניט מיינען, אז נאָר עסן טאָר מען ניט דעם חלב, ווען מיר זאָלן געצוואונגען זיין צו זאָגן, אז דער „לא תאכלו" שטייט דאָ נאָר דערפאַר, וואָס דאָ וויל די תורה נאָר וועגן עסן רעדן, אבער

ניט דערפאר, וואס נאר עסן טאר מען אים ניט — וואס דאס מיינט: מען וואלט דאס געקענט טאן נאר אין דעם פאל, ווען צוזאמען מיט דעם איסור אכילה, וואס געפינט זיך אין דער תורה בנוגע חלב, וואלטן מיר אין איר אין אן אנדער ארט אויך אן איסור לעשיית מלאכה אויף אים געפונען.

ווען לויט דער תורה וואלט דער חלב פון בהמות חולין זיין אסור לעשיית מלאכה, וואלט זי אונז ווירקלעך געמוזט געווען א בפירושן איסור דערויף געבן. זי האט זיך ניט געקענט פארלאזן, אז מיר וועלן ארויסדרינגען דעם דאזיקן איסור דערפון, וואס זי האט אונז ניט דערויף קיין בפירושן היתור געגעבן, ווייל זי האט באדארפט מורא האבן, אז מיר וועלן אננעמען, אז זי האט אייגנטלעך יא אונז אט אזא בפירושן היתור געגעבן. כל זמן עס געפינט זיך ניט קיין בפירושער איסור דערויף, מוז דאך דער „לא האכלו" אינ־דירעקט ווי א בפירושער היתר באטראכט ווערן.

ברענגען ווידער א ראיה דערויף, אז עס וואלט זיך דערויף יא א בפירושער היתר באדארפט געפינען דערפון, וואס די תורה האט געפונען פאר נויטיק אט אזא בפירושן היתר אויף דעם חלב פון א נבילה וטריפה צוגעבן, קען מען אויך ניט. ווארום ווען דער היתר וואלט זיך דא ביים חלב פון נבילה וטריפה ניט געפונען, וואלט מען פון דעם אלעם, וואס עס ווערט אין אנדערע ערטער גערעדט וועגן נבילות וטריפות ניט געקענט ארויסדרינגען, אז מען מעג מיט זייער חלב א מלאכה טאן. פארקערט. מען וואלט געקענט אננעמען, אז מען טאר דאס ניט. ספעציעל איז דאס אמת בנוגע דעם חלב פון א נבילה, וואס איז מטמא במגע ובמשא. גאנץ אנדערש איז דאס אבער אין דעם פאל, ווען דער ערשטער סלקא דעתך איז דא, אז דער חלב פון בהמות חולין איז לויט דער תורה יא מותר לעשיית מלאכה.

אמת מיר האבן נאר פריער דערלאזט די מעגלעכקייט פון ניט געבן איבערוועגענדן געוויכט דעם דאזיקן סלקא דעתך. מיר האבן דאן דערלאזט די מעגלעכקייט, אז דער „לא תאכלו" זאל ניט ענט־האלטן א מכלל לאו אתה שומע הן בנוגע עשיית מלאכה מיט דעם חלב פון בהמות חולין. מיר האבן דאס אבער געטאן אין צוזאמענ־

האנג נאָר מיט דעם, אז מיר זאָלן אָננעמען, אז דער כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו רעדט פון חלב בהמות חולין, וואָס דאן מוז אויסקומען, אז דער חלב פון פריערדיקן פסוק, בנוגע וועלכן דער יעשה לכל מלאכה קען ניט איינשליסן א היתר אויף עשיית מלאכה, איז איצט ניט דער חלב פון זבחי שלמים, נאָר דער חלב פון בהמות חולין. אין דעם פאַל וואָלטן מיר זיך ניט געקענט העלפן. דאָ וואָלט געמוזט ווירקזאם זיין די באהויפטונג, וואָס מיר האָבן געמאכט פריער, אז דער אויסשליסלעכער אינהאלט פון נאָר ניט עסן פון לא תאכלו קען אנולירט ווערן, ווען מיר זיינען געצוואונגען צו זאָגן, אז ער מיינט מער ניט, ווי צו געבן אן איסור אויף עסן, אָבער כלל ניט צוזאמען דערמיט אויך א היתר אויף עשיית מלאכה, ווען מיר זעען בפירוש, אז מען קען ניט זאָגן, אז ער ענטהאלט אַט אזא היתר, מחמת מיר געפינען אין אן אנדער אָרט א בפירושן איסור דערויף. אין דעם פאַל קען מען זיך ניט העלפן. מיר מוזן זאָגן דאן, אז דער לא תאכלו קען ניט ענטהאלטן א היתר אויף עשיית מלאכה, ווייל דער דאָזיקער יעשה לכל מלאכה — וואָס לויט דעם המשך מוז ער אויסשליסן פון דעם דאָזיקן היתר דעם פריערדיקן חלב — וואָס קומט נאָכדעם, ענטהאלט דאָך א בפירושן איסור אויף אים. אנדערש איז דאָס אָבער איצט, ווען מיר זאָגן, אז אין כל חלב שור וכשב ועז רעדט זיך דירעקט נאָר וועגן דעם חלב פון זבחי שלמים. איצט, ווען אויף וויפיל דער יעשה לכל מלאכה מוז מיינען, אז וועגן דעם פריערדיקן חלב קען מען ניט זאָגן יעשה לכל מלאכה — באציט זיך דאָס אויף דעם חלב פון זבחי שלמים, ווייל ער מוז דאָך לגבוה אוועקגעגעבן ווערן, אָבער ניט אויף דעם חלב פון בהמות חולין מחמת דעם, וואָס אויך מיט זייער חלב איז לויט דער תורה אסור לעשות מלאכה, מוז דער „לא תאכלו" פון ערשטן פסוק, אויף וויפיל ער באציט זיך אינדירעקט — אין פאַרבינדונג מיט דעם פריערדיקן כל — אויך אויף דעם חלב פון בהמות חולין, טאָקע נאָר ניט עסן מיינען. ווארום ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, קען ער ניט מיינען, אז ער איז ניט מתיר דעם חלב, וואָס ער פאַרבאָט צום עסן — לעשיית מלאכה, מוז ער מיינען, אז נאָר עסן טאָר מען אים ניט, כל זמן מיר זען ניט, אז די תורה אסרט בפירוש דעם חלב אויך לעשית מלאכה.

ארויסשטעלן ווידער דעם ארגומענט, אז די תורה וואָלט דאָך א בפירושן היתר אויף עשיית מלאכה בנוגע דעם חלב פון בהמת חולין באַדאַרפט געבן, ווארום זי וואָלט געווען באַדאַרפט מורא האָבן, אז מען וועט אויסטייטשן דעם כל חלב שור כשב ועז אויף א וועג ער זאָל יאָ ענטהאַלטן דעם מיין, אז מיט דעם חלב פון בהמות חולין טאָר מען קיין מלאכה ניט טאָן — דעם דאָזיקן ארגומענט קען מען ניט ארויסשטעלן ניט נאָר דערפאַר, וואָס לויט דעם אלעם, וואָס מיר האָבן געזאָגט אין שייכות מיט אונזער נייער שיטה בנוגע דער איינ־שטעלונג פון די פסוקים, ווענן וועלכע מיר האָבן גערעדט די גאַנצע צייט, מוזן מיר זיך האַלטן ביי דער מיינונג, אז דער כל חלב שור וכשב ועז באַציט זיך דירעקט אויף די זבחי שלמים, ווענן וועלכע די תורה האָט פריער גערעדט: דער דאָזיקער ארגומענט האָט קיין האַפט ניט אפילו, ווען מיר זאָלן אָננעמען, אז די תורה האָט געקענט דערלאָזן די מעגלעכקייט מיר זאָלן מאַכן א פאַרזוך איינצוטייטשן דעם כל חלב שור וכשב ועז אויף א וועג, ער זאָל דעם חלב פון בהמות חולין מיינען. די תורה איז זיכער געווען, אז מ׳וועט ניט אזוי איינטייטשן דעם פסוק. ווארום מען וועט זיך זאָגן, אז ווען לויט דער תורה וואָלט באַדאַרפט דער חלב פון בהמות חולין אסור לעשיית מלאכה זיין, ווי עס באַדאַרף אויסקומען, ווען מען טייטשט אָט אויף דעם אופן דעם כל חלב שור וכשב ועז איין, וואָלט זי זיך ניט געוועןבאַדאַרפט פאַרלאָזן, אז מען וועט דעם דאָזיקן איסור ארויסדרינגען דערפון, וואָס מען וועט אזוי דעם כל חלב שור וכשב ועז אויסטייטשן, נאָר וואָלט דערויף א בפירושן איסור באַדאַרפט געבן. ווארום זי וואָלט געווען באַדאַרפט מורא האָבן, אז צוליב דעם לכאורהדיקן מיין פון דעם „לא תאכלו" וועט מען די דאָזיקע אויסטייטשונג פאַרוואַרפן. ווען זי האָט דאָס ניט געטאָן, איז דאָס א סימן, אז זי וויל טאַקע, אז מען זאָל געבן דעם פסוק די מער אמתדיק אויסזעענדע אויס־טייטשונג — די אויסטייטשונג, אז דער כל חלב באַציט זיך אויף די זבחי שלמים — וואָס באַדאַרף שוין במילא פירן צו דער באַ־הויפּטונג, אז דער חלב פון בהמות חולין איז מותר, ווייל מען באַדאַרף שוין דאַן ניט דעם לא תאכלו באַרויבן פון זיין מער אמתדיק אויס־זעענדן אינהאַלט.

און אז מיר האַלטן שוין ביי אַט דעם פּונקט פון ארגומענטירן באַדאַרף שוין אויך צוגעגעבן ווערן, אז אפילו, ווען מיר זאָלן זאָגן, אז דער כל חלב שור וכשב ועז מיינט דירעקט דאָ ניט דעם חלב פון זבחי שלמים, נאָר חלב בכלל, אפילו אין דעם פאַל באַדאַרף מען אין אמתן ניט זיין געצוואונגען אָנצונעמען, אז לויט דער תורה מוז דער חלב פון בהמות חולין אסור לעשיית מלאכה זיין. ווארום פּונקט ווי מיר האָבן גאָר פריער, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם באַוויזן, אז עס קען ניט קיין היתר אויף עסן חלב פון בהמות חולין ארויסגעדרונגען ווערן דערפון, וואָס דער כל חלב שור וכשב ועז ווערט פאַרבונדן לויט דעם המשך מיט די זבחי שלמים, וועגן וועלכע עס ווערט פריער גערעדט, ווייל דער כל מוז אויך דעם חלב פון בהמות חולין איינשליסן, טראָץ דעם, וואָס דירעקט קומט דער גאַנצער פּסוק אין פאַרבינדונג מיט דעם פריערינן חלב פון זבחי שלמים, אַט אַזוי איז אויך איצט, ווען מיר נעמען אָן, אז דער גאַנצער פּסוק רעדט דירעקט בכלל וועגן חלב, מוז טעכניש דער כל אויך דעם חלב פון זבחי שלמים איינשליסן. אויך אין דעם פאַל דעריבער קען זיך דער יעשה לכל מלאכה, אויף וויפיל ער דערלאָזט ניט, מען זאָל אים אויך אויף דעם חלב, וועגן וועלכן עס רעדט זיך פריער אָנ־ווענדן, באַציען נאָר אויף דעם חלב פון זבחי שלמים, וועלכער ווערט אין כל איינגעשלאָסן, אָבער ניט אויף דעם חלב בכלל, וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין פּסוק; אזוי, אז אויך דאָ, קען מען דעם לא תאכלו ניט ארויסנעמען פון דעם אמתן פשט זיינעם, ווי מען וואָלט דאָס באַדאַרפט טאָן, ווען מען זאָל געצוואונגען זיין דאָס צו טאָן. אויך אין דעם פאַל, אלזא באַדאַרף מען אָננעמען, אז ווען לויט דער תורה וואָלט דער חלב פון בהמות חולין אסור לעשיית מלאכה זיין, וואָלט זי אונז געמוזט מחמת די זעלבע ארגומענטן, וואָס מיר האָבן פריער אָנגעגעבן, ווען מיר האָבן אָנגענומען, אז די תורה רעדט וועגן זבחי שלמים אין דעם פּסוק כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו, אַ בפירושן איסור דערויף געבן.

און ווי באַלד אזוי קען מען שוין אויך אננעמען, אז מיט דעם, וואָס דער תרגום יונתן האָט נאָך זיין איבערזעצונג פון דעם יעשה לכל מלאכה צוגעגעבן: ווייל דער חלב פון שור וכשב ועז באַדאַרף

אויף דעם מזבח פאַרברענט ווערן, האָט ער ניט געמיינט צו פאַר־ענטפערן דוקא, פאַר וואָס עס שטייט ניט יעשה לכל מלאכה ביים פריערדיקן חלב, אז מען באַדאַרף ניט פאַרשטיין פון דער דאָזיקער צוזעצונג זיינער, אז ווען דאָ וואָלט זיך גיט האַנדלען וועגן זבחי שלמים, וואָלט מען געמוזט אַרויסדרינגען, אז מחמת דעם, וואָס דער יעשה לכל מלאכה איז פאַרבונדן מיט דעם חלב נבילה וטריפה, מוז מען זאָגן, אז מיט דעם חלב, וועגן וועלכן עס ווערט גערעדט פריער, טאָר מען קיין מלאכה ניט טאָן, נאָר, אז ער מיינט ניט מער ווי נאָר פּשוט זיין מיינונג אונז צו געבן, אז לויט דעם המשך פון די פּסוקים, מוזן מיר זאָגן, אז אין כל חלב שור וכשב ועז רעדט זיך וועגן חלב פון זבחי שלמים.

און איך גלויב, אז די אַלע מסקנות, צו וועלכע איך בין צולעבט געקומען, קענען ניט אָפּגעפרעגט ווערן דורכדעם, וואָס מיר האָבן פריער אָנגעגעבן צוויי מאָטיוון פאַר דער מעגלעכקייט, אז לויט דער תורה זאָל דער חלב פון בהמות חולין אסור לעשיית מלאכה זיין, טראָץ דעם, וואָס פאַר דעם חלב פון נבילה וטריפה האָט זי קיין איסור דערויף געגעבן. עס איז ניט נויטיק צו רעדן אַ סך אויף קלאָר צו מאַכן, אז די דאָזיקע מאָטיוון קענען זיין ווירקזאַם נאָר אויף אַזוי־פיל, אויף וויפיל עס וואָלט געשטאַנען אַ פּראָבלעם פאַר אונז, וואָס וואָלט זיך גענויטיקט אין אַזוינע מאָטיוון. ווען עס איז אָבער פאַר אונז אָט אַזאַ פּראָבלעם ניטאָ, קען דער אינהאַלט זייערער אונז ניט צווינגען, מיר זאָלן מוזן איינטיימשן די פּסוקים אויף אַן אופן, עס זאָל מוזן אָט אַזאַ פּראָבלעם פאַר אונז אויסוואַקסן. זיי זיינען ניט פון אָט אַזאַ כאַראַקטער, וואָס זאָל אוממעגלעך מאַכן דאָס ניט באַנוצן זיך מיט זיי.

אין פאַל מיר זאָלן מוזן איינטיימשן די פּסוקים פון דער תורה, וועגן וועלכע מיר רעדן די גאַנצע צייט, אויף אַ וועג, אז עס מוז אויסקומען, אז די תורה אסרט דעם חלב פון בהמות חולין לעשיית מלאכה, אויף אַ וועג, מיר זאָלן מוזן זאָגן, אז דער לא תאכלו קען ניט דערלאָזן, אז דער חלב פון בהמות חולין זאָל מותר לעשיית מלאכה זיין, וואָלט מען אין זיי אַ גוטע דערקלערונג געהאַט פאַר דעם דאָזיקן איסור. זיי אַליין אָבער קענען ניט צווינגען אונז אָנצונעמען,

אז מיר מוזן איינטייטשן די תורה אויף אַן אופן, זיי זאָלן אַט אזא איסור ענטהאַלטן, אויף אַ וועג, מיר זאָלן מוזן דעם אמתן איינהאַלט פון לא תאכלו ענדערן, נאָר דערפאַר, וואָס מיר וואַלטן פאַר אַט אזא איסור אין יענע מאָטיוון אַ גוטע דערקלערונג געקענט געפינען.

און צולעצט וויל איך נאָך פאָלגנדעס צוגעבן:

די ארגומענטאַציע מיינע אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם תרגום יונתן, וועגן וועלכן איך האָב ביז איצט גערעדט, איז געפירט געוואָרן אין אנקלאַנג מיט דער באַהויפּטונג פון חזקיהו לויט דער גמרא — פסחים, כ״א — אז אומעטום, וואו די תורה גיט אן איסור אכילה — סיידן ווען דער איסור אכילה קומט אין נפעל — איז אין דעם דאָזיקן איסור קיין שום איסור הנאה ניט איינגעשלאָסן.

דאָס מוז אבער דורכאויס ניט הייסן, אז מען מוז אים — דעם תרגום יונתן — נאָר לויט חזקיהן איינשטעלן. דער אמת איז, אז מען קען אים איינשטעלן, ווי געהעריק, אפילו לויט רבי אבהו, וואָס זאָגט, אז איבעראַל, וואו מיר געפינען „לא תאכל״, „לא תאכלו״, „לא יאכל״ אין דער תורה, ווערט דאָרטן אויך אן איסור הנאה איינגעשלאָסן. אפילו ווען מיר זאָלן זאָגן, אז יונתן האַלט — אדער מוז האַלטן, אז דאָס, וואָס שטייט נאָר „לא תאכלו״ אליין ביי חלב איז ניט גענוג דערויף, מען זאָל אין חלב א היתר הנאה אנהענגען, ווארום לא תאכלו מיינט ניט נאָר עסן, נאָר אויך הנאה האָבן — אפילו אין דעם פאַל קען די אָפּוועגדונג פון דער באַהויפּטונג, אז ווען לויט דער תורה וואָלט דער חלב פון בהמות חולין שחוטות כדין אסור בהנאה געווען, וואָלט זי אונז געמוזט געוועז א בפירושן איסור דערויף געבן, דורך דעם ארגומענט, אז, פאַרקערט, די תורה וואָלט אונז א בפירושן היתר בעדארפט געבן, ווען זי וואָלט ווירקלעך האַלטן, אז אויך דער חלב פון בהמות חולין איז בהנאה מותר, קיין האַפט ניט האָבן — טראָץ דעם, וואָס עס פאַלט איצט אין איר אראָפּ דער תירוץ, אז די תורה איז געוועזן זיכער, אז מען וועט אנהענגען די שלילה נאָר אין דער חלב פון זבחי שלמים, אז מען וועט זאָגן, אז ווען די תורה זאָל יעדן חלב באַטראַכטן פאַר אסור בהנאה, וואָלט זי געמוזט געצוואונגען זיין אונז א בפירושן איסור דערויף געבן.

ווארום ביי אלעם דעם, וואס מיר מוזן אננעמען, אז דער תרגום יונתן האלט, אז דער „יעשה לכל מלאכה" ענטהאלט אין זיך א שלילה בנוגע דעם חלב פון זבחי שלמים, מוז דאס דאך ניט הייסן, אז וואס אמבאלאנגט דער אויסטייטשונג פון דעם אינהאלט פון „יעשה לכל מלאכה" פאר זיך גענומען, גייט ער אויף אן אנדער וועג, ווי עס איז דער וועג, איבער וועלכן די חז"ל גייען. מען קען אננעמען, אז דער זעלבער וועג, וואס פירט די חז"ל צו דער מסקנא — ווייל זיי באהויפטן, אז דער „ואכול לא תאכלוהו" קומט דערויף צו וויזן, אז דער חלב פון אן נבילה וטריפה האט אויף זיך צוויי איסורים: דעם אלגעמיינעם איסור פון חלב און דעם ספעציעלן איסור פון נבילה — און אז דער יעשה לכל מלאכה, וואס שטייט ביים חלב נבילה וטריפה, קומט דערויף — צו וויזן, אז דער חלב פון א נבילה איז ניט מטמא במגע — צו דער מסקנא, אלזא, אז ניט נאר קען פון דעם „וחלב נבילה וטריפה יעשה לכל מלאכה" קיין איסור הנאה אויף אן אנדער חלב ניט ארויסגעדרונגען ווערן, נאר פארקערט, עס מוז נאך פון אים א בפירושער היתר דערויף — דורך דעם כח פון היקש און קל וחומר און דורך דעם צוגעגעבענעם „לכל" פון „יעשה לכל מלאכה" — ארויסגעדרונגען ווערן — זאל אויך זיין וועג זיין.

פונקט ווי מיר קענען אננעמען, ווען מיר שטעלן אים — דעם תרגום יונתן — לויט חזקיה איין, אז אויך דער ואכול לא האכלוהו" איז א דערגענצונג נאר, אז ער קומט ניט דערויף נאך אן איסור צוגעבן אויף דעם חלב נבילה וטריפה, אז ער מיינט נאר: נאר עסן אים טארט איר ניט, אט אזוי קענען מיר אויך אננעמען, אז אויך לויט אים נאך איז, ווי לויט די חז"ל, דער פשט פון „ואכול לא תאכלוהו" נאך אן איסור צוגעבן אויף דעם חלב פון נבילה וטריפה. און וויבאלד אזוי ווערט שוין ווידער אמאל אוממעגלעך אנצונעמען, אז לויט דער תורה איז דער חלב פון בהמות חולין דורכאויס בהנאה אסור, ביי אלעם דעם, וואס לא תאכלו מוז ניט דוקא אן היתר הנאה אין זיך ענטהאלטן, ביי אלעם דעם, וואס עס בעדארף ווערן אנגע־נומען, אז ער מוז דורכאויס גאר אן איסור הנאה אין זיך איינשליסן.

אויך אין דעם פאל, אלזא, בלייבט, ווירקלעך, די באהויפטונג אונזערע אין צוזאמענהאנג מיט דער מיינונג פון תרגום יונתן, אז

דער יעשה לכל מלאכה ענטהאַלט אין זיך בנוגע זבחי שלמים א שלילה, אז פון דעם, וואָס דער יעשה לכל מלאכה בנוגע חלב איז פאַרבונדן מיט דעם חלב פון נבילה וטריפה, און פון דעם, וואָס עס געפינט זיך ניט קיין בפירושער היתר אויף אים — אויף אַזוי חלב — קען מען קיין איסור ניט אַרויסדרינגען — אין דער פולער קראַפט אירער, אויב ניט מחמת דעם, וואָס לא תאכלו מוז בכלל נאָר עסן מיינען, איז דערפאַר, וואָס טראַץ דעם, וואָס בכלל דאַרף ער דורכאויס נאָר — אָדער קען — אויך הנאה מיינען, מוז ער אָבער דאָ דורכאויס גאָר עסן מיינען, פשוט, דערפאַר, וואָס אייגנט־לעך האָבן מיר טאַקע אָט אַזא בפירושן היתר אויף אים. „במקום הרשע שם המשפט". פון אָט דעם „לא יעשה לכל מלאכה" טאַקע, פון וועלכן מען וואָלט באַדאַרפט, ווי עס קען זיך אויסדאַכטן, אַן איסור הנאה אויף „כשרן" חלב אַרויסלערנען, פון זעלבן „לא יעשה לכל מלאכה" מוז מען גאָר א בפירושן היתר אויף אים אַרויס־דרינגען.

פון דער צווייטער זייט אָבער מיינט דאָס כלל ניט, אז ווען מיר פאַרבינדן דעם תרגום יונתן מיט חזקיהן, מוזן מיר אים דורכאויס אין קאָנפליקטיווער באַציאונג מיט דער איינטייטשונג פון די חז"ל — אין דעם תורת כהנים נוסח, ווי ער ווערט אין רש"י ויקרא ז' געבראַכט — שטעלן. אויך אין דעם פאַל קען מען אים אויף דעם באָדן פון דער דאָזיקער אויסטייטשונג שטעלן.

דער אונטערשייד אין פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע צוויי איינ־שטעלונגען וועט נאָר זיין אין דעם, וואָס דאַן, ווען מיר פאַרבינדן דעם תרגום יונתן מיט רבי אבהום באַהויפּטונג, קען מען אָננעמען — אין פאַל מיר זאָלן ניט דענקען, אז די רעזולטאַטן פון דעם אונ־טערשייד צווישן די צוויי פאַרשיידענע באַהויפּטונגען: צווישן דער באַהויפּטונג, וואָס לויטעט, אז אין לא תאכלו אָדער לא יאכלו איז אויך איסור הנאה במשמע, און דער באַהויפּטונג, וואָס זאָגט, אז זיי שליסן ניט איין קיין איסורי הנאה אין זיך — מוזן צוגעבראַכט ווערן ביז צו א פונקט, זיי זאָלן מוזן אויך א נפקא מינה לדינא ענטהאַלטן אין זיך — אז אויך ער האַלט — ווי מען קען ווידער אָננעמען, אז אויך רבי אבהו האַלט אַזוי, און אז ער — רבי אבהו

— האַלט ווידער אויך, אַז דער חלב פון נבילה וטריפה האָט צוויי איסורים — אויסער דעם איסור פון חלב אויך דעם איסור פון נבילה אָדער טריפה. איך שרייב דאָס אין פאַרבינדונג דערמיט, וואָס איך האָב אוועקגעשטעלט דעם תרגום יונתן אויף דעם באָרן פון דעם תורת כהנים, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז דער „וחלב נבילה וטריפה" קומט דערויף צו ווייזן, אַז דער חלב נבילה וטריפה האָט צוויי איסורים אויף זיך. איבעריגנס — נאָר לויט רש"י — מיר רעדן דאָ וועגן דער רש"י, אויף וועלכער עס וועט אונז אויס־קומען זיך אָפּצושטעלן באַלד — קען אויסקומען, אַז מען זאָל קענען האַלטן, אַז דער חלב פון אַ נבילה וטריפה זאָל נאָר דעם איסור פון חלב אליין אויף זיך טראָגן. אַזוי אָבער קומט אוים אַ ליבא דכולא עלמא, אַז דער חלב נבילה וטריפה טראָגט אויף זיך איסורים צוויי — קען מען אָננעמען, אַז אויך ער האַלט בנוגע דעם ענין פון מכירה ונתינה לגר ולנכרי ווי רבי מאיר, וואָס זאָגט: אחד גר ואחד נכרי בין במכירה ובין בנתינה. וואָרום דאַן קומט אוים, אַז אי לויט חזקיהן, אי לויט רבי אבהון באַדאַרפן — אָדער קענען אָדער מוזן — חולין שנשחטו בעזרה מדאורייתא זיין. וואָרום אי רבי מאיר, לויט וועלכן עס ווערט רבי אבהום באַהויפּטונג איינגעשטעלט, מוז דאַן לויט רבי אבהון אַזוי האַלטן, אי רבי יהודה, וואָס נאָר לויט אים נאָך קען מען בכלל חזקיהן איינשטעלן, מוז אין דעם פאַל אליבא דחזקיה אַזוי האַלטן. וואָרום אין דיביידע פעלע האָבן מיר ניט וואָס צו טאָן מיט דעם „אותו" פון „לכלב תשליכו אותו". אויף איסורי הנאה בכלל, ווען מיר האַלטן ווי רבי מאיר, באַדאַרפן מיר אים ניט. מיר לערנען דאָך אַרוים דעם איסור הנאה בכלל אויף די איסורי אכילה פון דער תורה פון היתר נבילה. מוז מען אים שוין אויף איסור הנאה פאַר חולין שנשחטו בעזרה פאַרנוצן. מען קען דאַן אָבער אים ניט באַנוצן דערויף סיידן מען נעמט אָן פריער, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען בנוגע דעם איסור אכילה זייערן מדאורייתא. און דאָס זעלבע איז אויך אין חזקיה פאַל. עס קען מעגלעך זיין פאַר אים צו באַהויפּטן — אין אנקלאַנג מיט רבי יהודהס מיינונג, אַז „דברים ככתבם", אַז אין די לא תאכלום פון דער תורה איז אין איסור הנאה במשמע, נאָר דאַן, ווען ער קען פאַרווענדן דעם אותו, פון וועלכן מען קען אויך איסורי הנאה

בכלל ארויסלערנען, נאָר אויף א ספּעציעלן איסור הנאה, נאָר דאַן, ווען ער זאָל זאָגן, אז רבי יהודה, לויט וועלכן מיר קענען אים — חזקיהן — איינשטעלן, וואָס זאָגט, אז ביי נבילה איז דברים ככתבם, האלט צוזאַמען דערמיט, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא. מען בעדאַרף דעריבער דעם אותו נאָר אָט אויף דעם איסור הנאה פאַר זיי האָבן.

מען קען, אלזא, אננעמען אין דעם פאַל, אז ער האלט בנוגע דעם, ווי רבי אבהו, אָדער אפילו ווי רבי יהודה — אין פאַל מיר זאָלן דענקען, אז די רעזולטאַטן פון דעם אונטערשייד צווישן אָט יענע צוויי באהויפּטונגען מוזן אונז דוקא יא — לויט דעם פירוש רבנו חננאל קען א נפקא מינא לדינא ארויסקומען אפילו, ווען מיר שטעלן איין רבי אבהון אליבא דרבי מאיר. דאַן קומט אבער אויס, אז מיר שטעלן אים — רבי אבהון — אין א מחלוקת בנוגע דעם נפקא מינא לדינא פונקט, וועגן וועלכן עס האַנדלט זיך דאָ — בנוגע דעם פונקט פון חולין שנשחטו בעזרה — מיט דעם טאַטע, לויט וועלכן מיר שטעלן אים איין. עס קומט דאַן אויס, אז בנוגע נתינה לגר ומכירה לנכרי איז ער איינשטימיג מיט רבי מאירן, בנוגע אָבער חולין שנשחטו בעזרה האלט ער ניט ווי ער, נאָר ווי רבי יהודה, לויט ווי מען בעדאַרף אין דעם פאַל אָננעמען, ער טייטשט אים אויס. סיי ווי אָבער איך רעד הויפּטזעכלעך ניט וועגן דעם, וואָס מען קען בכלל א נפקא מינא לדינא פעסטשטעלן צווישן רבי אבהון און חזקיהן, נאָר וועגן דעם, אז ניט נאָר קען מען רבי אבהון דוקא אליבא דרבי מאיר איינשטעלן, נאָר אויך אליבא דרבי יהודה — ביז צו אָט יענעם אויבנדערמאָנטן פונקט צופירן — אז ער האלט, אפילו ווי רבי יהודה, וואָס זאָגט, אז לגר בנתינה ולנכרי במכירה דוקא, פונקט ווי מען קען אננעמען, אז אויך רבי אבהו האלט ווי רבי יהודה.

ווארום דאַן קומט אויס, אז נאָר חזקיה קען האלטן, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא, אָבער ניט רבי אבהו. ווארום אי חזקיה, אי רבי אבהו ווערן דאָך ביידע אליבא דרבי יהודה איינגעשטעלט. חזקיהו דעריבער, וואָס זאָגט, אז אין די לא תאכלום פון דער תורה איז אין איסור הנאה במשמע, מוזן מיר דעריבער צושרייבן די מיינונג, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא,

כדי ער זאָל זיך קענען פילן באַפרייט פון „אותו", וואָס פאָדערט דאָס ארויסדרינגען אַן איסור הנאה פון אים. ווארום נאָר דאַן, ווען מיר זאָגן, אז ער האַלט, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא, קענען מיר שוין אויך זאָגן, אז נאָר דערויף קומט דער אותו, מיר זאָלן פון אים אַן איסור הנאה נאָר אויף חולין שנשחטו בעזרה פון אים ארויסלערנען. בנוגע רבי אבהון אבער איז דאָס פונקט פאַרקערט. ווי באַלד, אז מיר זאָגן, אז ער האַלט ווי רבי יהודה, אז דברים ככתבם, און דאָך האַלט ער — און לויט אים נאָך האַלט אויך רבי יהודה אזוי — אז אין די לא תאכלום פון דער תורה איז אַף איסור הנאה במשמע, מוזן מיר דאָך שוין זאָגן, אז ער לערנט דעם איסור הנאה בכלל פון אותו ארויס. ווי באַלד אזוי אָבער — ווי קענען זיי שוין האַלטן, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא? ווען זיי וואָלטן זיין מדאורייתא — עס רעדט זיך וועגן דעם איסור אכילה זייערן דערוועיל — וואָלט דאָך שוין פאַר אונז מעגלעך געווען צו פאַרטאָן דעם אותו אויף אַן איסור הנאה פאַר חולין שנשחטו בעזרה, אזוי, אז מיר וואָלטן שוין ניט געהאַט דאַן — נאָר אַט אזוי בעדאַרף מען פאַרשטיין דעם ענין אין דער שקלא וטריא פון דער גמרא מכח דעם, ניט ווי דער לחם משנה דענקט — און ווי עס קען אויבנאויף אויך אויסזען פון דער גמרא אליין — אז ווי באַלד מיר האָבן דאָס פּראָבלעם פאַר זיך אי אויף חולין שנשחטו בעזרה, אי אויף איסורי אכילה בכלל אַן איסור הנאה פון דער תורה ארויסצולערנען, און מיר האָבן פאַר דעם צוועק נאָר דעם אותו, מוזן מיר אָננעמען, אז מען בעדאַרף פון אים נאָר אַן איסור הנאה אויף חולין שנשחטו בעזרה ארויסלערנען. עס האַנדלט זיך אין אמתן ניט אין דעם, אז מען מוז אין אַזאַ פאַל דווקא חולין שנשחטו בעזרה ארויסלערנען, און ווייל אזוי מוז שוין זיכער זיין, אז אין דער תורה האָבן מיר אויף איסורי אכילה בכלל קיין איסור הנאה ניט, נאָר אין דעם, וואָס מען קען דאַן נאָר חולין שנשחטו בעזרה פון אים ארויסלערנען. און ווייל אזוי ווערט שוין פאַר אונז גאָר איגנאָרירט אוממעגלעך מיט דעם אותו זיך צו באַנוצן. ווארום מיר קענען דאָך ניט אין אַזאַ פאַל וויסן. וואָס די כוונה פון דער תורה איז געווען: צי זי האָט געוואָלט, מיר זאָלן פון אותו דווקא אַן איסור אויף חולין שנשחטו בעזרה ארויסלערנען, אדער

זי האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן דוקא נאָר אָן איסור הנאה אויף שאר איסורי אכילה ארויסלערנען פון אים — אַז מיר וואָלטן שוין, אלזא, ניט געהאַט דאַן פון וואַנען דעם איסור הנאה בכלל ארויס־צודרינגען.

פאַר וואָס, אַז, ווען מיר האַלטן, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא און מען נעמט אָן דערביי, אַז דער שכל איז מחייב, אַז אויך זיי בעדאַרפן בהנאה אסור זיין, ווי שאר איסורי אכילה, פאַר וואָס מוזן מיר האָבן דאַן צוויי באַזונדערע ערטער אין דער תורה, פון וועלכע מיר זאָלן קענען פאַר דיביידע ענינים אָן איסור הנאה ארויסלערנען? פאַר וואָס מען קען ניט אָננעמען, אַז מיר זאָלן זיי ביידע גלייכצייטיק פון אותו ארויסלערנען? פאַר וואָס מוזן מיר אָננעמען, אַז, ווען מען הויבט אָן מיט איסורי אכילה בכלל ביים ארויסלערנען אָן איסור הנאה פון אותו, מוזן דאַן חולין שנשחטו בעזרה אויסגעשלאָסן בלייבן, און, אַז מען הויבט אָן מיט חולין שנשחטו בעזרה, מוז דאַן דאָס זעלבע אויך מיט דעם איסור הנאה בכלל געשען — וועגן דעם אַלעם בעדאַרף מען באַזונדער באַריכות שרייבן. איך וויל דאָ נאָר באַמערקן, אַז אָט אַזוי קומט אויס לויט דער גמרא. און אַז מען טראַכט זיך שטאַרק אריין אין דעם ענין, געפינט מען אין די דאָזיקע הנחות גוואַלדיקע עמקות פיינע. און דער „לחם משנה" — אין מאכלות אסורות פ"ח — געפינט זיך ניט אויף דעם ריכטיקן וועג, ווען ער דערלאָזט די מענ־לעכקייט, אַז דער רמב"ם זאָל ביידע איסורים: דעם איסור הנאה בכלל און דעם איסור הנאה אויף חולין שנשחטו בעזרה — פון אותו ארויסלערנען. איך אליין האָב פריער מדעת עצמי געפרוואווט איבער דעם וועג גיין. איך האָב אָבער אויסגעפונען, אַז אָט דער וועג איז אַ פאַלשער. מיר מוזן דורכאויס נעמען דעם וועג, איבער וועלכן די גמרא גייט — לויט דער פאָרמולירונג, וואָס איך האָב דאָ אָט ערשט געגעבן.

עס איז פאַר אים — פאַרן „לחם משנה" — מעגלעך געווען צו מאכן אָט יענע באַהויפטונג, ווייל, ווי עס איז צו זען פון זיינע רייד אין פאַרבינדונג מיט דער באַהויפטונג, וואָס ער מאַכט, ער האָט ווי פאַרקוקט, אַז אין אמתן האַנדלט זיך דאָ ניט נאָר אין „כמה דברים" אליין, נאָר אין „כמה דברים חלוקים"; אַז אין אמתן

האנדלט זיך דאָ נים נאָר אין איין אויסטייטשונג, וואָס קען געגעבן ווערן דעם אותו אין פאַל מיר האָבן פאַר זיך דאָס פּראָבלעם: אי אַן איסור הנאה אויף חולין שנשחטו בעזרה און אי אַן איסור הנאה אויף שאר איסורי אכילה ארויסצולערנען, און מיר האָבן ניט מער ווי דעם אותו, פון וועלכן מען קען בכלל אַן איסור הנאה ארויס־לערנען, נאָר אין דעם, וואָס דעם אותו קען מען דאַן אויף דריי פאַרשיידענע אופנים אויסטייטשן.

ווי איך האָב שוין אָבער באמערקט בעדאַרף מען וועגן דעם אלעם באריכות רעדן. און איך וועל דאָס אויך טאָן — אויב גאָטס ווילן וועט זיין דערויף — אין די הוספות, וואָס וועלן צו־געגעבן ווערן צום סוף פון ווערק, און אויך אין די העברעאישע זאַמלונגם העפטן, וואָס איך קלייב זיך — בל״נ — אין גיכן ארויס־צוגעבן — אין דער פאָרם פון מיין „דאָס וואָרט״ ביבליאָטעק.

און וואָס אמבאַלאַנגט דער מחלוקת צווישן רבי יוסי און רבי עקיבא איז — איןביידע פעלע — צו ער האַלט, ווי רבי מאיר, צו ער האַלט, ווי רבי יהודה — קען ווידער מעגלעך זיין ער זאָל האַלטן אָדער ווי רבי יוסי — אין פאַל, מיר זאָלן טייטשן דעם כשהותרה נבילה לא הותרו חלבה וגידה לויט דעם „תוספות״ — אין סאמע אָנהויב פון פסחים כ״ג ב׳ — ווארום דאַן קומט אוים, אז רבי יוסי מיינט ניט צו זאָגן, אז דער היתר, וואָס געפינט זיך אין „יעשה לכל מלאכה״, בעדאַרף מען נאָר דערויף כדי אראָפּצונעמען דורך אים דעם אסור הנאה פון חלב, אָבער גאָר אינגאַנצן ניט דערויף — צו זאָגן, אז חלב טמא איז ניט מטמא במגע. וואָס ער מיינט צו זאָגן דאַן, איז נאָר, אז צוזאמען מיט אָט דעם היתר מטומאה וואָס דער יעשה לכל מלאכה ענטהאַלט אין זיך, ענטהאַלט ער אין זיך אויך — דורך דעם לכל — א היתר הנאה. ווארום מען מוז דורכאויס יאָ אָט אזא היתר האָבן. אין פאַל אָבער מיר זאָלן זאָגן, אז דער פשט פון „כשהותרה נבילה, חלבה וגידה לא הותרו״ איז ווי רש״י דערקלערט קען שוין אין דעם פאַל דער תרגום יונתן ניט האַלטן, ווי רבי יוסי, ווי באַלד מיר זאָגן, אז אויך ער האַלט, אז דער חלב פון נבילה וטריפה האָט אויף זיך צוויי איסורים — ווי רבי יוסי, אז דער „לכל״ פון „יעשה „לכל מלאכה״ ווייזט דערויף, אז אפילו

למלאכת הדיוט איז ער מותר — און דאַן וועט אויסקומען, אַז דער פּשט פון „ללמד על החלב שאינו מטמא במגע" פון תורת כהנים אין רש"י ויקרא ז' איז ניט אין דעם זין, אַז וואָס אמבאַלאַנגט דעם ענין פון הנאה וועגן חלב בכלל בעדאַרף מען קיין ספּעציעלן היתר ניט, נאָר אין דעם זין, ווען עס וואָלט נאָר אַן היתר הנאה געווען וועגן חלב בכלל, וואָלט מען פון דעם היתר אליין נאָך געקענט אויסשליסן דעם חלב טמא פון עשיית מלאכה. אנדערש איז דאָס אָבער, ווען מיר האָבן דעם היתר אויף חלב טמא. ווען מיר האָבן אָט דעם היתר, האָבן מיר שוין במילא אויך דעם היתר הנאה בכלל אויף חלב איינגעשלאָסן. ווארום דער יעשה לכל מלאכה, ווען ער שטייט ביי חלב טמא באוואָרנט שוין אלע פּונקטן וועגן וועלכע מען קען זיך אין צווייפל געפינען — אָדער אפילו ווי רבי עקיבא, וואָס זאָגט, אַז דער לכל ווייזט אויף אפילו למלאכת גבוה — און דאַן וועט אָט יענער „ללמד על החלב שאינו מטמא במגע" טאַקע אימפּליצירן, אַז אַ ספּעציעלן היתר הנאה דאָ ביי חלב בעדאַרף מען ניט, טראָץ דעם, וואָס אין אנדער פאַל וואָלט מען אָט אזא היתר יאָ בעדאַרפט. ווארום מחמת דעם „כשהותרה נבילה הותרו גם חלבה וגידה" בעדאַרף מען ניט קיין ספּעציעלן היתר הנאה אויף חלב, וואָס אמבאַלאַנגט איסור הנאה, נאָר אויף עשיית מלאכה מחמת דעם, וואָס עס האַנדלט זיך וועגן חלב טמא.

און וואָס אמבאַלאַנגט וועגן דער מחלוקת צווישן רבי יהודה און רבי שמעון בנוגע דעם, צי גיד הנשה איז מותר בהנאה, קען ער האַלטן ווי רבי יהודה, לויט דעם ערשטן וועג פון ארגומענטירן, וואָס מיר געפינען וועגן דאָזיקן ענין אין דער סוגיא — פסחים כ"ב, א' — פון דער גמרא וועגן וועלכער מיר ריידן, וואָס זאָגט, אַז ער איז מותר, נאָר אין פאַל, ווען מיר נעמען אָן, אַז אויך ער — יונתן — האַלט, אַז יש בגידין בנותן טעם. און דאַן וועט שוין מוזן אויך אויסקומען, אַז ער קען ניט האַלטן ווי רבי יוסי. אויב אָבער ער האַלט, אַז אין בגידין בנותן טעם, מוז ער שוין האַלטן ווי רבי שמעון, צי ער האַלט ניט, אַז כשהותרה נבילה הותר הלבה, צי ער האַלט יאָ, אַז כשהותרה נבילה הותר חלבה.

לויט דער ווייטערדיקער שקלא וטריא אָבער, וואָס געפינט זיך וועגן דאָזיקן ענין אין דער סוגיא פון דער אויבנדערמאָנטער מסכתא,

קען אויסקומען, אז ער זאָל קענען האלטן ווי רבי שמעון, אז גיד הנשה איז אסור בהנאה, ווען ער זאָל אפילו ניט האַלטן, אז אין בגידין בנותן טעם, אדער, אז ער זאָל קענען האלטן, אז גיד הנשה איז מותר בהנאה טראָץ דעם, וואָס ער זאָל יאָ האַלטן, אז אין בגידין בנותן טעם.

און דער אמת איז, אז עס דאָ גאָר קיין אדער ניט פאראן. דורך דער צווייטער שקלא וטריא ווערט די ערשטע גאָר אינגאנצן איר לעבן אָן. זי ווערט דורך איר — דורך אָט דער לעצטער — אנולירט אינגאנצן. די צווייטע שקלא וטריא איז ניט פון אָט אזא כאראַקטער, זי זאָל קענען באטראכט ווערן, ווי נאָר נאָך א צוגענג־בענער וועג פון ארגומענטירן, וואָס קען זיך שלענגלען זייט ביי זייט מיט דעם וועג פון דער פריעריקער שקלא וטריא. אין צוזאמענהאנג מיט די אַלע שטרייט פונקטן, וואָס ווערן אין די ווייטערדיקע ענט־וויקלונגס פאזן פון דער סוגיא ארויסגעבראכט, איז דער כאראַקטער אירער אזא, דורך וועלכן עס מוז די ערשטע שקלא וטריא אינגאנצן פארוואָרפן ווערן. זיי קענען ביידע בכפיפה אחת זיך ניט געפינען. לויט דעם גאנצן כאראַקטער איהרן איז זי אזא, וואָס מוז פון אונז דורכאויס אויפגענומען ווערן אַלס אזעלכע, וואָס ווערט אויף אונז פון דער גמרא ארויפגעצוואונגען, וואָס ווערט אונז געגעבן פון איר אַלס די איינציקע, וואָס קען און בעדאַרף פון אונז אקצעפּטירט ווערן. ווען די גמרא איז געשטאנען אין דער ערשטער פאזע פון דער ענטוויקלונג פון דער סוגיא האָט אָט די הנחה, אז ווי באלד מען נעמט אָן, אז אין בגידין בנותן טעם, בעדאַרף דער גיד הנשה אסור בהנאה זיין, געקענט א האפט האָבן. זי איז דאן, איידער די סוגיא האָט זיך אין דער ברייט און אין דער טיף פאנאנדערגעוואקסן, גאנץ גענינגנד געווען אויף איבערצוקומען די שוועריקייטן, וואָס האָבן דאַן געהאַט ארויסגעשוואומען. וואָס מער קאָמפּליצירטער די סוגיא איז אבער געוואָרן, וואָס גרעסער עס איז געוואָרן דער היקף פון די שוועריקייטן, וואָס מען האָט בעדארפט איבערקומען, פון דעם גאנצן קאָמפּלעקס פון די קשיות, וואָס מען האָט בעדארפט פאר־ענטפערן, אַלץ וועניקער און וועניקער האָט זי געקענט איר מיסיע דערפילן, ביז זי האָט שוין געמוזט גאָר אינגאנצן פון דער גמרא אויפגעגעבן ווערן. לויט דער דאָזיקער הנחה האָט מען שוין בשום

אופן ניט געקענט איינאָרדענען ווי געהעריק די אַלע באַהויפּטונגען, די אַלע פאַרשיידענע ענינים, וואָס ווערן איינגעוועבט אין די ווייטער־דיקע ענטוויקלונגס פאַזן פון דער סוגיא. די גמרא האָט דעריבער צולעצט דעם דאָזיקן פּרינציפּ פאַרוואָרפן. אנשטאָט וואָס זי האָט פריער אָפּהענגיק געמאַכט דעם היתר הנאה פון גיד הנשה ניט נאָר פון דעם היתר נבילה, נאָר אויך פון דעם, צי עס זיינען יאָ אָדער ניט גידין בנותן טעם. ווארום ווייל אויך דעם היתר הנאה פון חלב האָט זי מיט דעם היתר הנאה פון נבילה פאַרבונדן, קען אויס־קומען, אז אפילו ווען מיר נעמען אָן, אז דער היתר הנאה פון נבילה מוז זיך אויך אויף דעם חלב אירן באַציען, קען ער זיך אבער דאָך ניט אויף דעם גיד הנשה באַציען, אויב מיר זאָגן, אז אין בגידין בנותן טעם. ווארום בכלל נבילה, אויף וועלכער די תורה האָט אונז א היתר געגעבן, קענען אריינגענומען ווערן נאָר אָט יענע טיילן, וואָס קענען אונטער דעם נאָמען בשר גיין, וואָס קענען בכלל „תתנה ואכלה" אריינגענומען ווערן, לאפוקי אבער אזוינע טיילן, וואָס קענען אין אָט דעם כלל ניט אריינגענומען ווערן, וואָס זיינען ניט מער ווי כעץ בעלמא נאָר, וואָס האָבן גאָר אינגאנצן קיין טעם ניט; אנשטאָט דעם איז ער איצט אָפּהענגיק גאָר אינגאנצן פון דעם, צי מען קען אָפּלערנען א היתר הנאה אויף דעם גיד הנשה פון דעם בפירושן היתר הנאה, וואָס מיר האָבן — ווי עס איז ארויסגעבראַכט געוואָרן ערשט אין דער ווייטערדיקער שקלא וטריא — אויף חלב, מיט דעם כח פון קל וחומר, אזוי, אז ווען אפילו מיר זאָלן ניט זאָגן „כשותרה נבילה הותר חלבה", איז דאָך דער גיד הנשה מותר בהנאה, אומאָפּהענגיק דערפון, צי מיר האַלטן יאָ אָדער מיר האַלטן ניט, אז גידין זיינען בנותן טעם. און זיכער איז שוין, אז ווען מיר זאָגן, אז כשהותרה נבילה, איז חלבה אויך אין היתר איינגע־שלאָסן, מוז דאַן אודאי שוין גיד הנשה מותר בהנאה זיין, צי מיר האַלטן יאָ אָדער ניט, אז יש בגידין בנותן טעם.

אָט די מסקנא, צו וועלכער מען בעדאַרף קומען, לויט דער ארגומענטאַציע פון דער גמרא בנוגע דער מחלוקת פון רבי שמעון און רבי יהודה, אָט די מסקנא, וואָס מיר געפינען אין דער ערשטער פאַזע פון דער ענטוויקלונג פון דער סוגיא, אז נאָר ווען מען האַלט זיך ביי דער מיינונג, אז יש בגידין בנותן טעם, קען מען האַלטן, אז

גיד הנשה איז מותר בהנאה,, איז נאָר אַ דערוויילעקער סלקא דעתך, וואָס די וואָס אָפּערירן מיט אים, גלויבן אין אים אליין ניט. מען אָפּערירט מיט אים נאָר דערפאר, וואָס פאר א מאָמענט קען ער זיך נוצלעך מאכן פאר דעם צוועק — מיט דעם באלייכטן פון באהאנ־דעלטן ענין אָנצווייגן. שוין באלד אין דעם מאָמענט, ווען אָט דער מאָטיוו פון אין בגידין בנותן טעם ווערט ארויסגעבראכט, זעט מען איין, אז ער האָט קיין האפט ניט. אויפן שטעל איז דער תירוץ, אז רבי שמעון, וואָס אסרט גיד הנשה בהנאה, טוט דאָס דערפאר, וואָס ער האלט, אז אין בגידין בנותן טעם — א גאנץ גוטער — אויף וויפיל ער קומט אין פארבינדונג מיט דעם, וואָס עס ווערט פריער דערקלערט, אז די, וואָס האלטן, אז גיד הנשה איז מותר בהנאה איז מחמת דעם טעם פון כשהותרה נבילה. שוין באלד אָבער שווימט ארויף די פראגע: וואָס טוט מען אָבער מיט די, וואָס זאָגן, אז דער היתר הנאה פון חלב, וואָס מיר האָבן, איז ניט דערפאר, וואָס מיר זאָגן „כשהותרה נבילה הותרה גם חלבה וגידה עמה", נאָר דערפאר, וואָס מיר לערנען דאָס פון דעם פסוק „וחלב נבילה וטריפה יעשה לכל מלאכה" ארויס? לויט זיי נאָך וואָלט בעדארפט דער גיד הנשה אסור בהנאה זיין אפילו ווען מיר זאָלן האלטן, אז יש בגידין בנותן טעם. און ווען איינעם פאלט נאָך איין דאן שוין צו דערטראַכטן זיך מדעת עצמו צום קל וחומר, וואָס ווערט ערשט שפעטער ארויס־געבראכט פון דער גמרא — דער קל וחומר, וואָס מאכט אוממעגלעך מען זאָל דעם היתר הנאה אויף גיד הנשה פון אין בגידין אדער יש בגידין בנותן טעם מאכן אפהענגיק; דער קל וחומר, אז מהדאך חלב, וואָס האָט דעם עונש כרת אויף זיך איז אין כלל פון היתר הנאה פון נבילה איינגעשלאָסן איז דאָך על אחת כמה וכמה, אז עס מוז אין אים א היתר הנאה אויף גיד הנשה אודאי איינגעשלאָסן זיין — מוז שוין פאר אים אודאי באלד קלאָר ווערן, אז דער מאָטיוו פון אין בגידין בנותן טעם, דורך וועלכן זי — די גמרא — וויל פאַרענטפערן, פאר וואָס רבי שמעון האלט, אז גיד הנשה איז אסור בהנאה, האָט קיין האפט ניט. ווארום אָט דער קל וחומר מאכט מעגלעך, אז רבי שמעון זאָל האלטן, אז גיד הנשה איז מותר בהנאה טראָץ דעם, וואָס ער האלט, אז אין בגידין בנותן טעם, פונקט, ווי ער מאכט אויך מעגלעך, אז רבי יהודה זאָל האלטן, אז גיד הנשה

איז אסור בהנאה טראָץ דעם, וואָס ער האַלט, אַז יש בגידין בנותן טעם.

און אין ליכט פון דעם אַלעם, וואָס עס איז דאָ ביז איצט געזאָגט געוואָרן, איז די קשיא, וואָס די חכמי לוניל האָבן געפרעגט אויף דעם רמב"ם: ווי באַלד, אַז ער האַלט ווי רבי אבהו, אַז אין די לא תאכלום פון דער תורה איז אויך איסור הנאה במשמע און דערביי פּסקנט ער ווידער, אַז אין בגידין בנותן טעם, טאָ ווי האָט ער געקענט פּסקנען, אַז גיד הנשה איז מותר בהנאה? — פון אָנהויב אָן גאָר קיין קשיא ניט. גיכער איז גאָר אויף זיי דאָ צו פרעגן אַ קשיא: ווי אַזוי איז זיי גאָר איינגעפאַלן אַזאַ קשיא צו פרעגן? און אומזיסט מאַכט מען אַזאַ גרויסן ווענן פון דער דאָזיקער קשיא, אַזוי אַז אפילו די וואָס גיבן דעם ריכטיקן—ריכטיקער: כמעט—ריכטיקן. וואָרום ער ווערט פון זיי ניט געגעבן, ווי ער בעדאַרף געגעבן ווערן. ער קומט ניט ביי זיי אין דער ריכטיקער פאָרמולירונג און מאָטי־ווירונג זיינער — תירוץ, מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן גע־טראַכט בשעת מעשה, אַז עס וואָלט אודאי בעסער געווען, ווען מען וואָלט ניט באַדאַרפט אויף אים — אויפן רמב"ם — קיין תירוצים זוכן. פאַר וואָס אָבער אָט אַזאַ געמיט צושטאַנד? פאַרקערט, ווען דער רמב"ם וואָלט ניט געפּסקנט, אַז גיד הנשה איז מותר בהנאה, וואָלט עס ניט אין אָרדנונג געווען. וואָרום דאַן — און נאָר דאַן — וואָלט עס פשוט געהייסן, אַז ער גייט קעגן דער גמרא. איצט אבער פּסקנט ער דאָך דעם דין אָט פונקט ווי די גמרא וויל טאָקע מען זאָל אים פּסקנען. איצט אָבער זיינען דאָך אָט יענע אַלע דריי מאָמענטן, וועלכע קענען כלומרשט ניט הויזן צוזאַמען אין פול־שטענדיקער האַרמאָניע מיט דער לעצטער מסקנא פון דער גמרא אין דער סוגיא, וועגן וועלכער מיר רעדן.

צי אָט אַזוינע מסקנות און היוצא לנו מזהם בעדאַרף מען צוקומען, ווען מען שטעלט איין דעם תרגום יונתן לויט רבי אבהון.

ווען אָבער מיר פאַרבינדן דעם תרגום יונתן מיט חזקיהן, קען מען אים אין האַרמאָניע ברענגען — פונקט ווי חזקיה אליין — נאָר מיט רבי יהודהן, לויט וועלכן פון נבילה קען מען קיין איסור הנאה אויף די אַנדערע איסורי אכילה פון דער תורה ניט אַרויס־

לערנען — דאָס איז דער הויפּט פּונקט. וואָס אמבאַאַלנגט דברים ככתבם, קען ער אפילו האַלטן, ווי רבי מאיר. ער קען אבער דערביי אויך האַלטן, אַז מען בעדאַרף דעם לגר פון דעם פּסוק לגר אשר בשעריך אויף להקדים נתינה לגר למכירה דנכרי — און לויט וועלכן מען בעדאַרף אַדער מען קען בעדאַרפן דעם אותו אויף חולין שנשחטו בעזרה — און דאַן וועט דער ללמד על חלב טמא שאינו מטמא במגע פון תורת כהנים בעדאַרפן מיינען, אַז אויף היתר הנאה פאַר אים בעדאַרף מען פון אַנהויב אָן קיין היתר ניט.

און וואָס אמבאַלאַנגט דער מחלוקת צווישן רבי עקיבא און רבי יוסי, קען מען גלעך זיין ער זאָל האַלטן ווי רבי עקיבא — אַז ער זאָל האַלטן ווי רבי יוסי איז אינגאַנצן אויסגעשלאָסן — ווען די באַהויפּטונג זיינע — דעם לעצטנס — זאָל פאַרשטאַנען ווערן לויט דעם ערשטן סלקא דעתך פון דער גמרא, ווען מיר זאָלן זאָגן, אַז וואָס ער — רבי עקיבא — זאָגט „איסור והיתר לא צריך קרא" — די לעצטע שורה אין פּסחים כ"ג, א' — „כי אצטריך קרא — לטומאה וטהרה", איז ניט מחמת דעם מאָטיוו פון „כשהותרה נבילה הותרה חלבה וגידה", וואָס די גמרא גיט נאָכדעם אָן, נאָר דערפאַר, וואָס ער האַלט, אַז נבילה אַליין בעדאַרף אויף זיך קיין ספּעציעלן היתר הנאה ניט האָבן, דערפאַר, וואָס אויך ער האַלט, אַז דער „לגר אשר בשעריך תתנה" ביי נבילה איז ניט מחמת דעם צו ווייזן אויף איסור הנאה בנוגע אַנדערע „לא תאכלום", נאָר אויף דברים ככתבם, ווי רבי יהודה האַלט, ווי ער בעדאַרף ווידער אויך האַלטן, אַז דער אותו ווייזט אויף חולין שנשחטו בעזרה.

און וואָס אמבאַלאַנגט דער מחלוקת צווישן רבי יהודה און רבי שמעון, מוז ער נאַטירלעך האַלטן ווי רבי יהודה, ווידער אמאָל אָבער ניט מחמת קיין אַנדער טעם, ווי נאָר פאַר דעם פּשוטן טעם, וואָס דער לא יאכלו, וואָס שטייט ביים גיד הנשה ענטהאַלט נאָר אַ איסור אכילה אין זיך, ווי די אַלע אַנדערע לא תאכלום, וואָס געפינען זיך אין דער תורה.

און וואָס אמבאַלנגט דעם, אליבא דמאַן בעדאַרף מען איינשטעלן רבי אבהוס כלל, אַז איבעראַל זיינען אין די אַלע לשונות של איסור אכילה, וואָס געפינען זיך אין דער תורה, אויך איסור הנאה במשמע:

אליבא דרבי מאיר אָדער אליבא דרבי יהודה — איז לויט א לעצטער מסקנא אין דער גמרא — פסחים, כ"ג, ב' — קומט אויס, אַז רבי אבהום כלל איז טאַקע לויט רבי יהודהן — אפילו לויט דעם פירוש פון רבי חננאל קען ער דאָך איינגעשטעלט ווערן לויט רבי יהודה — אַז לויט רבי אבהון איז דער „לגר אשר בשעריך" תתנה ככתבם. איסור הנאה קען מען דעריבער פון נבילה ניט אַרויסדרינגען. פונקט ווי ער אָבער איז מיט רבי יהודה איינשטימיג בנוגע דברים ככתבם, אָט אַזוי האַלט ער איז רבי יהודה מיט אים איינשטימיג בנוגע דעם ענין פון איסורי הנאה פון די לא תאכלום. ער האַלט, אַז רבי יהודה לערנט עס אַרויס פון אותו, פון וואַנען אויך ער לערנט עס אַרויס.

און דעריבער איז די קשיא, וואָס דער „לחם משנה" פרעגט אויפן רמב"ם — אין הלכות מאכלות אסורות, פרק ח' — „למה כתב כאן לשון של רבי אבהו דאמר כדרך שפרט לך הכתוב בנבילה וכו' משמע דמתוך קרא דנבילה נפקא ליה, והיינו ודאי לרבי מאיר. וכיון שהוא פסק כרבי יהודה לא היה לו לכתוב טעמא דנבילה דהיינו לרבי מאיר" — איז אביסל ניט אין אָרדנונג.

עס איז דאָך קלאָר, אַז דער רמב"ם האָט דאָ אָנגענומען די מסקנה פון דער גמרא. דאָס, וואָס ער זאָגט כדרך שפרט לך הכתוב קען ווירקלעך — סוף כל סוף קומט דאָך ער אַליין צו דער דאָזיקער מיינונג — ניט מיינען ווי נאָר דאָס: וואָרום ווען זי וואָלט אונז ניט געווען געגעבן אָט אַזאַ היתר, וואָלטן מיר געמוזט אָננעמען, אַז א נבילה איז אסור בהנאה. ער מיינט אָבער כלל ניט מיט דעם צו זאָגן, אַז פון דאַנען לערנען מיר דעם איסור הנאה אויף איסורי אכילה אַרויס, פונקט, ווי אין דער גמרא אַליין בעדאַרפן מיר דעם דאָזיקן אויסדרוק „כדרך שפרט לך הכתוב בנבילה" אויף דעם אופן ניט פאַרשטיין. פון דעם, וואָס רבי מאיר זאָגט: „אחד גר ואחד נכרי בין במכירה בין בנתינה" קען ווירקלעך אַרויסגעדרונגען ווערן, אַז רבי מאיר האַלט, אַז דער היתר הנאה, וואָס געפינט זיך דאָ, איז כדי מען זאָל אַרויסדרינגען אַן איסור פון אים אויף אַנדערע איסורי אכילה. פון דעם אויסדרוק אָבער: „כדרך שפרט לך הכתוב בנבילה" קען מען דאָס ניט אַרויסדרינגען.

רבי אבהום כלל, אַלזאָ, בעדאַרף מען אָננעמען האָט דער רמב"ם פון דעם באָדען, אויף וועלכן די גמרא האָט אים אין איר מסקנא

אחרונה אוועקגעשטעלט אין דעם „יד החזקה" זיינעם איבערגעטראַגן. ער האַלט אין אַלעם, ווי רבי אבהו און ווי רבי יהודה. ווארום אין אמתן מוז צווישן זיי ביידן, לויט דעם רמב"ם און לויט דער גמרא קיין שום אונטערשייד ניט זיין.

און אויך בנוגע דעם ענין פון חולין שנשחטו בעזרה קען מען אים ווידער איינשטעלן לויט רבי יהודה. אויב מיר זאָלן צוקומען צו דער מסקנא איבער דעם ארגומענטאַציאָנס וועג, איבער וועלכן דער „לחם משנה" טאַקע גייט, אז דער רמב"ם האַלט, אז חולין שנשחטו בעזרה איז לאו מדאורייתא — דאַן איז דאָך אודאי גוט. דאַן קומט דאָך אויס, אז ער האַלט אין אַלעם, ווי רבי אבהו אליבא דרבי יהודה לויט דעם, ווי די גמרא טייטשט רבי אבהון אויס. אויב אבער אפילו מיר זאָלן מוזן אָננעמען, אז דער רמב"ם האַלט, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא, קען מען אים נאָך אַלץ איינשטעלן אזוי, מיר זאָלן ניט דאַרפן געשטעלט ווערן פאַר א האַרבער קשיא: ווי באַלד, אז ער האַלט, אז רבי יהודהס מיינונג איז, אז אין די לא תאכלום פון דער תורה איז אויך איסור הנאה איינגעשלאָסן, און ווי רבי יהודה לערנט ער אויך דאָס ארויס פון אותו, טאָ ווי קען ער האַלטן אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא, אז לויט דער מסקנה פון דער גמרא קומט אויס, אז נאָר לויט חזקיהן קען מען מעגלעך זיין, אז רבי יהודה זאָל האַלטן, אז חולין שנשחטו זיינען מדאורייתא, אָבער בשום אופן ניט לויט רבי אבהון. ווארום מען קען געפינען א תירוץ אויף דער דאָזיקער קשיא. מען קען אָננעמען, אז ביי אַלעם דעם, וואָס אויך ער טייטשט איין רבי אבהון לויט דער מסקנא אחרונה פון דער גמרא, כאָטש אויך ער האַלט ווי זיי — ווי די חז"ל — אז מען בעדאַרף אָננעמען, אז רבי אבהו האַלט, אז אויך רבי יהודהס מיינונג איז ווי זיינע בנוגע די לא תאכלום פון דער תורה, אז זיי ענטהאַלטן אן איסור הנאה אין זיך, כאָטש מען קען ניט דעם דאָזיקן איסור הנאה פון נבילה ארויסלערנען, גייט ער זיך דאָך אָבער פאַנאַנדער מיט זיי בנוגע דעם פּונקט, אז מען מוז אָננע־מען, אז רבי יהודה, ווי אויך רבי אבהו, מוזן דורכאויס האַלטן, אז ווייל מען קען ניט ארויסדרינגען דעם איסור הנאה בכלל פון נבילה, מוזן חולין שנשחטו בעזרה לאו מדאורייתא זיין. אין דעם פּונקט נויגט ער אָפּ פון זיי. מען קען אָננעמען, אז ער האַלט, אז ביי

אַלעם דעם, וואָס זיי לערנען ניט אַרויס דעם איסור הנאה אויף שאר איסורין פון נבילה, קענען זיי דאָך האַלטן, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא, דער איסור הנאה אויף וועלכן ווערט טאַקע דוקא פון אותו אַרויסגעלערנט. ווארום לויט דער גאָר לעצטער מסקנא פון דער גמרא זעט מען דאָך, אַז אָביעקטיוו גענומען, בעדאַרף מען כלל ניט די דאָזיקע צוויי ענינים פאַרבינדן צוזאַמען. דער ההוא מרבנן, וואָס האָט דאָס לעצטע וואָרט אין דער סוגיא, האָט דאָך אָנגעוויזן, אַז מען קען אַרויסלערנען פון אַן אַנדער אָרט אַן איסור הנאה אויף חמץ בפסח און שור הנסקל, אַזוי, אַז דער אותו בלייבט פריי פאַר אונז, מיר זאָלן קענען פון אים אַן איסור הנאה אויף חולין שנשחטו בעזרה אַרויסלערנען. איינשטימענדיק מיט די חז״ל בנוגע דער איינשטעלונג פון רבי אבהון לויט רבי יהודן, נויגט ער אָפּ פון זיי בנוגע דעם פונקט, אַז די איינשטעלונג בעדאַרפט פאָרמירט ווערן אויף אַן אופן, זי זאָל דוקא אַ נפקא מינא לדינא ענטהאַלטן צווישן אים און חזקיהן. די וויטערדיקע פאַזע פון דער ענטוויקלונג פון דער סוגיא גיט דאָך אים אַ רעכט דערויף.

נאָך מער אַבער. דער רמב״ם האָט גאָר כלל ניט אָט דאָס אַלעם אַלס אַן אָפּנויג בעדאַרפט באַטראַכטן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם באַהאַנדלען פון דאָזיקן ענין דורך דעם ההוא מרבנן האָט געקענט זיין מיינונג זיין, אַז פון לכתחלה אָן האָט די גמרא כלל ניט געמיינט צו זאָגן, אַז מען מוז דורכאויס די מחלוקת צווישן חזקיה און רבי אבהו ביז צו אַ פונקט פון מחלוקת צופירן, נאָר אַז מען קען. ווארום ווי האָט זי געקענט מיינען, אַז מען מוז, ווען די גאַנצע מעגלעכקייט דערויף איז באַזירט אויף דער הנחה, אַז ווי באַלד מען לערנט ניט דעם איסור הנאה פון נבילה אַרויס, מוז מען אָננעמען, אַז מען לערנט אים פון אותו אַרויס, די הנחה, וואָס ווערט אינגאַנצן פאַרוואָרפן באַלד נאָכדעם, ווי דער פאַרזוך די מחלוקת צווישן רבי אבהון און חזקיהן ווערט איבער דער ליניע פון אַ נפקא מינא לדינא געפירט. די גמרא האָט דעם החוא מרבנן דאָס לעצטע וואָרט געגעבן, און האָט אפילו קיין פאַרזוך ניט געמאַכט די מיינונג זיינע אָפּצופרעגן. ווי קען מען אין האַרמאָניע ברענגען זיין מיינונג מיט אַ באַהויפּטונג, אַז צווישן חזקיהן און רבי אבהון מוז אַ נפקא מינא לדינא זיין? דערויף מען זאָל קענען מאַכן אָט אַזאַ באַהויפּטונג, דאַרף מען דאָך

פריער באַוויזן, אַז אויב ניט פון אותו קען מען בשום אופן ניט קיין איסור הנאה אויף שאר איסורי אכילה אַרויסלערנען.

און ווען אַפילו אַט די מיינונג זיינע, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא, וואָלט ווירקלעך באַדאַרפט באַטראַכט ווערן, ווי אַן אָפּנויג, וואָלט דער רמב"ם אַלץ געמוזט געווען האַנדלען נאָר אַזוי דוקא, ווי ער האָט געהאַנדלט. ער וואָלט זיך ניט געווען געקענט העלפן. ער וואָלט געמוזט געווען קומען צו דער מסקנא, אַז דאָס מפלפל זיין זיך אין דער סוגיא פון דער גמרא איז איין זאַך, און אַז עס קומט צו פּסקענען הלכה למעשה איז ווידער אַן אַנדער זאַך. ווי וואָלט ער דען אויך דאַן אַפילו געקענט האַלטן, אַז ווייל ער האַלט, ווי רבי אבהו, אַז די לא תאכלום פון דער תורה איז אַף איסור הנאה במשמע, און ער לערנט ניט דאָס פון נבילה אַרויס, וואָרום ער האַלט ווי רבי יהודה, וואָס אויך רבי אבהו האַלט ווי ער, אַז דברים ככתבם, מוז ער אויך האַלטן, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען ניט מדאורייתא, ווייל לויט דער גמרא קומט אויס, אַז ניט נאָר רבי אבהו האַלט אַזוי, נאָר אַז לויט אים — לויט רבי אבהון — נאָך מוז אויך רבי יהודה דורכאויס — אָדער וואָלט געמוזט דורכאויס, אין פאַל, ווען מיר נעמען אָן פאַר זיכער, אַז צוזאַמען דערמיט, וואָס ער האַלט, אַז דברים ככתבם האַלט ער אויך, אַז אין די לא תאכלום איז אַף איסור הנאה במשמע—אַזוי האַלטן? ווי וואָלט ער דאַן אַפילו, ווען עס זאָל מוזן אויסקומען לויט דער גמרא, אַז רבי אבהו האַלט, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען ניט מדאורייתא, געקענט האַלטן, ווי רבי אבהו, ווען עס איז פאַרט פאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז רבי יהודה — וואָס ער איז דער אויסשליסלעכער פונדאַמענט פון דער דאָזיקער באַהויפּטונג — זאָל דוקא יאָ קענען האַלטן, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא? ווי וואָלט ער אויך דאַן אַפילו געקענט אַזוי האַלטן, אַז ער האָט זיך אין דער הינזיכט פון דוקא ניט האַלטן אַזוי אויף אַזוי פיל אויטאָריטעטן געקענט שטיצן? וואָרום עס האַנדלט זיך כלל ניט אין דעם, וואָס מען קען דערלאָזן די מעגלעכקייט, אַז רבי יהודה זאָל האַלטן, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא, נאָר פשוט אין דעם, וואָס אין תורה כהנים געפינען מיר בפירוש, אַז רבי יהודה האַלט, אַז חולין שנשחטו בעזרה זיינען יאָ מדאורייתא?

און עס האנדלט זיך ווידער אויך ניט נאָר אין רבי יהודן אליין, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא איז אליבא דכולא עלמא. אז רבי מאיר האלט, אז זיי זיינען מדאורייתא — ווענן דעם קען דאָך קיין חלוקי דעות ניט זיין. פון די אלע שקלא וטריאס אין ש"ס, אוואו עס רעדט זיך וועגן דאָזיקן ענין איז דאָס צו זען. אפילו רבי שמעון, וואָס אים וואָלט מען שוין געקענט צושרייבן א קעגנגעזעצטע מיינונג — אפילו ער האלט לויט דער סוף כל סופדיקער מסקנא פון דער גמרא, אז זיי זיינען מדאורייתא. אין פילע ערטער ווידער אין דער גמרא ווערט וועגן דעם, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא ווי וועגן אן הלכה מוסכמת ומקובלת גערעדט. אויך א סתם משנה האָבן מיר וועגן דעם.

אויפן ערשטן פלאַן וואָלט דאן אויך פאר דעם רמב"ם געשטאנען דעם דין צו פסקענען, ווי ער באַדאַרף געפסקנט ווערן לויט דער גמרא, ווען זי גיט אונז דעם דין הלכה למעשה. ווי אין פילע אנדערע פעלע, וואָלט ער אויך דאָ קיין אנדער ברירה ניט געקענט פאר זיך האָבן, ווי צו פארקוקן די אדער יענע ווענדונג אין דער שקלא וטריאס פון דער גמרא, פון וועלכער עס באַדאַרף ארויסגע־דרונגען ווערן א פסק הלכה, וואָס זאָל זיין קעגן דעם פסק הלכה, וואָס מוז אָנגענומען ווערן, לויט די פעסטגעשטעלטע כללים, וואָס מיר האָבן. ווי האָט דער רמב"ם ניט געקענט פסקענען, אז חולין שנשחטו בעזרה זיינען מדאורייתא, ווען מיר זען, אז ניט נאָר רבי יהודה אליין האלט אזוי, נאָר אויך אלע אנדערע? ווי האָט ער דאָס געקענט טאָן נאָר דערפאר, וואָס לויט א געוויסן ארגומענט אין די שקלא וטריאס וועגן אָט דעם ענין אין דער גמרא באַדאַרף אויסקומען, אז ווי באלד מיר זאָגן דברים ככתבן, מוז מען אויך זאָגן, אז אן איסור הנאה אויף חולין שנשחטו בעזרה קען ניט ארויסגעדרונגען ווערן פון דער תורה? אָדער ווי האָט ער געקענט פסקענען אחד גר ואחד נכרי בין במכירה ובין בנתינה, ווייל צוליב דעם זעלבן ארגומענט מוז אויסקומען, אז ווי באלד חולין שנשחטן בעזרה קען מען יאָ ארויסדרינגען פון דער תורה, מוז מען שוין אָננעמען, אז לגר בנתינה ולנכרי במכירה איז לאו דוקא, ווען מיר האָבן א קיימא לן, אז רבי יהודה ורבי מאיר איז הלכה כרבי יהודה? אָדער ווידער, ווי האָט ער ניט געקענט פסקענען, אז גיד הנשה איז מותר בהנאת נאָר דער־

פּאַר, וואָס לויט אַן אַנדער אַרגומענט אין אַ שקלא וטריא קומט אויס, אַז ווי באַלד מיר האַלטן, אַז אין בגידין בנותן טעם, באַדאַרפן מיר האַלטן, אַז גיד הנשה איז אסור בהנאה, ווען מיר האָבן אַ קיימא לן, אַז רבי שמעון ורבי יהודה איז הלכה כרבי יהודה? ווען דערצו נאָך האָבן מיר נאָך אַ סתם משנה, וואָס איז אַליבא דרבי יהודה? לויט וואָס פאַר אַן אַנדער כלל האָט ער זיך דען אין אַזאַ פאַל באַ־דאַרפט פירן, אויב ניט לויט דעם כלל, אַז ההלכה במקומה עומדת? ווי האָט ער זיך דען געקענט ניט דערלויבן צו פאַרקוקן די שקלא וטריות אין דער אַדער יענער סוגיא פון דער גמרא, אויף וויפיל עס האַנדלט זיך וועגן מסיק זיין שמעתתא אַליבא דהלכתא פון זיי? ניט צו באַטראַכטן דעם ווערט זייערן, נאָר אויף וויפיל עס איז אין זיי דער עלעמענט פון „להגדיל תורה ולהאדירה" פאַרטראָטן?

אויך אָט דאָס אַלעס אַבער, וואָס עס איז אָט ערשט דאָ נעזאָגט געוואָרן, איז ניט מער ווי להגדיל תורה ולהאדירה נאָר. אין דער ווירקלעכקייט האַנדלט זיך דאָך דאָ כלל ניט, ווי מיר האָבן דאָס פריער פעסטגעשטעלט, אין אַ קאָנפליקטיווער באַציאונג מצד דעם רמב"ם צו דער סוגיא פון דער גמרא. אין אמתן איז דאָך אַלעס, וואָס דער רמב"ם זאָגט וועגן אָט יענע אַלע ענינים, וואָס האָבן — אַדער קענען געשטעלט ווערן אין — אַ שייכות מיט דער סוגיא פון דער גמרא, ניט נאָר קעגן איר, נאָר פאַרקערט נאָך. ער האָט אין איר פולע שטיצע בנוגע אַלעם דעם.

דער אופן ווי ער פסקנט להלכה אין אָט יענע אַלע פעלע איז אין איינקלאַנג מיט דעם לעצטן וואָרט, וואָס מיר געפינען אין דער באַשפּראָכענער סוגיא בנוגע די אַלע באַהאַנדלטע דאָרטן ענינים; מיט דעם לעצטן וואָרט, וואָס אַנולירט די פריערדיקע אַרגומענטן, אָט יענע אַרגומענטן, וואָס נאָר פון זיי קען מען אַ סתירה צום רמב"ם געפינען.

י״א

ברוך בן נריה

די פאַנאַנדערבליאונג פון איינפלוס פון יחזקאלס טעטיקייט נאָך דעם טויט פון לעצטן. — די איבערגעגעבענע תלמידים זיינע, וואָס האָבן נאָך זיין טויט זיין טעטיקייט פאָרטגעזעצט. — די אָנפירנדע ראָלע פון ברוך בן נריה צווישן די דאָזיקע תלמידים. — נאָך דעם טויט פון זיין גרויסן לערער האָט ער פאַרלאָזט מצרים און איז קיין ארץ ישראל געקומען. — דער גרעסטער קרבן, וואָס איינער קען ברענגען אויף דעם מזבח פון זיין ליבשאַפט און איבער־געגעבנקייט צו אַ צווייטן. — ווי א פאַרהיפּנאָטיזירטער איז ער שטענדיק אונטער דעם איינפלוס פון זיין גרויסן לערער, ירמיהו הנביא געשטאַנען. — זיין לעבן און ווילן איז איינס מיט דעם לעבן און ווילן פון לעצטן געוואָרן. — די פיינלעכע פאַרפאָלגונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פאַר זיין איבערגעבנקייט צו ירמיהון. — דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געוואגט צו טאָן מיט דעם לעצטן, האָבן זיי מיט אים געטאָן.

יחזקאל איז געשטאָרבן*) אין איין צייט, כמעט, מיט דעם נביא פון ענתות, ירמיהו. מיט זיין טויט אָבער איז ניט געקו־מען קיין ענדערונג צום ערגערן אין דעם גייסטיקן לעבן פון די גולי בבל. פאַרקערט, ערשט נאָך זיין טויט האָט זיך דער איינפלוס פון זיין טעטיקייט אין זיין פולער קראַפט און פּראַכט צובליט. וואָס ווייטער האָבן זיך זיינע רייד אַלץ מער אויף דעם באָדן פון אידישן לעבן אָנגענומען. וואָס ווייטער האָט אַלץ מער די שיינע זריעה, וואָס ער האָט פּאַרזייט, קרעפטיקע און זאַפטיקע פּרוכט פון זיך ארויסגע־בראַכט.

ווי אלע אידישע נביאים, איז אויך ער ארומגערינגלט געוועזן פון א מחנה מקורבים און תלמידים, וואָס האָבן אים געהאָלפן גאָטס

*) 72־570 פאר דער אָנגענומענער צייטרעכנונג; 42־640 פאַרן חורבן בית שני. ירמיה איז מיט ארום צען יאָר פאר אים געשטאָרבן.

וואָרט צווישן פאָלק פארשפרייטן. און די דאָזיקע איבערגעגעבענע תּלמידים זיינע האָבן זיין איבערגעריסענע טעטיקייט נאָך זיין טויט פאָרטגעזעצט. הייליק און טייער איז זיי געווען דער אָנדענקען פון פארשטאָרבענעם גרויסן לערער זייערן, און זיי האָבן זיך די גרעסטע אָנשטערנגונג געגעבן, אז אלעס, וואָס ער האָט ביי זיין לעבן געלערנט און געפּריידיקט, זאָל אלס א פארהייליקטע צוואת שכיב מרע פאר דעם גאנצן פאָלק בלייבן.

און די אָנפירנדע ראָלע פון דער דאָזיקער טעטיקייט איז אויף דעם גורל פון ברוך בן נריה, דער גרויסער תּלמיד פון דעם נאָך גרעסערן רבין זיינעם, דעם נביא פון ענתות, ירמיהו, אויסגעפאַלן.

די ליבע און איבערגעבנקייט פון דעם דאָזיקן תּלמיד צו זיין רבין איז איינע פון די מערקווירדיקסטע דערשיינונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע. דער דאָזיקער תּלמיד האָט דעם גאנצן איך זיינעם אין דעם איך פון זיין גרויסן רבין אויפגעלייזט. ער האָט זיין אייגן לעבן און דעם לעבן פון דעם גרויסן עלעגישן נביא איינגע־וועבט. ער האָט דערגרייכט די גרעסטע מדרגה, צו וועלכער עס קען א מענטש צוקומען אין דעם בטול פון זיין אייגענעם יש: ער איז ווי דער שאָטן פון זיין גרויסן רבין געוואָרן. ער האָט, ווי זיין אייגן לעבן אָנגעוואָרן און געלעבט שטענדיק מיט דעם לעבן פון ירמיהו. ער איז ווי זיינער א מעדיום געוואָרן. ער האָט זיך, ווי א פאר־היפּנאָטיזירטער געפונען שטענדיק אונטער דעם איינפלוס פון לעצטן. ער האָט זיינע אייגענע שטימונגען און איבערלעבונגען אונטערדריקט אין זיך כדי ער זאָל זיך קענען איינלעבן אין די שטימונגען און אי־בערלעבונגען פון זיין גרויסן לערער. ער האָט אין זיך זיינע אייגענע פארלאנגען און ווונשן אָפּגעטעמפּט כדי ער זאָל קענען גרייט זיין צו יעדן מאָמענט, די פארלאנגען און ווונשן פון דעם גרויסן נביא צו דערפילן. ער איז די האנט און דאָס מויל פון דעם נביא פון ענתות געוואָרן. ירמיהו פלעגט פאר אים פאָרלעזן זיינע נביאות און ער פלעגט זיי אויפשרייבן באלד.

— „זאָג אונז נאָר", — האָבן די שרי המלך געפרעגט ברוכן, ווען ער האָט איינמאָל פאר זיי פון א געשריבענער מגלה פאָרגעלעזן איינע פון ירמיהוס נביאות, — „ווי אזוי האָסט דו אָט די אלע רייד געשריבן פון זיין מויל?"

און ברוך האָט געזאָגט צו זיי: „פון זיין מויל לייענט ער צו מיר די דאָזיקע אַלע רייד, און איך שרייב זיי אויף אויף דעם בוך מיט טינט".*) און ניט נאָר אויפשרייבן אליין פלעגט ער די נביאות פון לערער זיינעם, אָפטמאָל פלעגט אים ירמיהו אויך איבערגעבן די שליחות פון פאָרלעזן זיי פאַר דעם פאָלק אדער פאַר די העכסטע פאָלקס-פאָרשטייער. און ער פלעגט די שליחות אויספירן, ווען ער האָט געמוזט אפילו דורך דעם זיין לעבן אין געפאַר שטעלן.

ווענן איינעם אַזאַ פאַל לייענען מיר פאָלגענדעס אין ירמיהו ל"ו:

„און ירמיהו האָט גערופן ברוך בן נריה, און ברוך האָט אויפגעשריבן פון מויל פון ירמיהו די אַלע רייד פון גאָט, וואָס ער האָט גערעדט צו אים אויף א מגלת ספר. און ירמיהו האָט באַפוילן ברוכן אַזוי צו זאָגן: „איך בין פארשפּאַרט, איך קען ניט קומען אין הויז פון גאָט, זאָלסט דו קומען און לייענען די מגלה, וואָס דו האָסט געשריבן פון מיין מויל, די רייד פון גאָט אין די אויערן פון פאָלק, אין הויז פון גאָט, אין א תענית טאָג. און אויך אין די אויערן פון גאַנץ יהודה, וואָס זיי קומען פון זייערע שטעט, זאָלסטו זיי לייענען. אפשר וועט פאַלן זייער געבעט פאַר גאָט און זיי וועלן זיך אומקערן יעדערער פון זיין שלעכטן וועג, ווארים עס איז גרויס דער כעס און צאָרן וואָס גאָט האָט גערעדט ווענן דעם דאָזיקן פאָלק. האָט ברוך בן נריה געטאָן אַלעס ווי דער נביא ירמיהו האָט אים באַפוילן צו לייענען אין בוך די רייד פון גאָט אין הויז פון גאָט."**)

נאָכדעם איז די זעלבע מגלה פאָרגעלעזן געוואָרן פאַר די שרים. האָבן זיי געהייסן ברוכן ער זאָל זיך אויסבאַהאַלטן באַלד, צוזאַמען מיט ירמיהון און די מגלה האָבן זיי באַהאַלטן ביי זיך, צו פאָרלעזן זי אויך פאַר דעם מלך.

---

*) ירמיהו, ל"ו.

**) ויקרא ירמיהו את ברוך בן נריה, ויכתוב ברוך מפי ירמיהו את כל דברי ה' אשר דבר אליו, על מגלת ספר. ויצוה ירמיהו את ברוך, לאמר: אני עצור, לא אוכל לבוא בית ה', ובאת אתה וקראת בגלה אשר כתבת מפי, את דברי ה' באזני העם בית ה' ביום צום, וגם באזני כל יהודה הבאים מעריהם תקראם. אולי תפול תחנתם לפני ה' וישובו איש מדרכו הרעה. כי גדול האף והחמה אשר דבר ה' אל העם הזה. ויעש ברוך בן נריה ככל אשר צוהו ירמיהו הנביא לקרוא בספר דברי ה' בית ה' (ירמיהו ל"ו).

„און דער מלך איז געזעסן אין ווינטער־הויז אין ניינטן חודש, און דער פייערקאסטן האָט פאַר אים געברענט. איז געווען, אַז נאָכ־דעם, ווי יהודי (דער נאָמען פון פאַרלעזער) האָט אָפּגעלעזן דריי־פיר זייטן, האָט ער זי צעריסן מיט דעם שרייב־מעסער און אריינגעוואָרפן אין פייער, וואָס אויף דעם פייערקאסטן, ביז עס איז פארברענט געוואָרן די גאנצע מגלה וואָס איז געווען אויף דעם פייער וואָס אויף דעם פייערקאסטן."

„און דער קעניג האָט באַפוילן צו ירחמיאל, דעם זון פון קעניג, און שריהו דעם זון פון עזריאל און שלמיהו, דעם זון פון עבדיאל, צו נעמען געפאנגען ברוך הסופר און ירמיהו הנביא. גאָט האָט זיי אָבער אויסבאַהאַלטן."*)

אונטער אזא שווערער און אומדאנקבארער ראָלע האָט זיך ברוך בן נריה אונטערגעוואָרפן אין משך פון זיין גאנצן לעבן, כמעט. ער האָט געבראכט דעם גרעסטן קרבן, וואָס עס קען נאָר ברייננען איינער אויף דעם מזבח פון זיין ליבשאפט און איבערגעבנקייט צו א צווייטן. ער האָט דעם גרויסן קרבן געבראכט פון אויסטאָן זיך גענצלעך פון זיין אייגענער פערזענלעכקייט, כדי ער זאָל זיך קענען מתלבש זיין אין דער פערזענלעכקייט פון א צווייטן, דעם גרויסן קרבן פון פארשקלאָפן זיין אייגענע נשמה צו א פרעמדער נשמה, דעם גרויסן קרבן פון זיין א פאסיווער אינסטרומענט פאר פרעמדער אקטיוויטעט.

און טאָמער האָט זיך געמאכט אמאָל, אז די דאָזיקע שווערע און אומדאנקבארע ראָלע איז אויף אים אין א געווויסן מאָמענט פון זיין לעבן אלס צו שווערע לאסט געפאלן; ווען עס האָט אמאָל אפילו זיין אונטערדריקטע פערזענלעכקייט רעוואָלטירט קעגן דעם טראַגישן גורל, וואָס איז אויף אים אויסגעפאלן צו זיין א שטענדיקער וואסאל צום לעבן און ווילן פון א צווייטן; ווען עס האָט זיך דאן אויך אויף א ווײַלע א בענקשאפט אין זיין הארצן פארקליבן צו א

*) והמלך יושב בית החורף, והאח לפניו מבערת. ויהי כקרוא יהודי שלש דלתות וארבעה יקרעה בתער הסופר והשלך אל האש אשר על האח עד תום כל המגלה על האש אשר על האח.

ויצות המלך את ירחמיאל בן המלך ואת שריהו בן עזריאל ואת שלמיהו בן עבדיאל לקחת את ברוך הסופר ואת ירמיהו הנביא. ויסתירם ה׳ (דאָרטן).

מער העלער און פריידיק לעבן, צו פערזענלעכן גליק און אינדיווי־דועלער אקטיוויטעט — איז אויך דאָס אלעס נאָר אין א שוואכער פאָרם פאָרגעקומען, ווי די איבערלעבונגען וואָס איינער לעבט דורך אין זיין שלאָף, ווי די אנשטרענגונג וואָס א מענטש מאַכט אין חלום זיינעם, ווי די שוואכע כמעט אומבאוואוסטע פאר דעם סוביעקט רע־וואָלט־מאָמענטן פון א פארהיפּנאָטיזירטן. און עס איז גענוג געווען אייניקע באפעלנדע ווערטער פון ירמיהון, ער זאָל צוריק פארזונקען אין דעם פארהיפּנאָטיזירטן מצב זיינעם און זיין לעבן און ווילן זאָל ווידער ווערן איינס מיט דעם לעבן און ווילן פון זיין גרויסן לערער.

„אַט אזוי האָט געזאָגט גאָט, דער גאָט פון ישראל, וועגן דיר ברוך — האָט ירמיהו געזאָגט איינמאָל צו ברוך בן נריה, ווען דער לעצטער האָט אונטער דעם דיקטירן פון ערשטן א געוויסע נבואה אויפגעשריבן — דו האָסט געזאָגט: וויי איז צו מיר, צוגעגעבן האָט גאָט טרויער צו מיין ווייטיק. איך בין שוין מיד געוואָרן פון מיין קרעכצען און איך האָב קיין רו ניט געפונען. זאָלסט דו צו אים אזוי זאָגן: אזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, וואָס איך האָב געבויט צעשטער איך, און דאָס וואָס איך האָב פארפלאנצט רייס איך אויס... און דו זוכסט פאר זיך גרויסעס. זוך עס ניט.*)

און ער האָט ניט געזוכט מער. ער האָט זיין קאָפּ פאר דעם טרויעריקן שיקזאל, וואָס איז אויף אים געפאלן, געבויגן, און צו־זאמען מיט זיין גרויסן לערער האָט ער ביז צום לעצטן טראָפּן דעם בעכער פון צער און פיין געטרונקען. ער האָט די אלע פארפאָלגונגען און ליידן פון זיין גרויסן לערער געטיילט, און אָפטמאָל איז אים נאָך מער, ווי דעם לעצטן, אויסגעקומען פון שרעקלעכע פארפאָל־גונגען צו ליידן. די געגנער פון גרויסן נביא פון ענתות האָבן אים געמאכט פאר דעם ציל־ברעט פון זייערע באליידיקונגען און פאר־פאָלגונגען. די גרינגשעצונג און מיסהאנדלונג וואָס זיי האָבן ניט געקענט אָנווענדן אויף ירמיהון, האָבן זיי איבערגעטראָגן אויף זיין

---

*) כה אמר ה׳ אלהי ישראל עליך, ברוך אמרת: אוי נא לי כי יסף ה׳ יגון על מכאובי, יגעת באנחתי ומנוחה לא מצאתי. כה תאמר אליו: כה אמר ה׳: הנה אשר בניתי אני הורס, ואתה תבקש לך גדולות. אל תבקש (ירמיהו מ״ה).

תלמיד. זיי האָבן געזוכט צו שטילן דאָס אומבאַפרידיקטע געפיל זייערס פון נעמען נקמה אין דעם נביא ירמיהו דורך דעם, וואָס זיי האָבן זייער גאַנצן צאָרן אויסגעגאָסן אויף דעם תלמיד זיינעם, דאָס, וואָס זיי האָבן ניט געוואַגט צו טאָן מיט דעם ערשטן צוליב דעם אָנערקענטן אויטאָריטעט זיינעם און צוליב דער אינערלעכער מורא, וואָס אויך זיי האָבן געמוזט פילן צו אים, האָבן זיי זיך געקענט דערלויבן צו טאָן מיט דעם לעצטן. און אַזוי ווי אויף צו רייצן זיך מיט אים האָבן זיי נאָך אים אויך באַשולדיקט אין דעם, אַז פון אים שטאַמען עס די אַלע ווידערווויליקע פאַר זיי אָנשויאונגען און מיינונ־גען, וועלכע ירמיהו זאָגט אַרויס פאַר זיי, אַז ער העצט עס קעגן זיי דעם נביא פון ענתות און לייגט אים אין זיין מויל די שוואַרצע נבואות אַריין.

און מען קען זיך פאָרשטעלן דעם שאַרפן ווייטיק, וואָס אַזוינע באַשולדיקונגען האָבן אים, ברוכן, געמוזט פאַרשאַפן. ער, וואָס האָט געטאָן און גערעדט שטענדיק נאָר דאָס, וואָס דער גרויסער לערער זיינער האָט אים דיקטירט, ער, וואָס דער גאַנצער אינער־לעכער איך זיינער איז אין מויל און אויגן און אויערן פאַרוואַנדלט געוואָרן צו זען און הערן און ריידן שטענדיק נאָר דאָס וואָס דער גרויסער לערער זיינער האָט געזען און געהערט און גערעדט; ער, וואָס האָט אויך אַליין געמוזט ווי דורך אַן אומרואיקן שלאָף דערשפירן אַמאָל דעם אומבאַוואוסטזיניקן פּראָטעסט זיינעם קעגן די שווערע נבואות וואָס זיינען אים פון זיין לערער דיקטירט געוואָרן צוליב דער ווייטקייט, וואָס האָט אָפּגעשיידט די מדרגה, אויף וועלכער ער האָט זיך געפונען, פון דער מדרגה אויף וועלכער עס איז זיין גרויסער לערער געשטאַנען, צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט געקענט באַנעמען ווי געהעריק דעם געטלעכן אמת, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיי — אים באַשולדיקט מען אין דעם, אַז ער איז דער אינספּי־ראַטאָר און באַפעלער פון זיין לערער געווען, אַז ער האָט פאַר אים אויסגעקליבן די וועגן איבער וועלכע ער איז געגאַנגען.

י"ב

ברוך בן נריה צווישן די גולים אין בבל

די טרייסט, וואָס ער האָט געפונען פאַר זיך אין בבל. — ער האָט אין בבל גאַנץ אַנדערע אידן — געלייטערטע און געהייליקטע — ווי די וואָס ער האָט געזען פאַר זיך די לעצטע יאָרן פאַר דעם חורבן אין ארץ ישראל און נאָכדעם אין מצרים — דערזען. — די גרויסע גייסטיקע ירושה, וואָס ער האָט מיט זיך פון זיין רבין פאר די גולים אין בבל געבראַכט. — אויסער די נבואות פון דעם גרויסן רבין זיינעם, האָט ער אויך געבראַכט מיט זיך פאַר זיי די נביאים ראשונים ספרים, וואָס זיינען פון ירמיהון — מיט דער הילף פון ברוכס הילף — צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן. — די ווירקונג פון דעם פּאַטעטישן און עלעגישן טאָן פון ירמיהוס נביאות אויף דעם געמיט און גייסט פון גולים. — די כאַראַקטערשטריכן פון די ספרי מלכים. — די אידעע, וואָס ווערט דאָרטן דורכגעפירט, אז די מאָראַלע געזונקענקייט פון א פאָלק מוז אים אויך צו פּאָליטישער ירידה צופירן.

אָט אַזאַ פאַל פון באַשולדיקן ברוך בן נריה אין העצן ירמיהון קעגן פאָלק איז אויך פאָרגעקומען א שטיק צייט נאָך דעם ענדגילטיקן חורבן מאָמענט פון ארץ ישראל דורך נבוכדנצרן.*) אין לאַנד זיינען דאַן נאָר געציילטע מענטשן געבליבן.

נבוזראדן, וועלכן נבוכדנצר, וואָס האָט אליין אָנגעפירט די לעצטע באַלאַגערונג אויף ירושלים, האָט איבערגעלאָזט פאר א שטיקל צייט נאָך זיך אין ירושלים, האָט נאָר ווייניק מענטשן פון פּראָסטן פאָלק אין לאַנד איבערגעלאָזן, און ער האָט איבער דעם „שארית הנשאר" באַשטימט אלס הויפּט גדליה בן אחיקם, וועלכער איז געווען פון ירמיהוס אָנהענגער. איז געקומען ישמעאל בן נתניה, וועלכער איז געווען פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, מיט זיינע מענטשן

*) 586 פאר דער אַנגענומענער צייטרעכענונג ; 656 פאר דעם חורבן בית שני.

קיין מצפה, וואו*) גדליהו האָט זיך געפונען און האָבן אים געהרגעט, ווי אויך פילע פון זיינע מענטשן, און זיי האָבן זיך מיט זיי אוועק־געלאָזט צו גיין צו די בני עמון. יוחנן בן קרח אבער, צוזאמען מיט נאָך פילע אנדערע פון גדליהס מענטשן האָבן נאָכגעיאָגט ישמעאלן. זיי האָבן אים געהרגעט און האָבן אָפּגענומען ביי אים די געפאנגענע. זיי האָבן אָבער מורא געהאט בלייבן אין לאנד, כדי די כשדים זאָלן פון זיי ניט נעמען נקמה פאר דעם מאָרד פון גדליה בן אחיקם. זיי האָבן דעריבער באשלאָסן צו גיין קיין מצרים. ירמיה אָבער האָט זיי ניט געראטן צו גיין קיין מצרים. ער האָט זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן בלייבן אין לאנד, „האָט קיין מורא ניט — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן — פאר דעם מלך בבל האָט קיין מורא ניט פאר אים, זאָגט גאָט. ווארום איך בין מיט אייך צו העלפן אייך און צו מציל זיין אייך פון זיין האנט. און איך וועל אייך רחמים געבן און ער וועט זיך דערבארימען אויף אייך, און ער וועט אייך אומקערן צו אייער לאנד.״**)

ער איז טריי געבליבן זיינע איבערצייגונגען און אָנשויאונגען. אויך דער ענדגילטיקער חורבן האָט אים ניט צו פארצווייפלונג און יאוש געפירט, וואָס אמבאלנגט דעם שיקזאל פון ארץ ישראל אין דער צוקונפט, צו מאכן אים גלויבן, אז עס איז שוין אויף שטענדיק ארץ ישראל פאר די אידן פארלאָרן געגאנגען. די נביאות, מיט וועלכע ער האָט זיין פאָלק געטרייסט, אין וועלכע ער האָט פאָראויס־געזאָגט דאָס ווידערשטעלן פון ארץ ישראל אלס אידישע פּאָליטישע מאכט, זיינען ניט גלאט אזוי ביי אים פראזן געווען, גלאט אזוי טרייסט רייד, נאָר טיפער גלויבן. פונקט ווי פריער איז ער געווען איבערצייגט אין דעם אומפארמיידלעכן חורבן אויף א צייט פון לאנד, אזוי איז ער אויך איבערצייגט געווען אין דעם אומפאר־מיידלעכן אויסגעלייזט ווערן פון גלות, וואָס וועט פריער אדער שפּעטער קומען פאר זיין פאָלק. ער האָט פאָראויסגעזען די מעג־לעכקייט, עס זאָלן געוויסע נייע פּאָליטישע ווענדונגען קומען, דורך וועלכע די אידן זאָלן ווידער צוריק אלס פאָלק אין ארץ ישראל קענען

---

*) דאָס איז פאָרגעקומען אין ג׳ תשרי, דעריבער פאסטן מיר אין דעם טאָג און דערדאָזיקער תענית ווערט אָנגערופן „צום גדליה״.

**) ירמיה מ״ב.

אויפגעבויט ווערן. און דעריבער איז זיין באַגער געווען, עס זאָלן וואָס מער אידן אויך דערווייל אין ארץ ישראל בלייבן. עס זאָל אויך אויף נאָר דערווייל אפילו ניט אינגאַנצן די פאַרבינדונג צווישן פאָלק ישראל און ארץ ישראל איבערגעריסן ווערן, עס זאָל אפילו ניט אויף אַ ווײַלע אויפהערן צו עקזיסטירן אין באַוואוסטזיין פון אידישן פאָלק דער באַגריף פון אחץ ישראל אלס דאָס לאַנד פון אידן.

„איך האָב דיך היינט אויפגעבונדן — האָט נבוזראדן געזאָגט צו ירמיהון נאָך דעם, וואָס ער האָט געזען יהודה אַ צעטראָטענע פאַר זיינע פיס ליגען — פון די קייטן, וואָס אויף דיינע הענט. אויב עס איז גוט אין דיינע אויגן צו קומען מיט מיר קיין בבל — קום, און איך וועל האַלטן מיין אויג אויף דיר. און אויב עס איז שלעכט אין דיינע אויגן צו קומען מיט מיר קיין בבל — גיי ניט. זע דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר דיינע אויגן. ווי עס געפעלט דיר און וואו עס איז גוט אין דיינע אויגן צו גיין אהינצו — גיי.*)

ירמיהו איז אבער דאָן קיין בבל ניט געגאַנגען. ער האָט גע־וואָלט דינען אלס ביישפּיל פאַר די אַלע איבערגעבליבענע, זיי זאָלן היילִיק און טייער האַלטן דאָס וואוינען אין לאַנד, און ער איז אין לאַנד געבליבן. און אויך איצט האָט ער אָפּגעראָטן די אידן פון צו פאַר־לאָזן דאָס לאַנד.

זיי האָבן אָבער אים ניט געוואָלט פאָלגן טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן זיך אליין געווענדעט צו אים, ער זאָל זיי זיין ראַט געבן: „גאָט זאָל זיי זאָגן דורך אים דעם וועג", אין וועלכן זיי זאָלן גיין און וואָס זיי זאָלן טאָן"; טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן געשוואוירן: „זאָל גאָט זיין צווישן אונז אַן אמתער און באַגלויבטער עדות, אויב ניט, ווי אַלעס, וואָס גאָט, דיין גאָט, וועט דיר שיקן צו אונז, אזוי וועלן מיר טאָן."**)

„ליגן רעדסטו — האָבן זיי אויסגעשריען צו ירמיהן — גאָט, אונזער גאָט, האָט דיך ניט געשיקט צו זאָגן: איר זאָלט ניט קומען קיין מצרים צו וואוינען דאָרטן. נאָר ברוך בן נריה העצט דיך קעגן

---

*) ירמיה מ׳.

**) ירמיה מ״ב.

אונז, כדי איבערצוגעבן אונז אין די הענט פון די כשדים צו טויטן אונז און צו פארטרייבן אונז קיין בבל."*)

זיי האָבן דעם תלמיד פאר דעם שעיר לעזאזל פון רבין געמאכט און האָבן אים צוזאמען מיט דעם גרויסן לערער זיינעם מיט געוואלד קיין מצרים מיט זיך מיטגעפירט.

און די אלע יאָרן וואָס דער נביא ירמיהו האָט נאָך אין גלות מצרים געלעבט, האָט זיך אויך ברוך בן נריה אין מצרים געפונען. ווי פריער האָט ער דאָרטן פון זיין רבין ניט אָפּגעטראָטן און האָט זיך גענומען אים צו העלפן די טרויעריקע יאָרן פון זיין טיפן עלטער צו טראָגן. ער איז דאָרטן די איינציקע טרייסט געווען פון דעם אלטן און צעבראָכענעם טראַגישן נביא.

עלנד און פארלאָזן האָט זיך געמוזט פילן ברוך בן נריה נאָך דעם טויט פון זיין גרויסן לערער. עס איז דאָך אים אוממעגלעך געווען שטענדיק צו פילן זיינם אָפּגעטיילט פון דעם לעבן פון יענעם. ער האָט דאָך אים קיינמאָל ניט אויף א ליינגערן פעריאָד ציים פארלאָזן. ער האָט דאָך שטענדיק אין אזא פולער מאָס מיט זיין לעבן געלעבט. ער האָט זיך דאָך אזוי שטארק צוגעוואוינט צו פילן ארום זיך שטענדיק די אָטמאָספערע פון דעם באליבטן לערער זיינעם, צו הערן שטענדיק דעם קלאַנג פון זיינע רייד און צו זען פאר זיך שטענדיק דאָס געטלעכע געשטאלט זיינס. עס איז אויף אים דעריבער געפאלן שווער דער פארלוסט פון גרויסן נביא. דער גרויסער אומ־גליק, וואָס האָט אים געטראָפן, האָט זיין הארץ צעבראָכן, און עס איז אים ענג געוואָרן דער באָדן אין מצרים. ווי א פרעמדער האָט ער זיך געפילט צווישן די גולים, וואָס האָבן אים און דעם פאר־שטאָרבענעם רבין זיינעם דאָס לעבן פארביטערט, און זיינען נאָך אויך איצט, נאָכדעם, וואָס עס האָט זיי אין אזא גרויסער מאָס די שטראָף פון גאָט געטראָפן, הארטנעקיק און ווידערשפעניק צו גאָט געבליבן.

ער האָט ניט געקענט מער בלייבן דאָרטן און איז קיין בבל געקומען.

און דאָ האָט ער באלד א פיבערהאפטע טעטיקייט אָנגעהויבן,

---

*) ירמיה מ"ג.

צו קולטיווירן און פּפלעגן דעם בליענדן גאָרטן פון אידישן ווי־דערגעבורט און דערהויבונג, וואָס ער האָט דאָרטן דערזען פאַר זיך. עס איז פאַר אים א נחת רוח געווען צו זען, ווי אנדערש עס זעט דאָ אויס דאָס אידישע לעבן פון דעם, ווי ער האָט עס אָט ערשט אין מצרים געזען. ער האָט אין דעם, וואָס זיינע אויגן האָבן דאָרטן דערזען, זיין באַלוינונג געפונען פאַר די שווערע נסיונות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען. דאָס אַלעם האָט געטרייסט אביסל דאָס צע־בראָכן הארץ זיינס, וואָס האָט אַזויפיל געטרויערט אויף דעם טויט פון זיין לערער. דאָס אַלעם האָט געשטילט אין אים אביסל די בענקשאַפט, וואָס האָט געטליעט אין אים נאָך זיין פאַרשטאָרבענעם לערער. עס האָט פון דעם נייעם געלייטערטן אידישן לעבן, וואָס ער האָט דערזען פאַר זיך, ארויסגעשטראַלט פאַר אים דאָס שטראַ־לענדע געשטאַלט פון גרויסן פאַרשטאָרבענעם נביא, און האָט געוועקט אין אים מוט און אקטיוויטעט, ער זאָל ארבעטן דערפאַר, דאָס אידישע לעבן דאָרטן זאָל נאָך מער פון דעם גייסט פון אַלעם דעם, וואָס ער האָט געלערנט און געפּריידיקט, דורכגעדרונגען ווערן.

ברוך בן נריה האָט געבראַכט מיט זיך קיין בבל די נבואות פון זיין רבין. דאָרטן האָט ער זיי רעדאקטירט און צוזאַמענגעשטעלט אין איין זאַמלונג און פאַרשפּרייט זיי צווישן די גולים, וועלכע האָבן זיי פלייסיק געשטודירט. מער נאָך, ווי אין אַלע אַנדערע ספרים, האָבן זיי — די גולי בבל — זיך אין די נבואות פון ירמיה פאַר־טיפט. אין דעם מצב, וואָס זיי האָבן זיך געפונען, האָט געמוזט באַזונדערס אַפּעלירן צו זיי דער פּאַטעטישער און עלעגישער טאָן פון זיינע נבואות. דער אנדענקען פון אָט דעם ערשט פאַרשטאָר־בענעם לעצטן נביא, וואָס האָט אויף דעם באָדן פון ארץ ישראל נבואות געזאָגט, האָט געמוזט ביי זיי טייער און הייליק זיין. מיט נייגעריקער געשפּאַנטקייט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט דערויף, ווי אַזוי עס איז מקויים געוואָרן אַלעם, וואָס ער האָט פאַראויסגעזאָגט. מיט טיפן טרויערפולן אינטערעס האָבן זיי פאַרפאָלגט די ענטוויקלונג פון דעם פאָלקס קאַטאַסטראָפע, ווי זי ווערט אין זיינע נבואות געשיל־דערט, און האָבן מיט באַוואונדערונג און באַגייסטערונג פאַרטיפט זיך אין דעם לעבן און קעמפן פון דעם דאָזיקן טראַגישן העלד, וועל־כער האָט פון זיך זיין נשמה אויסגעוויינט אויף דער שרעקלעכער

קאטאסטראָפע, וואָס האָט זיין אומגליקלעך פאָלק געטראָפן, און וועלכן עס האָט יעדער שלעכט וואָרט, מיט וועלכן ער איז צו זיין פאָלק געקומען, אַזויפיל שאַרפער ווייטאָג געקאָסט.

אויסער די נבואות פון ירמיהו און די מגילת איכה זיינע, וועלכע ברוך בן נריה האָט געבראַכט מיט זיך קיין בבל, האָט ער אויך פאַרענדיקט די אַרבעט פון גרויסן לערער זיינעם אין צוזאַמענשטעלן די ספרי הנביאים הראשונים: יהושע, שופטים, שמואל און הויפּט־זעכלעך די „מלכים"*) ספרים, וועלכע צייכענען זיך אַזוי אויס מיט דעם וואונדערבאַרן רואיקן און אָביעקטיוון טאָן, אין וועלכן זיי זיינען געשריבן, מיט דער וואונדערלעכער אַרכיטעקטור פון די היסטאָרישע באַשרייבונגען, וואָס זיי ענטהאַלטן.

אין די שילדערונגען פון די געשיכטלעכע פּאַסירונגען, וואָס געפינען זיך אין זיי, קומען קיינמאָל ניט אַריין צופיל אויספירלעכע דעטאַלן, וואָס זיינען ניט נויטיק צום עיקר הענין. זיי געפינען זיך אָבער דאָרטן דאָך געגוג דערויף, דער לעזער זאָל קענען פאַר זיך אַ קלאָר בילד האָבן וועגן דעם וואָס עס ווערט אים דערציילט. עס פעלן אין זיי ניט קיינמאָל אָט יענע אַלע דעטאַלן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט באַזונדער וויכטיקייט. און איינפאַך איז די שפּראַך, אין וועלכער עס ווערן אין די דאָזיקע היסטאָרישע ספרים די געשיכט־לעכע פּאַסירונגען איבערגעגעבן, און דאָך זיינען די בילדער אַזוי רעליף און קריצן זיך אַזוי טיף אין זכרון פון לעזער איין.

וואָרום ווי איינפאַך די שפּראַך איז ניט, איז דער אופן פון דערציילן אין די דאָזיקע ספרים, ווי אין די אַלע אַנדערע ספרים פון תנ"ך אַ וואונדערבאַרער. און דעריבער צייכנען זיך אויס אין זיי די דערציילונגען מיט מערקווירדיקער אַרטיסטישער אַרכיטעקטור, און צייטנווייז אויך מיט מערקווירדיקן אַרטיסטישן גלאַנץ. און אָפטמאָל קומען אמת, דאָרטן די פּאַסירונגען געפאַרבט. די פאַרבונג באַשטייט אינדי מערסטע פעלע אין דעם אופן אויסטייטשן פון אַ געוויסער פּאַסירונג, זי זאָל קענען דינען אַלס באַשטעטיקונג צו די צילן און צוועקן, וואָס דער שרייבער האָט זיך געשטעלט ביים צו־

*) „ירמיה כתב את ספרו ואת ספר מלכים" — בבא בתרא י"ד, ב'. יהושע, שופטים, שמואל האָבן זיי רעדאַקטירט, און די ספרי מלכים אליין געשריבן.

זאַמענשטעלן זיין ספר, אין דעם, וואָס ער גיט אַ געוויסע באַמערקונג צו צו איר, וועלכע זאָגט עדות אויף די טענדענצן פון ספר. זיי קומען אָבער ניט די פּאַסירונגען געפעלשט קיינמאָל. עס רעדט צו אונז פון יעדן וואָרט און יעדן בילד די שטימע פון אמת ארויס.

און אַ וואונדערבאַרן איינדרוק מאַכט אויף אונז די איינהייט־לעכקייט, די אויסגעהאַלטנקייט און די האַרמאָניע, וואָס הערשן אין דעם דאָזיקן ספר. עס פילט זיך, ווען מען לייענט אין אים, אַז דאָס זיינען ניט גלאַט אַזוי מעשיות דערציילטע, אַז דער עיקר כוונה פון שרייבער איז ניט געווען די געשיכטלעכע פּאַסירונגען, נאָר אַן און פאַר זיך צו דערציילן. מען פילט, אַז דער שרייבער באַצוועקט הויפּטזעכלעך מיט זיין שרייבן אַ געוויסע אידייע דורכצופירן, ארויפ־צוצווינגען אויף דעם לעזער דעם אמת, אין וועלכן ער גלויבט. מען זעט, אַז דער שרייבער איז אויסן צו געבן אונז ניט נאָר געשיכטע, נאָר אויך די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע. מען זעט, אַז ער איז מיט זיין אַרבעט אויסן געווען ניט נאָר אַ דערציילער צו זיין, נאָר אויך אַ דערציער. ער האָט געוואָלט דורך איר אַ פאָלק איבער־דערציען. ער האָט געוואָלט דורך איר אַ גאַנץ פאָלק צו אַ העכער מאָראַלער מדרגה דערהויבן. מען בעדאַרף נאָר איינעמע ווילן אין ספר זיך פאַרטיפן צו זען, אַז די אַלע געשיכטלעכע פּאַסירונגען, וועלכע ער דערציילט אונז אין ספר, זיינען ניט מער, ווי אילוסטראַ־ציעס נאָר צו אָט יענער גרויסער אידייע, אין וועלכער ער האָט גע־גלויבט, אַז די מאָראַלישע געזונטקייט פון אַ פאָלק ברענגט אים צו זיין פּאָליטישער געפאַלנקייט, אַז דאָס פאַרנאַכלעסיקן פון אַ פאָלק די מאָראַלע ווערטן פון זיין נאַציאָנאַלן איך מוז פירן דערצו, אַז עס זאָל דער גאַנצער פאָלקס איך צעפאַלן ווערן;*) אילוסטראַציעס צו אָט יענער גרויסער אידייע, דער גלויבן אין וועלכער ער האָט געוואָלט אויף דעם גאַנצן פאָלק ארויפצווינגען.

*) עס מאַכט אַ מערקווירדיקן איינדרוק דער אויסערלעכער רואיקער טאָן פון אונטערדריקטן פּאַרדרוס, אין וועלכן דער ספר „מלכים" דערציילט אונז וועגן די שלעכטע אויפפירונגען פון שלמהן אויף די עלטערע יאָרן, און ניט ווייניקער איג־טערעסאַנט איז אויך די גרויסע אינערלעכע, שטילע פרייד, וואָס שפּראָצט ארויס פון יעדן וואָרט פון שרייבער, ווען ער שילדערט דאָס לעבן פון די מלכים, וואָס זיינען צדיקים געווען.